STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09477

NOVELN

Y. Finer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פינער

נאָוועלן

פאַרלאַג: יידיש בוך ווארשע

I. Finer

NOWELE

okładka i obwoluta: R. CHOF
הילע און אָבוואָלוטע: ר. כאָף

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH" WARSZAWA, NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 4251. Nakład 3 000 egz. Druk ukończono w październiku 1961 r. Ark. druk. 9, wyd. 7,5. Pap. druk. sat. V kl. 61 × 86 70 g. Druk RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. S-72.

אַ באַגעגעניש מיט אַ הונט

ס'איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג. אויף די בולוואַרן האָט גערוישט און געקאָכט. עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז גאָר קיין אומעט נישטאָ אויף דער וועלט, קיין אומעט נישט און קיין צער. פון יעדן פּנים אין דער לאַנגער פּראָצעסיע פון שפּאַצירגייער האָט אַרויסגעלויכטן אַ פריינטלע־כער און גליקלעכער שמייכל.

פּאַמעלעך ציט זיך די פּראָצעסיע פון גליק, קיינער יאָגט זיך נישט. יעדער איינער פון אָט די שפּאַצירגייער האָט עמעצן, ווער עס האָט אים ליב, האָט עמעצן, וועמען ער האָט ליב. די האָט אַ מאַן; דער האָט אַ פרוי; ביידע האָבן עלטערן, קינדער, אייניקלעך.

חוץ איין זיינוול. ער האָט קיינעם נישט.

ער האָט בלויז זכרונות?

ווייל וועלכער מענטש האָט דאָס נישט קיין זכרונות? דער אָרעמס־טער, דער עלנטסטער מענטש אפילו האָט אויך זכרונות.

פּאַרוואָסזשע טאַקע האָט זיינוול היינט נישט אויסגעקניפּט זיין בינטל זכרונות אין זיין בוידעם־שטיבל, ווי ער טוט עס יעדן אָוונט, ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט? פּאַרוואָס איז ער אַרונטערגעגאַנגען אין גאַס און האָט זיך געלאָזט פאַרשלעפּן דורך זיינע אומעטיקע טריט אויף די בולוואַרן? ווער דאַרף אים דאָ? וועמען זוכט ער? ווער וועט אים אויסשטרעקן אַ האַנט אַ ברידערלעכע: — „האַ, זיינוול, דאָס ביסטו? וואָס מאַכסטו עפּעס" — קיינער נישט. ער קען קיינעם נישט.

זיינוול ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. ער האָט טאַקע נישט באַדאַרפט אַרויסגיין פון שטוב. ער זעט שוין, אַז אין גאַס איז ער נאָך עלנטער ווי ביי זיך, אין זיין בוידעם־שטיבל. יענעמס פרייד איז אַ קנאַפּע טרייסט.

האָט טאַקע זיינוול באַשלאָסן צוריקצוגיין אַהיים און זיך איינצו־שפּאַרן צווישן די פיר עלנטע ווענט זיינע. ער וועט זיך אַנידערזעצן ביי

זיין אָרעמען טישל און וועט אַריינקוקן אין אַ בוך, אָדער ער וועט סתם עפּעס טראַכטן, פּונקט ווי ער האָט געטאָן געטראַכט:

„אַז אָט איז ער נאָך אַ לאַנגער קווענקלעניש אַרויס אין גאַס, אפשר וועט ער דאָך עמעצן באַגעגענען... עס קען דאָך גישט זיין, אַז ער זאָל נישט טרעפן קיין שום באַקאַנטן, מיט וועמען אַרויסצורייִדן אַ וואָרט. אָבער צו גלייכער צייט האָט ער זיך עפּעס ווי געשראָקן עמעצן צו באַ־געגענען, ווייל טאָמער וועט ער נישט קענען אויסמיידן די נישט־באַקוועמע און נישט־דיסקרעטע פראַגעס, וואָס יענער קען אים שטעלן, אין שייכות מיט דעם אונטערערדישן לעבן, פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי ווי בעת דער אָקופּאַציע, נאָר פּסיכאָלאָגיש. האָט ער געמוזט צוריק אַנטלויפן אין שטוב אַריין. און אָט זיצט ער און טראַכט, אַז עס בלייבט אים אין ערגעץ נישט וווהין צו גיין, ער זיצט שבעה נאָך זיך אַליין, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ טויטער“.

און ווי ער גייט אַזוי און טראַכט וואָס אַזוינס ער וועט טראַכטן, דערפילט ער פּלוצלונג, ווי עמעץ גייט אים נאָך.

זיינוול האָט זיך אומגעדרייט און זיין בליק האָט זיך צוגויפגעשטויסן מיטן בליק פון... אַ ברוינעם קודלעוואַטן הונט. לכתחילה האָט זיינוול אַ טראַכט געטאָן, מאלע וואָס עס גייט זיך אַ קודלעוואַטער הונט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק. און ער איז ווייטער געגאַנגען. אָבער דער הונט איז אים נאָכגעגאַנגען. זיינוול איז אַריבערגעגאַנגען אויף אַ צווייטן טראָטואַר, דער הונט אויך אַזוי. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ צווייטער גאַס, דער הונט האָט פּאַמעלעך זיך דערנענטערט און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן זיינע פיס.

זיינוול האָט גענומען זיך גוט צוקוקן צום הונט.

ווי האָט ער אים שוין באַגעגנט? צי נישט אַמאָל אין איינעם פון זיינע חלומות? יאָרנלאַנג האָבן זיך אים געחלומט הינט, גרויסע, קליינע, שוואַרצע, ווייסע. אָבער מאָדנע, ווי אָט די אַלע הינט, וואָס פלעגן זיינוולען קומען צו חלום, האָבן עפּעס געהאַט ווי איין פּנים, נישט געקוקט אויף דער פאַרשידנקייט פון זייער וווקס און פון זייער קאָליר. יעדער הונט האָט אַנדערש אויסגעזען, ווען מען האָט אים אָנגעקוקט פון דער ווייטן, אָבער ווען מען איז צו אים צוגעקומען נענטער, האָבן אַלע באַקומען איין מאָרדע און פון אַלעמענס אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער זעלבער ווילדער היגטישער צער, וואָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן.

דער ברוינער קודלעוואַטער הונט, וואָס איז איצט געלעגן זיינוולען

צופוסנס, האָט אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט געווען אַנטלאָפן פון יענע חלומות.

פרעגט זיך: וואָס טוט דאָ איצטער דער ברויגער קודלעוואַטער הונט? וואָס אַזוינס האָט ער, פּאַסט זיך צו זאָגן, צו בילן, צו דערציילן, צו פאַרלאַנגען, צו מאָנען?

— אַנו הונט — האָט זיך זייגוול צו אים געוואָנדן — וואָס איז דיין באַגער? פון וואַנען קומסטו? ווי הייסטו לויט דיין הינטישער מעטריקע?

דער הונט האָט אַ דריי געטאָן מיטן עק, אַ סימן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען זייגוולס פראַגעס, אָבער געבילט האָט ער נישט. קוים-קוים, וואָס ער האָט אַ מרוקע געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז ער איז אַ הונט אַן אמתער, אַ הונט פון פלייש און ביין און נישט בלויז קיין געשפּענסט, וואָס שלעפּט זיך אַרום אין די קאָשמאַרן פון יענער זייט פון אמתן לעבן.

זייגוול האָט אים אָנגעקוקט, אַ גלעט געטאָן איבער דער פעל און געפּרווט זיך דערמאָנען ווו און ווי אַזוי ער האָט אים באַגעגנט — נישט ערגעץ אין אַ קאָשמאַר, נאָר טאַקע אויף דער וואַך. זייגוולס שטערן האָט זיך צעפאַלדעוועט אין קנייטשן. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין זכרון, און פּלוצלונג האָט ער טאַקע געגומען זיך דערמאָנען.

דאָס איז דאָך דער הונט, וועלכן ער האָט געראַטעוועט דאָס לעבן — איז אים אַ ציטער דורך דורכן לייב.

יאָ, דאָס לעבן האָט ער געראַטעוועט דעם דאָזיקן הונט פון פלייש און ביין. איצט דערמאָנט ער זיך אַלץ, גלייך ווי דאָס וואָלט נעכטן זיך פאַרלאָפן.

עס קאָן זיין, טראַכט זייגוול, אַז דער דאָזיקער ברויגער קודלעוואַטער הונט אַלאַרמירט דאָס טאַקע אַלע אַנדערע הינט פון דער וועלט וואָס חלומען זיך אים, כדי זיי צו דערציילן, וואָס פאַר אַ טאַט איינער אַ מענטש האָט אַנומלט פאַר זייגעטוועגן געטאָן. דאָס איז דאָך נישט אַזאַ אָפּטע דערשיינונג, אַ מענטש זאָל זיך אָננעמען פאַר אַ הונט, אַ צווייפיסיקער פאַר אַ פירפיסיקן, דאַרף מען דעריבער אויסבילן אומעטום אַ לויב-ליד פאַר זיינעטוועגן. זאָלן די הינט וויסן, וואָס פאַר אַ טייערער מענטש און הינט-פריינט זייגוול איז. ביז איצט פלעגט מען באַזינגען די טריישאַפט פון הינט, ווי זיי שטעלן דאָס איין זייער הינטיש לעבן פאַר זייערע באַלעבאַטים, האָט איינער אַ הונט זיך געפונען אין טויט-סכנה און ער

וואָלט אָן שום ספק אומגעקומען, ווען עס מישט זיך נישט אַריין אַ מענטש און ראַטעוועט אים נישט אין דער לעצטער סעקונדע.

דאָס אפשר האָט באַדייט דאָס בילעניש, וואָס זיינוול פלעגט פאַרגעמען אין זיינע חלומות. די הינט האָבן אים אַ שבח געזונגען, אָנערקענט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער הינטישער וועלט.

אָבער צי האָט ער באמת אויפגעטאָן מי יודע וואָס? מען קען זיין האַלטונג אויסטייטשן פאַרשידן, בפרט נאָך, אַז דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפילט אין חלום.

אין חלום? — — —

אַ גרויער באַגינען האָט גענומען זיך אויסשיילן פון יענער פינצטערער צייט.

אַלץ איז געווען אָנגעפילט מיט שרעק, מיט אימה. צוערשט האָט זיינוול זיך געכאַפּט, אַז ער שטייט אַ צעטומלטער לעבן עפּעס אַ קירך אויף אַ פּלאַץ אין עפּעס אַ פּראַנצויזישן שטעטל. זאָל ער אַריינגיין אין דער קירך, אָדער זאָל ער לויפן אַנדערשוו זיך אויסבאַהאַלטן? זאָל ער...? זאָל ער נישט...?

דאָס גאַנצע לעבן זיינס הענגט אָפּ פון דעם דאָזיקן באַשלוס.

פון וועלכן באַשלוס?

וואָלט ער געוווּסט פון וועלכן, וואָלט ער זיך אַזוי נישט געקווענקלט. זיין טאַטן און זיין מאַמען האָט די געסטאַפּאָ צוגענומען און האָט זיי אַוועקגעפירט אין פלאָמבירטע וואַגאָנעס אַהין... פון וואַנען, ווער ווייס, צי זיי וועלן נאָך ווען נישט איז צוריקקומען. ער איז גראָד אין שטוב נישט געווען, ווען די געסטאַפּאָ־לייט זיינען געקומען.

יענעם באַגינען האָט ער שוין מער קיין טאַטן און מאַמען נישט געהאַט. ער כּופא איז אויך געווען געיאָגט און געפּלאָגט. אויף אַ האָר איז געהאָנגען זיין לעבן.

זאָל ער אַריינגיין אין דער קירך, אָדער זאָל ער זיך אַריינקירעווען אין יענער גאַס?

און ווי ער שטייט אַזוי פאַרקלערט, דערלאַנגט אים פּלוצלונג אַ שלאָג אין פּנים אַ בילעריי, אַ קלאַנגעניש. פון וואַנען נעמט זיך דאָ מיט אַ מאָל אַזאַ בילעריי? פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל הינט. פאַרוואָס בילן זיי אַזוי שטאַרק?

ער האָט זיך אומגעדרייט. פון דעם גרויען באַגינען האָט זיך אַרויסגעשיילט אַזאַ מין בילד: אַ צווייפערדיקער געשפּאַן צו אַ וואָגן, וואָס איז

אייגנטלעך נישט קיין וואָגן, נאָר אַן אייזערנע שטייג, אַ תפיסה פאַר יאָ־מערדיקע הינט. אין מיטן פון דער דאָזיקער בילעריי שטייט אַ היצל מיט אַ לאַסאָ אין דער האַנט. אין דער פעטליע צאַפּלט זיך אַ הינ־טישער קאָפּ.

יאָ, יאָ, איצט דערמאָנט ער זיך גאַנץ גענוי: אַ גרויער באַגינען, אַ קירך, אַ פּלאַץ, אַ וואָגן מיט יאָמערדיקע הינט, אַ היצל, אַ ברוינער קודלעוואַטער הונט צאַפּלט זיך אין דער פעטליע. דער היצל שליידערט אים אַריין אין דער אייזערנער שטייג און זעצט זיך צוריק אַרויף אויף דער קעלניע.

ווי אַזוי זיינוול האָט געפונען מוט אין זיך אַרויפצושפּרינגען אויפן וואָגן, דאָס קען מען מיט ווערטער נישט דערקלערן. אַ ברוכטייל פון אַ סע־קונדע האָט געדויערט, דאָס אָנגעמען דעם באַשלוס, אַז ער דאַרף ראַטע־ווען די הינט פון דעם היצלס האַנט. ער האָט גאָר קיין צייט נישט גע־האַט צו איבערלייגן זיך, פאַרוואָס ער דאַרף זיי ראַטעווען, קיין צייט נישט געהאַט זיך צו זאָגן, אַז ער אַליין קען דאָך אויך אַריינגעוואָרפן ווערן אין שטייג, אויב דער היצל וועט זיך אומדרייען. ער האָט אויפגע־מאַכט דעם שטייג און איז צוריק אַראָפּגעשפּרונגען. בלויז צוויי אָדער דריי הינט, האָט ער באַמערקט, זיינען אַרונטערגעשפּרונגען פון דעם פאָרנ־דיקן וואָגן. די איבעריקע האָבן זיך עפּעס ווי נישט געטרויט צו שפּרינגען. דער קודלעוואַטער, ברוינער הונט איז צוגעלאָפן צו אים אין טויער. זיי האָבן ביידע דאָרטן זיך אויסבאַהאַלטן אַ האַלבע שעה אַן ערך. דערנאָך האָבן זיי געמוזט זיך צעשיידן.

זיינוול איז אויסער זיך פאַר פרייד, וואָס ער האָט ווידער געטראָפן דעם ברוינעם קודלעוואַטן הונט. ער וואָלט זייער געוואָלט וויסן ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגעפונען אַ זונטיק נאָכמיטאָג אין פּאַריז, ווי אַזוי ער האָט אים דערקענט צווישן אַזוי פיל מענטשן. אָבער ווי דערגייט מען דאָס ביי אַ הונט, וואָס איז אַלט און שוואַך און האָט מסתמא אפילו נישט קיין כוח אַ ביל צוטאָן?

אפשר זאָל ער אים גאָר דערציילן דאָס, וואָס מיט אים, מיט זיינוו־לען, האָט זיך נאָכדעם פאַרלאָפן. ווי אַזוי האָט ער זיך געראַטעוועט פון זיינע היצלס? אַלע היצלס האָבן דאָך איין פּנים און די טויטגעפאַר איז פאַר אַלעמען אַ גלייכע.

— טאָ הער זשע צו מיין ברוינער, קודלעוואַטער ברודער־הונט, הער צו וואָס ווייטער איז געשען. סוף־כל־סוף האָב איך באַשלאָסן צו גיין אין

שטוב גנעמען אַ פעקל זאַכן. איך האָב אָנגעקלונגען. געעפנט די טיר האָט אַ בחור מיט אַ מאַשינגעווער אין דער האַנט. די לאַסאָ האָט ווידער אַ פאָך געטאָן פאַר מיינע אויגן. פון אַנטלויפן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. דער טויט איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. און וואָס פאַר אַ טויט!

דו ביסט נישט מער ווי אַ הונט, ווייסטו טאַקע נישט ווי קליין, ווי שמוציק, ווי אכזריותדיק אַ מענטש קען זיין אין זיין בלוטדורשט; דו קענסט זיך אויך נישט פאָרשטעלן וועלכע אוממענטשלעכע פיזישע און מאָראַלישע יסורים אַ מענטש קען אריבערטראָגן, אויב נאָר ער וויל קיינעם נישט פאַרראַטן, אויב ער וויל זיין אייגענע מענטשלעכקייט נישט פאַרראַטן.

פינקט ווי דיך, אַזוי האָבן אויך מיך די היצלם אַריינגעוואָרפן אין איינעם פון זייערע שטייגן. פופצן טעג בין איך דאָרטן געלעגן אָן עסן, אָן טרינקען, אַ צעהרגעטער, אַ פאַרבלוטיקטער. וויפל מאָל האָב איך זיך געווונטשן דעם טויט. אָבער דער טויט איז נישט געקומען.

דערנאָך האָט מען מיך מיט נאָך אַנדערע געכאַפטע פאַרטיזאַנער אַריינגעשליידערט אין אַ לאַסט-וואָגן און מען האָט אונדז געפירט צו דער שחיטה אויסער דער שטאָט.

ווערסטו מיך דאָך פרעגן, ווי אַזוי איך לעב נאָך? אָט ווי אַזוי: אויפן מיטן וועג האָבן אונדז אָפגעוואַרט פאַרטיזאַנער און נאָך אַ פאַרביסענעם קאַמף האָבן זיי אַרויסגעריסן דעם לאַסטוואָגן פון די היצלם. די באַגלייטערס אונדזערע זיינען דערהרגעט געוואָרן און מיר האָבן זיך געראַטעוועט אין די בערג.

ווי דו זעסט, קען מען אויך אין דער מענטשלעכער וועלט באַגעגנען אַ זיינגוול, וואָס ראַטעוועט דאָס לעבן.

ס'האָט אויסגעזען, ווי דער ברוינער קודלעוואַטער הונט וואָלט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס זיינגוול האָט אים דערציילט, ווייל ער האָט גענומען בילן פאַר פרייד און דרייען מיטן עק, ווי ער זאָל זיך פרייען אי מיט זיינגוולס, אי מיט זיין אייגענעם לעבן. ער האָט זיך געדרייט אַרום דער באַנק, אויף וועלכער זיינגוול איז געזעסן. ער איז געווען מלא שמחה. וואָרעם נאָך אַלעמען, האָט דער הונט מסתמא זיך געטראַכט, נאָך אַלעמען, איז דאָס לעבן פאָרט עפעס ווערט. עס לוינט זיך צו לעבן. בייטאָג שיינט די זון — אמת, נישט אַלע מאָל, אָבער איטלעך מאָל ווען זי באַווייזט זיך אין הימל, ווערט וואַרעם אין די גלידער און ליכטיק אין די עצמות. ביינאַכט שווימט אַרום אין אַ ים פון פינקלענדיקע שטערן די לבנה אַ בלאַ-

סע, אַ טרויעריקע, און אויך זי טרייסט און ווינטשט אַלדאָס גוטס אי די מענטשן, אי די הינט. אַ ביין צו גריזשען געפינט מען אויך פון צייט צו צייט, אפילו ווען מען איז שוין אַלט און צעבראָכן און מען קען שוין נישט פירן ביד חזקה דעם האַרטן קאַמף פאַר דער הינטישער עקזיסטענץ. לעבט מען און מען האָפט אויף בעסערע צייטן. ווייל כל זמן מען אָטעמט נאָך, קען מען זיך נישט פאַרווערן צו האָפן. מיט דער צייט ווערט מען אויך אַ שטיקל פילאָזאָף און מען שטעלט זיך צופרידן מיט אַבי וואָס, און מען טראַכט נישט מער און מען קלערט נישט מער: מען לעבט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין אָן אַ סך באַדערפעניש, אָן אַ סך פאַרלאַנגען. אַזוי איז עס ביי אַ הונט, אַזוי ביי אַ מענטש מסתמא.

דער דאָזיקער „מסתמא" האָט געפונען אָן אָפּקלאַנג אויך אין זיינוולס געדאַנקען. ער איז מסכים געווען מיטן ברוינעם קודלעוואַטן הונט. אויך ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער זון, וועגן דער לבנה און וועגן דער צייט, וואָס קומט און גייט אַוועק. צי איז נישט געקומען די צייט אויך פאַר אים שלום צו מאַכן מיט זיין גורל?

איינצווישן האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. זיינוול האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן שמאָלן פאַס הימל, אויף די שטערן.

איז שוין הייסט עס, האָט ער זיך געזאָגט, דער זונטיק נאָכמיטאָג אויך אַוועק. אָבער ער האָט דעם דאָזיקן נאָכמיטאָג נישט פאַרלוירן, ער האָט צוריקגעפונען אָן אַלטן פריינט, וואָס פרייט זיך מיט אים. איצט וועט שוין זיין היימלעכער צו לעבן אויף דער וועלט.

— קום, מיין גוטער פריינד — האָט ער זיך אָפּגערופן צו דעם ברוינעם קודלעוואַטן הונט — קום מיט מיר. מיר האָבן איינער פון דעם צווייטן נאָך אַ סך וואָס צו לערנען און איינער דעם צווייטן אַ סך וואָס צו דערציילן.

אין שפּיטאָל

יוסף (זיין איצטיקער נאָמען — אליוויע) איז גלייך פֿון באַן אַוועק צום טרעפֿפּונקט, וואָס איז געווען אָפּגערעדט מיט פּופּצן טעג פֿאָרויס. ער האָט זיך געאיילט צו טרעפֿן זשאַנען.

ער האָט פֿאַרשנעלערט זיינע טריט, כּדי וואָס גיכער איבערצוגעבן זיין שליחות און זיך דערוויסן, וואָס זיין זשאַנע מאַכט, זי איז דאָך אין אַנדערע אומשטענדן.

זיי האָבן זיך שוין געהאַט געזען פֿון דער וויטנס, נאָר זייער אַרבעט האָט געפֿאָדערט פֿאָרזיכטיקייט און דערפֿאַר האָבן זיי זיך באַשטעלט אין צענטער פֿון דער שטאָט, נעבן דעם גרויסן מאַגאַזין, וווּ עס איז דאָ אַ געדיכטע באַוועגונג. איידער זיי האָבן זיך דערנענטערט, האָבן זיי זיך גוט אַרומגעקוקט פֿון אַלע זייטן, אַ פֿעסטער האַנטדרוק האָט אַלץ געזאָגט, ווייל מען האָט געמוזט זיין קאַרג אין ווערטער און אין צייט.

יוסף האָט שנעל איבערגעגעבן די פּאָר ביבולע־פּאַפּירלעך, געשריבן מיט דינער שריפֿט, און זי האָט אים באַרואיקט וועגן איר צושטאַנד.

באַלד אָבער איז געוואָרן אַ טומל צווישן דער מאַסע מענטשן. צו זייערע אויערן איז דערגאַנגען, אַז די געגנט איז אַרומגערינגלט דורך דער געסטאַפּאָ, מען זוכט פּאַרטיזאַנער. יוספֿן און זשאַנען איז געלונגען אַריין אין הויז, וווּ עס האָבן זיך אַריינגעשטופּט צענדליקער מענטשן. פֿון שטיקעניש און שרעק איז אָבער זשאַנען נישט גוט געוואָרן. זי איז געפֿאַלן אין יוסינע אָרעמס אַ פֿאַרחלשטע. גלייך האָבן עטלעכע פֿרויען גענומען זי ראַטעווען און יוסף האָט מורא געקראָגן פֿאַר אַ פֿריגעבורט. ער האָט גענומען זשאַנען אויף די אָרעמס און געוואָלט אַריבער אין אַ צווייט הויז. אין זעלבן מאָמענט האָט זיך דורך דער אָפֿענער טיר אַריינגעריסן די געסטאַפּאָ.

זשאַנע האָט פּלוצעם געעפֿנט די אויגן און אויסגעשריען: — אַנטלויף!

ער האָט איר געדריקט די האַנט און אַ זאָג געגעבן שנעל:

— מאָרגן קום איך אין שטאָטישן שפּיטאָל, און ער איז אַוועק.

דערזעענדיק די געפאַר האָט זשאַנע גלייך געגומען שלינגען די געשריבענע זייד־פּאַפּירלעך, דאָס האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן און זי האָט פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין.

ווען זי האָט צום ערשטן מאָל געעפנט די אויגן, האָט זי דערזען אויפן וואַנט אַ קאַלענדאַר. איר פאַרנעפּלטער בליק האָט אויפגעכאַפּט די דאַטע: דער 5־טער מאַי 1944. אַרום איר זיינען געשטאַנען מענער און פרויען אָנגעטאָן אין ווייסע פאַרטעכער, זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און פון צייט צו צייט איר געשטעלט פראַגן. אָבער זי האָט גאָרנישט געהערט, עס האָט איר געקלונגען אין די אויערן טויזנטער גלאָקן. אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין פאַרגליווערטן זאַץ: — מאָרגן קום איך אין שטאָטישן שפּיטאָל!

דער שפּיטאָל איז געלעגן באַרג אַרויף, הינטער דער שטאָט, אַרומגענומען מיט אַ פּאַרק, ווי אַ גאַרטל, איינגעהאַלטן די קרובהשאַפט צווישן די באַזונדערע אָפּטיילונגען. די געבורטס־אָפּטיילונג האָט זיך געלאָזט באַזונדערס מערקן מיט איר גרינעם בלעטער־טוך פון ווילדע טרויבן־געוויקסן, אין וועלכע זי איז געווען ווי אויסגעצירט. אויפן לעצטן שטאָק האָט זיך געפונען דער געבירטס־זאַל, וווּ עס איז געווען שיטער צעשפּרייט אַ בלייכע עלעקטרישע ליכט, פּונקט ווי זי וואָלט געקומען פון דרויסן.

אויפן אָפּעראַציע־טיש איז זשאַנע געלעגן אין קראַמפּן. אין דער שטילקייט האָט זיך דערטראָגן צו איר דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן פונעם וואַנטזייגער. פון צייט צו צייט איז אַריין אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פון זשאַנען און איז צוריק פאַרשוווּנדן.

זשאַנע האָט געפילט, ווי דאָס לעבן לויפט פון איר אָפּ. מיט פאַרביסענע ליפּן האָט זי איינגעהאַלטן יעדן קרעכץ. אונטער דער ווירקונג פון די איינשפּריצונגען האָט זי דאָך געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון איר לאַגע און געוואָלט מיט אַלע כוחות איינהאַלטן די געבורט ביז מאָרגן.

צווישן די אָפּטיילונגען פון זעלבן שפּיטאָל איז געווען איינע, רעזערווירט דורך דער ווערמאַכט פאַר שווער־פאַרוווּנדעטע פּאַטריאָטן, וואָס מען פלעגט ברענגען אַהער אויסצוהיילן, כדי זיי צו קענען נעמען שפּעטער אויף אַ פאַרהער אין די פּייניקונגס־קאַמערן, אין די קעלערן, ערגעץ אין צענטער פון דער שטאָט.

איף איינעם פון די ווייסע בעטלעך ליגט יוסף. זיין קאָפּ ברענט, די צונג אין מויל איז פאַרטרוקנט. פאַר די אויגן שוועבן משונהדיקע, אָפּגעריסענע בילדער, וואָס קלעפּן זיך נישט איינס מיטן אַנדערן. יוסף פּרוּווט אויפהייבן דעם קאָפּ, ער דערפילט אָבער אַ שרעקלעכן ווייטיק. ער לאָזט זיך אַרונטער ווי אַ שווערע משא אין קישן אַריין, עס דוכט זיך אים, אַז ער קייקלט זיך כסדר אַראָפּ אין אַן אָפּגרונט אַריין. אָפּגעריסענע קרעכצן דערגייען צו זיינע אויערן און בלייבן אים שטעקן אין האַלדז און גיסן זיך צונויף מיט זיין אייגענעם ווייטיק, וואָס ברענט אין זיין בלוט. שוואַרצע שאָטנס רייסן אים ביים אָרעם; ווילדע קולות הילכן אָפּ איבער אים:

— ווי איז דיין נאָמען?!

עס הערט זיך בלויז אַ כאָרכלען פון זיין פאַרבלוטיקט מויל. אין זאַל, אויף די איבעריקע בעטלעך, הערשט אַ טויט-שטילקייט. בלויז אויגן קוקן זיך איבער, און אַלע זיינען געוואָנדן צו יוספס בעט, ביי וועלכן עס שטייען צוויי אויסגעפּוצטע מענער אין גרוי-גרינע מיליטערישע קליידער. דאָס קלאַפּן פון זייערע שטיוול אויפן באָדן פילן אַז די לופט מיט אַ טעמפּן ווידער-קול.

אויפן בעטל נומער צוועלף ליגט יוסף, אין שטאַרקן פיבער, אַיין קויל אין פּוס און אַ צווייטע — אין קאָפּ. די קראַנקן-שוועסטער האָט אים נאָר וואָס צוגעגרייט צו דער אָפּעראַציע. אַ וועגעלע אויף דריי רעדער האָט אים אַרויסגעפירט פון זאַל, באַגלייט פון אַלעמענס בליקן. אַלע האָבן אינסטינקטיוו זיך געשראָקן פאַר זיין צושטאַנד, און כאָטש קיינער האָט אים נישט געקענט, האָבן דאָך די איבעריקע פאַרוווּנדעטע פאַרשטאַנען, אַז אויב די לייט פאָרען זיך אַזוי אַרום אים, מוז ער זיכער זיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און אַלע האָבן זיך געפילט פאַרבונדן מיט זיין גורל.

דער צוגעזאָגטער מאָרגן האָט לאַנג שוין געשוועבט איבערן שטאָטישן שפּיטאָל. די שאָטנס האָבן געקלעטערט אויף די ווייסע ווענט, איבער די אָפּעריר-מכשירים, צונויפגעזאַמלטע אין די מעשענע קאַך-קעסלעך.

זשאַנע איז געגאַנגען צו קינד שוין דעם צווייטן טאָג, אַלע איינשפּריצונגען האָבן איר נישט געהאָלפן. זי האָט שטיל געמורמלט דורך אירע בלייכע ליפּן: — קום יוסף, כ'וויל מיט דיר צוזאַמען דערלעבן די

ערשטע זעונג פון מיין קינדס אַנטפּלעקונג, כ'וויל זיין טאַטע זאָל אים דער ערשטער אַ קוש טאָן.

אין אַ ווייס צימערל, אויף אַן איינצלנעם בעטל איז געלעגן זשאַנע, נאָך אַ פאַרשלאָפענע פון כלאָראָפאָרם. מען האָט דאָס קינד ביי איר אָפּגענומען דורך אַ קייזער־שניט.

די קראַנקן־שוועסטער האָט געוואַכט סיי אויף איר, סיי אויף איר קליינעם שוועלבעלע, וואָס איז געלעגן באַזונדער אין אַ בעטעלע, נישט ווייט פון דער מאַמען.

זשאַנע האָט ווי געשוועבט אין חלל. די קראַנקן־שוועסטער האָט זי געפּרוווט וועקן, געבנדיק איר פּעטשלעך אין פּנים אַריין: מאַמעלע, מאַמעלע, ווייסטו כאָטש דיין פריידיקע נייעס, דיין קינד איז אַ פּראַכט, עס וועגט זיבן פונט. עס איז שיין ווי אַ מלאך.

זשאַנע האָט פּאַמעלעך צעעפנט אירע גרויסע מאַנדל־אויגן, וועלכע זיינען געווען איינגערעמט אין שוואַרצע געדיכטע ברעמען און האָבן נאָך צאַרטער געמאַכט דאָס לענגלעכע געזיכט. זי האָט זיי אָבער שנעל צוריק פאַרשלאָסן. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי וויל נישט ווערן וואַך.

די קראַנקן־שוועסטער האָט געעפנט דאָס פענצטער און האַלב פאַרמאַכט די לאָדנס, אַז די זון זאָל נישט שטערן די קראַנקע. זונען־ליכט און שאָטנס האָבן זיך געשפּילט אויף די ווענט פון צימער און שפּילנדיק פאַרבלאָנדזשעט אויף דעם בעטל, וו עס איז געשלאָפן דאָס ניי־געבוירענע נפשל מיט צוויי פאַרביילטע ראָזע הענטעלעך. די ליכט האָט עס אויפגעוועקט פון שלאָף און עס האָט הילכיק זיך צעשריגן. זשאַנע האָט אין זעלבן אויגנבליק ברייט צעעפנט אירע אויגן און געוואָנדן זיי אין דער ריכטונג פון קינד. די שוועסטער האָט עס איבערגעוויקלט און דערלאַנגט אין די אָרעמס פון דער מאַמען, זי זאָל אים געבן די ברוסט.

זשאַנע האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן, וועלכע זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט צום קינד. די קראַנקן־שוועסטער האָט איידל געבעטן ביי זשאַנען:

— ליבע פרוי, מען האָט ביי מיר שוין עטלעכע מאָל געפאָדערט פון ביוראָ אייערע פּאַפּירן און וואָס פאַר אַ נאָמען איר ווילט געבן דעם קינד?

די מוטער האָט שטיל געשטאַמלט:

— כ'קאָן אייך נישט זאָגן דעם נאָמען... ער דאַרף באַלד קומען... איך וואַרט שוין אויף אים פון דער ערשטער מינוט, זינט כ'בין צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין דאָ אין שפּיטאָל... מיר האָבן זיך אָפּגערעדט

צו טרעפן דאָ... כ'צייל יעדע מינוט... כ'הער זיך צו צו יעדן טראָט... ער קומט זיכער... ער מוז קומען...

זשאַנע איז געווען זייער שוואַך און מיד, זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז איינגעדרימלט געוואָרן מיטן קינד ביי דער ברוסט.

די קראַנקן־שוועסטער איז גערופן געוואָרן צום טעלעפאָן.

אין דער ספּעציעלער אָפּטיילונג האָט דאָס זעלבע וועגעלע צוריקגע־בראַכט פון אָפּעראַציע־זאַל דעם נומער צוועלף. אויפן בעטל האָט מען איצט בלויז אונטערשיידט אַ שטיקל מענטשלעך פּנים מיט איין אויג, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער די באַנדאַזשן.

פּלוצים האָט זיך דאָס איינצלנע אויג צעעפנט, עס איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט און ווילד געקוקט אַרום. די אַנדערע פאַרוווּנדעטע האָבן דערפילט, אַז ער זוכט עמעצן. צוויי אָפּגעהאַקטע זאַצן זיינען זיך צעפלויגן איבערן זאַל: — מאָרגן וועל איך קומען אין שטאַטישן שפּיטאָל...

די זאַצן האָבן זיך איבערגעחזרט אויף אַלע טענער: כאָרכלענדיקע, האַלב־פאַרהלשטע און דערשטיקטע. די קראַנקע האָבן אומזיסט געפּרוווט פאַרשטיין דעם זין פון די אַרויסגעכאָרכלטע ווערטער.

ווען אַ קינדס געוויין פון די ניי־געבוירענע האָט פאַרבלאָנדזשעט דורך די פענצטער, פלעגט די מענטשלעכע מאַסע אויפן בעטל נומער צוועלף אַ ציטער טאָן און דאָס פאַרלאָפענע אויג פלעגט זיך ברייט צעעפענען.

אין איינער פון יענע נעכט האָבן זיך פּלוצים דורכגעריסן דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס בליצן, און דער שטורעם־ווינט האָט פאַרטויבט די דונערן. אַ שרעקלעכער קראַך האָט אויפגעריסן די לאָדן, די פענצטער און די טירן. מען האָט געמיינט, אַז עס איז אַ דונער, אָבער לויט דעם הילכן פון די סירענעס, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז עס קומט פאָר אַ לופט־אַנגריף, זיכער אויף דער געווער־פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפונען נישט ווייט פון שפּיטאָל. אַלע שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע זיינען געלאָפן אין די קע־לערן, אויך די וואַך האָט שנעל פאַרשלאָסן טיר און טויער און איז אַוועק אין די קעלערן. די לופט איז געווען פאַרהילכט פון די באָמבע־אויפ־רייסן און פון דעם גערויש פון די אַוויאָנען. מען האָט געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען איבער די דעכער.

אַ בלייכער שאָטן איז געקראָכן צווישן די בעטלעך, טאַפּנדיק מיט

די הענט אין דער פינצטערניש. מיט אַ מאָל האָט מען געהערט ווי אַ מאַסע איז אַרויסגעפאַלן דורכן פענצטער, אַ טויטע שטילקייט האָט ווידער באַהערשט דעם זאַל.

די פאַרגליווערטע שטילקייט איז צעריסן געוואָרן פון די שנעל־איילנדיקע שטיוול־טריט אויף דעם נאַסן אַספאַלט פון שפּיטאָל־הויף.

עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן האָבן דורכגעלעכערט די שוואַרצע נאַכט. דאָס בעטל נומער צוועלף איז געווען ליידיק.

זשאַנע האָט אַ דערשראָקענע אויפגעעפנט די אויגן. דאָס קינד האָט געזויגן די ברוסט.

מיט אַ מאָל האָבן אירע בלייכע פיבערדיקע ליפּן זיך אויסגעקרומט, אַ טיפער ווייטיק האָט באַהערשט איר קערפּער, זי האָט פון פיבער אַ געשריי געטאָן:

— יוסף, דו ביסט דאָ! אָבער ווו זיינען דיינע הענט? כ'זע נישט מער דיין קאָפּ מיט די גרויסע לאָקן, דיינע אויגן זיינען אינגאַנצן אויסגעלאָשן, דו ביסט אינגאַנצן קאַלט, יוסף, ווו ביסטו!

דאָס געשריי האָט זיך געהערט פון דרויסן אין פּאָדער־צימער, די קראַנקן־שוועסטער האָט שנעל אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אַריין צו דער קראַנקער אין צימער. זי האָט אַוועקגענומען דאָס קינד, און טאַפּנדיק דעם פּולס פון דער קראַנקער, שטיל, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן: — איר האָט איצט פיבער.

זשאַנע האָט געשוויגן, אירע אויגן האָבן עדות געזאָגט וועגן איר גרויסן צער.

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך איבערגעשראָקן און געוואָלט אַרויסגיין רופן אַ דאָקטאָר, זשאַנע האָט זי אָבער צוריקגערופן און מיט אַלע כוחות גענומען רעדן, איר שפּראַך איז נישט געווען קיין גאַנץ קלאָרע. די שוועסטער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעט, געבעטן זשאַנען זיך באַרואיקן, זשאַנע האָט זי אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און אירע ליפּן האָבן געמורמלט די לעצטע ווערטער:

— מיין קינד... גיט אַ נאָמען... יוסף... נאָך זיין טאַטן... איך הייס זשאַנע... ביידע פּאַרטיזאַנער...

און איין צינגל פון דער וואָגשאָל האָט איבערגעוויגן...

דער פּראָצעס

און איין צינגל פון דער וואגשאל האָט איבערגעוויגן... וועלכע וואגשאל?

די וואָגשאָל פון דער גערעכטיקייט — פון דער יוסטיץ. כדי זי אָנצו-רופן מיט איר אָפיציעלן נאָמען, די וואגשאל פון דער געטין טעמיד מיט פארבונדענע אויגן, וואָס איר בילד באַצירט די ווענט פון אַלע געריכט-זאַלן אין פראַנקרייך און פון דער אַזוי גערופענער ציוויליזירטער וועלט.

וועלכעס צינגל האָט אָבער איבערגעוויגן, וועלכעס צינגל פון דער דאָזיקער וואגשאל?

דאָס צינגל, וואָס האָט סימבאָליזירט דאָס בלוט פון זעקס מיליאָן קרבנות, האָט איבערגעוויגן דאָס בלוט פון אַ נאַצי-גענעראַל, דאָס בלויע, אָדער ברוינע בלוט פון איינעם פון יענע רוצחים, וואָס האָבן זיך פאַר-נומען אויסצוראָטן פון דער אויבערפלאַך סיי דעם גוף, סיי די נשמה פון דעם יידישן פאָלק.

נאָר לאָמיר נישט פארלויפן דעם וועג.

אייגנטלעך איז דאָס געווען אַ טאָג ווי אַלע טעג פאַר דער געטין טעמיד, וואָס קוקט פון דער פאָדערשטער וואַנט, דאָרט וווּ די טריבונע געפינט זיך, אַ שטרענגע, אַ קאַלטע, אַ גלייכגילטיקע. זי קוקט אַראָפּ אויפן עולם, אויף די געסט, וואָס זיינען געקומען אַהער, אין פאַריזער יוסטיץ-פּאַלאַץ, אַ קוק טאָן אויף דעם היינטיקן באַשולדיקטן.

דער געריכט-זאַל איז געווען איבערפולט. נישט ווייניק מענטשן האָבן צוליב דוחק אין פּלאַץ געמוזט בלייבן אין דרויסן.

אין תוך גענומען איז געווען שטיל, אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז גאָר אַ טומל, אַ ליאַרעם, גלייך איינער וואָלט וועלן דעם אַנ-דערן אַריבערשרייען. נישט אַנדערש — די דערוואַרטונג, זי גופא האָט געשריגן מיט כלערליי קולות.

און איך? איך האָב אין דער דאָזיקער שטילקייט מיטגעשריען.

כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, גלייך מיינע זכרונות פון יענער מאָוימדי־קער צייט וואָלטן אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטעניש, איטלעכער מיט זיין ספּעציפישן וויטיק, און אַלע שרייען אַריין אין דער שטילקייט.

נאָר אָט האָט זיך אַריינגעריסן אין מיינע מחשבות אַ קול פון אַ גלעקל; דאָס גלעקל פון דעם טריבונאַל.

דאָס געיעג פון מיינע מחשבות האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. די שפּאַנונג האָט באַקומען אַ געשטאַלט. די יוסטיץ־געטין איז אָפּגע־טראָטן אין אַ זייט פון מיין זע־פעלד. אינעם מיטלפּונקט פון מיין ראיה האָט זיך באַוויזן אַ דיקער זשאַנדאַר, אַ רויטער פּנים אויף אַ קיילעכדיקן גוף, און דערנאָך: צוויי מענער אָנגעטאָן אין ציווילע מלבושים, צוויי יינגערע פרויען און איינע אַן עלטערע פרוי.

— דאָס איז זי! — האָט זיך דערהערט אַ שושקעריי אינעם זאַל.

— זי, די מאַמע!

— וועמענס מאַמע?

— די „יידישע מאַמע“!

די „יידישע מאַמע“, האָט מיר עמעץ אַ זאָג געטאָן שיר־שיר נישט אין אויער אַריין, ווי איך וואָלט געהאַט נאָכגעפרעגט ביי אים ווער זי איז.

איך גראָב זיך אַריין מיט די אויגן אין דעם פּנים פון דער „יידישער מאַמע“, ווי מיינע שכנים האָבן איר אַ נאָמען געגעבן, מיט דער בפירו־שער כוונה צו דערגיין, נאָך איידער דער טריבונאַל וועט האָבן אַרויסגע־טראָגן זיין פּסק־דין קעגן איר, וווּ די „יידישקייט“ אירע שטעקט און ווו עס שטעקט איר „מאַמעשקייט“.

אַ קאָפּ גרויע האָר קוקט אַרויס פון אונטער אַ געבלימטער שאַל. איך באַגעגן זיך מיט אירע אויגן — טיפע, גוטע און ווי צו זיך גופא פאַרקערעוועטע, וואָס זעען אַלץ און גאָרנישט; אויגן, וואָס קוקן ווייט אינעם עבר אַריין... טיפע קנייטשן שניידן דורך איר געזיכט אין דער לענג און אין דער ברייט. און איטלעכער קנייטש איז אַ נעסט פאַר אַן אַנדער מין צער, פאַר אַן אַנדער קאַטעגאָריע פון יסורים.

די מיטלסטע טיר אויף דער טריבונע האָט זיך געעפנט און דער געריכטס־דינער מיט דער דיקער מעשענער קייט אויף דער ברוסט איז אַריין מיט דער בשורה, אַז דער טריבונאַל קומט אָן.

אַ כאָפּטע מענער אין לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט פּאַרטפעלן אונטער די אָרעמס האָבן, ווי עס ווייזט אויס, געוואַרט אויף דעם דאָזיקן

סיגנאַל און האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון אַלע ווינקעלעך מיט אַזאַ האַסט, גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרזאַמען אַ צוג. צופוסנס פון דער טריבונע האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט איטלעכער ביי זיין שטענדער.

מיט אַ מינע פון חשיבות זעצן זיך אויס די מיטגלידער פונעם טריבונאַל. דער פּראָקוראָר פאַרנעמט זיין אָרט לינקס פון לאַנגן טיש. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט פון אינעווייניק געהאַלטן אין אָרגאַניזירן די שטריכן פון זיין פנים אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסדריקן נישט בלויז שטרענגקייט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ קטיגור, נאָר אויך רוגזה און קפּדנות.

דער פּאָרזיצער ווישט בינו לבינו אויס מיט אַ טאַשנטיכל זיינע ברילן, מיט געמאָסטענע, ווי פאָרויס באַרעכנטע באַוועגונגען.

הגם אין זאַל איז רואיק, שטיל, געפינט דער פּאָרזיצער פאַר נויטיק אַ קלונג צו טאָן מיטן גלעקל און צו בעטן דעם עולם זיך צו פאַרהאַלטן רואיק. וואָרעם ער איז פעסט אַנטשלאָסן, באַמערקט ער, נישט צוצולאָזן קיינע מאַניפעסטאַציעס נישט קעגן, נישט לטובת דער אָנגעקלאָגטער. מאָנאָטאָן קלינגט זיין שטים, מאָנאָטאָן, פאַרשלאָפן, מיט אַן אונטערטאָן פון ערגערניש. אפשר איז קיין שלום-בית ביי אים אין שטוב נישטאָ? אפשר ליידט ער אויף עפּעס אַ קרענק?

דער פּאָרזיצער גיט נאָך אַ קלונג מיטן גלעקל, איידער ער צעשיידט זיך מיט אים, און נעמט אַרויסלייענען פון אַ פּאַפּיר:

„דעם פערצטן מאַי 1947 יאָר איז תאַנס פאָן שפּיגעלמאַן, געוועזענער גענעראַל פון דער עס-עס, אַ באַשולדיקטער אין האָבן צווישן 1942—1944 באַגאַנגען סיי אין פּאַריז סיי אין דער פּראָווינץ אַ גאַנצע ריי פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט, לויטן טערמין, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער נירנבערגער טריבונאַל צו משפּטן די מלחמה-פאַרברעכער האָט אַריינגעפירט אין דער יוריספּרודענץ, אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער תפיסה אין פּאַריז.

„די אויספאָרשונג פון פאָן שפּיגעלמאַנס מעשי תעתועים איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן פאַרענדיקט. דעם טאָג ווען ער איז פאַרסמט געוואָרן — דאָס איז געווען דעם אַכצנטן יולי — האָט ער טאַקע געזאָלט ווידער אַ מאָל דערשיינען פאַרן אויספאָרשונגס-ריכטער, כדי פאַרהערט צו ווערן מכח זיינער אַ געווויסער פאַראָרדענונג צו דערשיסן אַכט ערובניקעס. דער דאָזיקער פּרט איז צוליב זיין טויט נישט אויפגעקלערט געוואָרן. דער דירעקטאָר פון דער תפיסה, רענע פּאַשע, האָט בשעתו געקראָגן געהעריקע דירעקטיוון אויפצופּאַסן מיט באַזונדערער אויפמערק-

זאַמקייט אויף דעם באַשולדיקטן פאָן שפיגעלמאַן. אָבער ער איז — ווי די
אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אומוויליק — געוואָרן אַ מיטשותף
צו דעם מאָרד=אַקט, וואָס יוכבד שטיינמאַן איז באַגאַנגען. דאָס אייגענע
קאָן מען זאָגן וועגן די ביידע אַנדערע מיט=אָנגעקלאָגטע, דעם תפיסה=
געהילפסקובער, זשאַן באַרדול, און דעם וועכטער פאָל לעגראַן. פאַרן
טריבונאַל בלייבט איבער אויפצוקלערן די באַדינגונגען, ביי וועלכע יוכבד
שטיינמאַן איז, אָן די געוויינלעכע גויטיקע פאָרמאַליטעטן, צוגעלאָזן גע=
וואָרן ווי אַ געהילף=קעכין אין דער תפיסה=קיך, ווי אַזוי, איר האָט זיך
איינגעגעבן צו געווינען דעם צוטרוי פון דער תפיסה=אַדמיניסטראַציע.
דאָס אַלץ וועלן די עדות פעסטשטעלן. וואָס שייך דער הויפּט=אָנגעקלאָג=
טער אין דעם דאָזיקן פּראָצעס יוכבד שטיינמאַן, האָט די אויספאָרשונג
קיין גרויסע מי נישט געהאַט צו באַווייזן, אַז זי האָט איר אַקט אויסגע=
פירט מיט אַ פּרעמעדיטאַציע. זי איז לכתחילה אָנגעקומען ווי אַ געהילף=
קעכין אָדער קיך=אַרבעטערין מיט דער כוונה צו פאַרסמען פאָן שפיגעל=
מאַן. איבעריקנס האָט זי דאָס צוגעגעבן שוין ביי איר ערשטן פאַרהער,
זי האָט גענומען אויף זיך די אחריות סיי פאַר דער צוגרייטונג, סיי פאַרן
אויספירן דעם מאָרד איבער דעם געפאַנגענעם פאָן שפיגעלמאַן.

פאָן שפיגעלמאַן האָט די אָנגעקלאָגטע שטיינמאַן קיין איין מאָל
אפילו פריער נישט געהאַט געזען; נישט זי, נישט איר, דורך דער
געסטאַפּאָ פאַרפייניקטן זון, דעם סטודענט שטיינמאַן. אַזוי, אַז דער
מאָטיוו, וואָס די אָנגעקלאָגטע גיט אָן, אַ געפיל פון נקמה, לאָזט זיך
באַגרייפן נאָר אויף העלפט.

„דער טריבונאַל וועט דאַרפן אָפּשאַצן אויב און ווי ווייט אַזאַ געפיל
קאָן אויף איר מלמד זכות זיין. עס דאַרף גילטן ווי באַווייזן, אַז איר
קרבן פאָן שפיגעלמאַן איז געווען דער תלין — הגם נישט אויף אַ דירעקטן
אופן, וואָרעם ער גופא פלעגט זיך נישט באַטייליקן אין די עקזעקוציעס
איבער פיל פראַנצויזישע בירגער, יידן צי נישט=יידן. אמת, די אויספאָר=
שונג פון זיינע מעשים איז, ווי שוין דערמאָנט, דעם טאָג ווען ער איז
אומגעקומען, נאָך נישט געווען פאַרענדיקט! אָבער דאָס וואָס מען ווייסט
פון זיין טעטיקייט איז שוין אויך גענוג אַרויסצורופן אַ געפיל פון נקמה
ביי די, וואָס האָבן געליטן פון דער געסטאַפּאָ אין דער אָקופּאַציע=צייט.

„דער טריבונאַל — איז דער פּאָרזיצער מוסיף מיט עפּעס ווי אַ פאַר=
שלייערטן קול, גלייך ער וואָלט אויסן געווען נישט מער ווי יוצא צו
זיין — דער טריבונאַל וועט אויך האָבן פעסטצושטעלן פון וואַנען עס

האָט זיך גענומען ביי די געשווירענע געריכטס־דאָקטוירים די זיכערקייט צו זאָגן, אַז דער געפאַנגענער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. וואָלט יוכבד שטיינמאַן נישט געקומען גלייך נאָכדעם, ווי די אָוונט־צייטונגען האָבן מודיע געווען וועגן פאָן שפיגעלמאַנס כלומרשטן זעלבסטמאָרד, וואָלט זי, זאָג איך, נישט געקומען אין קאָמיסאַריאַט אַליין זיך פאַרמסרן, וואָלט אפשר גאָרנישט געקומען צום הייניקן פראָצעס. די אויספאָרשונג איז בכן געווען אַ ריין־פאָרמעלע, ווייל יוכבד שטיינמאַן האָט מיט אַלע פרטים דערציילט ווי זי האָט זיך צוגעגרייט צו איר „נקמה־אַקט“. זי האָט פון אָנהויב אָן, מוז איך נאָך באַמערקן, זיך אַרויסגעגעבן ווי די איינציקע שולדיקע און האָט בשום אופן נישט געוואָלט צוגעבן, אַז עמעץ האָט איר צוגעהאָלפן. דאָס אַלץ וועט דאָ מוזן אויפגעקלערט ווערן אין גאַנג פון משפט. אָט דאָס זיינען די פאַקטן, דאָס איז דער באַשולדיקונגס־אַקט“.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער פאָרזיצער האָט געלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט, האָב איך נישט אַראָפגענומען די אויגן פון דער „יידישער מאַמען“, וואָס איז בעת מעשה געזעסן די הענט פאַרלייגט אויפן שויס, אַ צופרידענע, אַ גליקלעכע כמעט, מיט אַ קוים מערקבאַרן שמייכעלע אויף די ליפן, ווי איינע, וואָס האָט נישט פאַרוואָס און פאַר וועמען מורא צו האָבן, ווייל זי איז שווה בשווה מיט זיך, מיט איר גורל און מיט דער גאַנצער וועלט. מיטן פאַרסמען דעם רוצח האָט זי אייגנטלעך פאַרענדיקט אַלע אירע חשבונות. נישט דאָס לעבן האָט פאַר איר אַ וועלכן נישט איז באַטייט און אפילו נישט דער טויט. וואָס איז דען דער טויט? וועמען קען ער שרעקן?

פרוי שטיינמאַן שאָקלט צו מיטן קאָפ צו דעם פאָרזיצערס לעצטער באַמערקונג, אַז זי האָט זיך אָפגעזאָגט צו נעמען אַ פאַרטיידיקער. וואָרעם וואָס קען שוין אַ זייטיקער מענטש, מעג ער ווי באַרעדעוודיק זיין, פאַרשטיין אויסצומאָלן די יסורים, די ענויים קשים, וואָס די געסטאַפאָ־לייט האָבן אָנגעטאָן איר זון, פאַר איר אין די אויגן? סוף כל סוף איז דאָך דאָס דער עיקר פון איר פראָצעס, אַזוי האַלט זי, און נישט דער פאַקט, וואָס זי האָט אָפגעסמט פאָן שפיגעלמאַנען.

דעם פאַרהער פון די מיטאָנגעקלאָגטע און דאָס אויסהערן פון די עדות האָט מען גיך אָפגעפטרט. אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז די מערדערין גופא איז נישט שולדיק, וועלן זיי דאָך אוודאי ריין זיין פון יעדער זינד. אַזוי, דאַכט מיר, האָט אויסגעפירט איינער פון די מיטאָנגעקלאָגטע;

דערפֿאַר האָט ער זיך פֿאַרטיידיקט ווי מיט אַ האַלבן מויל. אָדער אפֿשר איז דאָס גאָר געווען מיין אייגענער אויספֿיר, ווייל כ'האָב מיך אין גאַנצן אַריינגעפֿילט אין וויקטאָרס לאַגע.

כ'האָב געהאַט דעם געפֿיל, ווי וויקטאָר וואָלט דאָ איצט געזעסן מיט מיר אויף דער זעלביקער באַנק. איך האָב אים ביים לעבן נישט געקענט, אָבער ס'איז גענוג געווען כ'זאָל אויף אַ רגע צומאַכן די אויגן, איך זאָל אים דערקענען, וואָרעם אויסגעזען האָט ער ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו מיין חבר שלומען, וואָס האָט אויסגעהויכט זיין ליכטיקע נשמה אונטער די בלוטיקע שטיוול פֿון די מלאכי חבלה; ענלעך צו אַזוי פֿיל חברים און חברטעס.

„זאָל די באַשולדיקטע — ווענדעט זיך צו איר דער פּראָקוראָר מיט פּאַטאָס — זיך נישט אָפּזאָגן פֿון אַן אַדוואָקאַט. ס'איז אַן ערנסטער מאָמענט ביז גאָר, זאָל זי נישט זיין איינגעעקשנט; זאָל זי דערציילן נאָך מער פּרטים איבער די מאָטיוון, וואָס האָבן זי געשטויסן צו דער דאָזיקער טאַט! ער פֿאַרשטייט איר האַרץ, ער ווייסט, אַז דאָס איז געווען אַ פֿאַרצווייפֿלונגס־אַקט פֿון איר זייט. אָבער נישט שוין זשע האָט זי מורא געהאַט זיך צו פֿאַרלאָזן אויף דער פֿראַנצויזישער יוסטיץ, וואָס וואָלט דאָך באַלד — אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אוודאי — געפֿאָדערט פֿון אים אַ דין וחשבון פֿאַר זיין טעטיקייט? ווי אַזוי האָט זי זיך פֿאָרט געלאָזט באַהערשן פֿון אַן עפּעקט?

דאָס, אָדער כדומה לזה האָט דער פּראָקוראָר געטענהט.

און נאָך אַ פֿאָרוואורף האָט דער פּראָקוראָר געמאַכט דער אָנגעקלאָגטער: הלמאי זי האָט מיט איר פֿאַרצווייפֿלונג געוואַרט אַזוי לאַנג?

ער האָט זיך אָבער באַלד אַליין געכאַפּט, אַז זיין טענה איז גאָר קיין טענה נישט, וואָרעם זי האָט פּשוט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו קאָנען נקמה נעמען פּערזענלעך, מיט די אייגענע הענט.

דער פּראָקוראָר האָט זיך געוואָנדן צום עולם, פֿונאַנדערשפּרייטנדיק בעת מעשה די אָרעמס מיט אַ מינע, גלייך ער וואָלט זיך געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דער ראָל, וואָס אים קומט אויס צו שפּילן.

— מיין אויפֿגאַבע איז גאָרנישט קיין לייכטע, מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט נאָר מיט צוויי צדדים, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ מערדער און מיט אַ דערמאָרדעטן, נאָר מיט אַן אַ צאָל הרוגים; צווישן דער מערדערין און

דעם געמאָרדעטן ליגן גאַנצע בערג מיט אומשולדיק דערמאָרדעטע. אַלע פאַראַגראַפן, וואָס דאָס פראַנצויזישע געזעץ־בוך שטעלט אין מיין רשות, זיינען נישט בכוח צו קוואַליפיצירן — און צו פיקסירן, וואָלט איך געזאָגט — די שטראָף, וואָס קומט די הענקערס פון אונדזער ציוויליזאַציע. ווי איר זעט, מיינע הערן געשווירענע ריכטער — האָט ער זיך אומגעדרייט אויף דאָס ניי מיטן פנים צום טריבונאַל — ווי איר זעט, גייט דער דאָזיקער פראָצעס אַרונטער פון זיינע געוויינלעכע רעלסן. די שאָטנס פון די טויטע פאַרשטעלן אַלע מיינע פאַראַגראַפן. איך בין פאַרן אמת, פאַר דער מידת־הרחמים אויפן צד פון דער באַשולדיקטער יוכבד שטיינמאַן. אַ שטראָף קומט איר, אָבער אַ מילדע שטראָף... די אָנגעקלאָגטע האָט — דאָס שטייט פעסט — נישט געהאַנדלט אויס נידעריקע מאָטיוון. איר אייגענער גורל און דער טרויעריקער סוף פון איר זון האָבן זי געשטויסן צום מאָרד. זאָל זשע דער פסק־דין, וואָס די געשווירענע וועלן אַרויסטראָגן, נישט זיין קיין פאַרגוואַלטיקונג פון דעם פראַנצויזישן געזעץ־בוך, אָבער אויך נישט קיין פחיתת־הכבוד פאַר דער פראַנצויזישער טראַדיציאָנעלער יוסטיץ, פאַר דעם פראַנצויזישן זין פאַר גערעכטיקייט.

און אָט דערהער איך אַ שטים פון דער פרוי גאָר נאָענט פון מיר, אַ שטים וואָס איז אַרומגעריגלט דורך אַ מאַוימדיקער שטילקייט:

„ניין, איך וויל נישט קיין אַדוואָקאַטן, וואָס זאָלן מיך פאַרטיידיקן. מיינע הערן געשווירענע ריכטער, איך האַלט, אַז מיין פאַל איז האָפנונגלאָז! מיין זון וועט שוין צוריק לעבעדיק נישט ווערן — און איך — וואָס טויג מיר נאָך זיך אַרומצודרייען אויף דער וועלט, ווו איך האָב קיינעם נישט, קיין לעבעדיקן נפש נישט, ווער עס זאָל האָבן אַן אויג און אַן אויער פאַר מיר? יאָ, וואָס טויג מיר נאָך זיך צו פאַרענטפערן, ווען איך ווייס, אַז ס'איז קיין ענטפער פאַר מיר אין ערגעץ נישט פאַראַן אפילו נישט אינעם טויט, אוודאי און אוודאי נישט אינעם לעבן!“

אַלע פריערדיקע וויזיעס האָבן זיך אָפּגעטאָן פון מיר, די איינע שטים פון דער „יידישער מאַמען“ האָט מיך באַהערשט — ווי אַלעמען אין זאַל.

ווי זאָל איך אין אָרעמע ווערטער איבערגעבן דעם טעמבר פון דער דאָזיקער שטים, איר פאַרב, איר קלאַנג?

דאָס איז געווען אַ קול, ווי עס וואָלט אַרויסגעקומען „ממעמקים“, פון דער טיפעניש; טויב און הילכיק צו גלייכער צייט; שוואַך און דאָך

לייכט און באַפליגלט! אַ קול, וואָס האָט געפאָדערט גערעכטיקייט — נישט פאַר זיך גופא, נאָר פאַר אַ גאַנצן דור.

איך האָב בפירוש געשפירט, אַז די שטים פון דער „יידישער מאַמע" איז אַ צו קליינע פאַר דעם גרויסן צער, וואָס זי האָט אין איר געוואָלט אַריינגיסן און דער צער גייט אַריבער איבער ראַנדן...

„איך וועל זיך דאָ איצט נישט אַריינלאָזן אין שילדערן אַלע פּרטים פון די ליידן. איך וועל זיך נאָר באַמיען אָנצווייזן די מאָטיוון, וואָס האָבן מיך געטריבן צו מיין טאַט, וואָס פאַרדינט אין ס'רוב פאַלן טאָקע באַשטראָפט צו ווערן מיט טויט. נאָר דער טויט שרעקט מיך נישט מער. נאָכדעם ווי איך האָב זיך געפונען פנים אל פנים מיט אים, אין אַזוינע באַדינגונגען, ווו ער איז געווען גאָר אַ ליבער גאַסט.

איך האָב אייגנטלעך אויסגעפירט די שליחות פון אַ גורל, וואָס האָט דורך מיין שולד זיך טועה געווען און דעם אַדרעסאַט. יאָ, דורך מיין שולד, ווי איר וועט דאָס באַלד, מיינע הערן געשווירענע ריכטער, געוויר ווערן.

„אַ קורצע הקדמה צו דער עצם־געשיכטע פון דעם דאָזיקן טעות: יציאת־פּאַריז איז געווען דער ערשטער עטאַפּ אויפן לאַנגן, בלוטיקן וועג, וואָס האָט געדויערט מער ווי פיר יאָר. דער צווייטער עטאַפּ מיינער איז געווען — פון דער פּראָווינץ צוריק קיין פּאַריז. מיין זון, וויקטאָר, האָט זיך געהאַט איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דער געפאַנגענשאַפט. איך האָב געהאַט בדעה צו ליקווידירן מיין ביסל באַלעבאַטישקייט און צוזאַמען מיט אים צוריק זיך אַריבערקלייבן אין דער אַזוי גערופענער פרייער זאָנע.

„מיין זון איז, ווי אַזוי פיל אַנדערע פּראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע אַנטלאָפן פון זיין סטאַלאַג, נישט כדי צו קענען לעבן ווי אַ פרייער מענטש — דאָס האָט ער געוווסט וועט אים ווי אַ יידן אין יענער צייט פון ראַסן־שגעון זיין פאַרווערט — נאָר כדי צו קאָנען קעמפן פאַר דער פרייהייט און פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פראַנקרייך. האָבן מיר, הייסט עס, זיך אַריבערגעשמוגלט, נישט אָן שוועריקייטן, אויף יענער זייט. מיין זון האָט זיך תיכף פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג און האָט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, געשטעלט אין קאָן.

ער איז געווען אַ געזונטער מאַן און האָט פאַרמאָגט אַ שיינע פרוי און אַ ליב קינד. הארט פאַר דער מלחמה האָט ער אָפּגעגעבן זיין לעצטן עקזאַמען אין דער סאָרבאָנע. ס'איז אים פאָרגעשטאַנען אַ בכבודיקע צוקונפט ווי אַן אינזשיניער־כעמיקער. אָבער די צוקונפט האָט מען זיך געדאַרפט פאַרדינען. מיין זון האָט זיך גענומען מיט גאָר זיין ענערגיע, מיט

נאָר זיין יוגנטלעכער התלהבות, אַרויסרייסן זיין צוקונפט פון די הענט פון די מלאכי־חבלה. איך דאַרף אייך געוויס נישט דערציילן מיט וויפל סכנות זיין פּאַרטיזאַנען־טעטיקייט איז געווען פאַרבונדן. טויט אויף טריט און שריט און אַזוינס, וואָס איז נאָך ערגער ווי טויט.

„אין יאָר 1943 איז מיין זון צוגעשטאַנען צו אַ יידישער פּאַרטיזאַנען־פאַרמאַציע; מיין שנור איז געווען פאַרנומען מיט אַן ענלעכער טעטיקייט. זייער קינד איז געבליבן מיט מיר אין שטוב. איך האָב געליטן, דוכט מיר, מער ווי איך בין בכוח איצט זיך פאָרצושטעלן, הגם ערשט שפּעטער איז מיר געווען באַשערט צו פאַרזוכן דעם אמתן טעם פון יסורים. מיינע ליידן האָבן געהאַט איין נאָמען: שרעק! איך האָב קיינמאָל נישט אויסגעפרעגט מיין זון, וואָס ער טוט, ווייל איך האָב מורא געהאַט זיך צו דערוויסן אַ נאָמען, אַ דאַטע, ווי אייגער, וואָס ווערט אייגגעשפּאַרט אין אַ צימער, וו עס געפינט זיך אַ צייט־באָמבע, האָט מורא, אַז אָט־אָט פּלאַצט זי! אויב מען איז אַליין נישט געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער באַוועגונג, איז צו יענער צייט געווען בעסער, גאָרנישט צו וויסן. אַלץ וואָס עמעץ האָט געוווסט פון דער טעטיקייט פון אַן אונטערגרונד־קעמפער איז געווען אַ מין צייט־באָמבע טאַקע, אַ גרויסע סכנה אי פאַר זיך גופא אי פאַר אַ צווייטן און פאַר אַ דריטן! אין דעם פאַל איז דער „צווייטער" געווען מיין אייגענער זון! איך האָב טאַקע שטענדיק געציטערט פאַר זיין גורל. פונדעסטוועגן — איך דערמאָן דאָס איצטער נישט אָן אַ געוויסן שטאָלץ — האָב איך קיין מאָל נישט געפרווט אויף אים משפיע צו זיין, נישט מיט אַ וואָרט, נישט מיט אַ רמז אַפילו, אים אָפּצוהאַלטן פון דעם וועג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן. דאָס גיט מיר, מיין איך, דאָס רעכט צו האַלטן איצט הויך דעם קאָפּ. איך האָב אים קיין מאָל נישט אָפּגערעדט פון זיינע פליכטן, פון די סכנות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

„איך האָב געציטערט, ווי נאָר אַ מאַמע קען ציטערן, באַכדעם ווי זי האָט שוין פאַרלוירן סיי איר מאַן סיי איין זון אין דער מלחמה. מיט ציטערניש און מיט דערוואַרטונג האָב איך אויסגעפילט יעדע מינוט מיינע; דער מינדסטער גערויש, וואָס פלעגט דערגיין צו מיר, פלעגט ביי מיר ממש אָפּנעמען הענט און פיס.

„און אָט, אַ פרימאָרגן, נאָר לאָמיר זיך גענוי דערמאָנען: אַרום צען אַזייגער אינדערפרי איז דאָס געשען. מיין אייניקל איז שוין געווען אין שול. איך הער מען קלאַפּט אין טיר. מיין זון האָט אַ שליסל אַן אייגענעם, מיין שנור אויך.

„איך האָב קוים באַוויזן צו עפֿענען די טיר, ווי איך בין פֿון פֿינף פֿאָר הענט צוריק אַרייַנגעשלײַדערט געוואָרן מיט אַזאַ כּוח, אַז איך בין אומגעפֿאַלן. פֿינף געסטאַפּאָ־לײַט, פֿינף האַנט־מאַשינגעוועערן האָבן זיך אַרייַנגעריסן צו מיר אין שטוב אַרייַן. אך בין געלעגן אויף דער ערד: אַ בינטל שרעק, אַ בינטל שגעון. וואָס ווייטער איז געשען, געדענק איך נישט גאַנץ קלאָר, ווייל איך בין געפֿאַלן אין חלשות. ווי לאַנג איך בין געלעגן אָן באַוווסטזיין, איז מיר אויך שווער צו זאָגן. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך האָב אויפֿגעמאַכט די אויגן, האָב איך געזען אַן איבערגעקערטע שטוב. אַלץ איז געלעגן אויף דער ערד, ווי נאָך אַ פּאָגראָם, די טישקעסלעך אַרויסגעצויגן פֿון די טישן, די שופֿלאָדן פֿון דער קאַמער זיינען געלעגן צעבראָכענע. הויפֿנס פּאַפּירן און מלבושים האָבן זיך געוואַלגערט אין מיטן שטוב. די שרעק האָט מיר געהאַט צוגענומען דאָס באַוווסטזיין, די זעלביקע שרעק האָט, ווי ס'ווייזט אויס, מיך אָפּגעמינטערט. די געסטאַפּאָ! די געסטאַפּאָ! האָט מיר געפּויקט אין די שלייפֿן, די געסטאַפּאָ ביי מיר אין שטוב, מיט האַנט־מאַשינגעווערן, היינט דעם 17־טן יולי, אַ טאָג — האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט — ווען עטלעכע חברים דאַרפֿן זיך טרעפֿן מיט מיין זון אויף אַ באַראַטונג. ווען דאַרפֿן זיי קומען? עלף אַזייגער דאַרפֿן זיי זיך דאָ טרעפֿן! עלף אַזייגער! און איך ליג דאָ און קען זיי נישט וואָרענען. די שרעק, האָב איך געזאָגט, האָט מיר אָפּגענומען דאָס באַוווסטזיין, די שרעק האָט מיך אָפּגעמינטערט, און ווידער איז דאָס געווען די אייגענע שרעק, וואָס האָט מיר פּלוצלונג אַרייַנגעגעבן אַ געדאַנק, וואָס איך האָב צו טאָן. איך האָב זיך געגעבן אַ הייב אויף פֿון דער ערד, מיט איין שפּרונג בין איך געשטאַנען ביים פֿענצטער. נאָך איידער די געסטאַפּאָ־לײַט האָבן צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָב איך שוין געהאַט אויפֿגעריסן דעם פֿענצטער און האָב ווי נישט מיט מיין קול אָנגעהויבן צו שרייען: „צו הילף! גנבים, גזלנים זיינען מיר באַפֿאַלן! צו הילף!“

דער געדאַנק איז געווען אַזאַ: זאָל מען זיך צוזאַמענלויפֿן, זאָל ווערן אַ געזעמל אויפֿן גאַס. טאָמער קומען אונטער ביגו לבינו מיין זון מיט זיינע חברים, וועלן זיי אוודאי פֿאַרשטיין, אַז די געסטאַפּאָ געפֿינט זיך אין שטוב און זיי וועלן קענען באַצייטנס אַנטלויפֿן.

„איך פֿאַרשפּאָר אייך צו דערציילן ווי אַזוי די געסטאַפּאָ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר. איך טראָג נאָך היינט אויף מיין לייב אָן אַ צאָל סמנים פֿון די מערדערישע קלעפּ, וואָס איך האָב געקראָגן פֿון דער געס-

טאַטאַ ווען זיי האָבן גענומען פאַרשטיין מיין שפּיצל. אָבער מיינס האָב איך געהאַט אויסגעפירט. מיין שנור איז געקומען די ערשטע. זי האָט לאַנג נישט געדאַרפט אויספרעגן די שכנים, וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אָפּגעוואַרט אויפן ראָג גאַס די חברים און האָט באַוויזן זיי איבערצוגעבן די ידיעה. די באַראַטונג על־פּי אַזייגער איז בכן נישט צושטאַנד געקומען. איך האָב געטראַכט, אַז זיי וועלן דאָ מאַכן אַ סוף מיט מיר: אָבער ניין! זיי האָבן משמעות מיך נאָך געדאַרפט האָבן אַ לעבעדיקע... זיי זיינען פאַרבליבן אין שטוב ביי מיר, זיי זיינען פאַרבליבן מיך היטן און אויפפאַסן טאָמער וועט פאָרט עמעץ קומען אומגעריכט.

„אַזוי איז אַריבער איין שעה נאָך דער צווייטער; לייכט צו זאָגן: אַריבער. אין האַרצקלאַפּעניש, אין קלעמעניש... ניין, נישטאָ גאָר אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל קענען איבערגעבן דעם צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב זיך געפונען: פון איין זייט, האָפענונג, אַז מיין זון איז שוין אַ געראַטעוועטער און, פון דער צווייטער זייט, שרעק טאָמער וועט מען אים דאָך כאַפּן. האָפענונג און שרעק איניינעם, אויסגעמישט ווי אין קאָשמאַר. אין אָט דעם צושטאַנד האָב איך זיך געפונען אַ גאַנצן טאָג, ביז... די טיר איז אויפסניי אויפגעריסן געוואָרן און אַנדערע געסטאַפּאָ־מחבלים האָבן אַריינגעוואָרפן אין שטוב אַריין מיין זון.

„איך האָב אייך אָקאָרשט געזאָגט, מיינע הערן געשווירענע ריכטער, אַז איך טראָג נאָך עד היום אויף מיין לייב צייכנס פון זייערע שטיוול, צייכנס, וואָס מען קען זען און אָנטאַפּן; דער סימן אָבער, וואָס איז מיר פאַרבליבן אויף דער נשמה פון יענעם אָוונט, זעט מען נישט, נישט מיט קיין נאַקעט אויג, נישט מיט דער הילף פון אַ געזעץ־בוך; מען קען אים אויך נישט אָפּווישן מיט קיין שום נקמה־אַקט... איך האָב מיין קינד קוים דערקענט. זיין גאַנצער פּנים איז געווען איין־אונאײנציקע ווונד; בלוט האָט זיך אים געגאָסן פון מויל, פון דער נאָז, פון די אויערן; מיין קינדס בלוט! איך האָב גענומען אים אָפּווישן דאָס בלוט. זיי האָבן מיר נישט געשטערט. דאָס האָט מיך שטאַרק געחידושט. נאָך מער: איינער פון זיי האָט מיר אפילו געזאָגט, איך זאָל אים באַנדאַזשירן דעם קאָפּ און זאָל אים מאַכן אַ גלאָז טיי, ווייל ער איז מסתמא דורשטיק, פאַרשמאַכט. אַזוי בפירוש האָט ער זיך אויסגעדריקט.

„אַריינגעפאַלן איז מיין קינד אין מיינע אָרעמס כמעט אַ טויטער, קוים־קוים, וואָס די נשמה האָט געצאַפּלט אין אים. מיר איז געראָטן אים אויפצוועקן פון זיין לעטאַרגישן צושטאַנד. איך האָב אים איינגע=

שטילט דאָס בלוט; איך האָב אים באַנדאַזשירט דעם קאָפּ; איך האָב אים אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפע. אַלץ אונטער די אויגן פון די געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט זייערע געווערן. איך האָב זיך צוגעזעצט נעבן אים. אים געגלעט די הענט. דאָס איז געווען אַזאַ מין שמועס אָן ווערטער, אַ שמועס, וואָס יעדע מאַמע פירט מיט אירם אַ קראַנק קינד. אַ שעה צייט האָט דאָס אפשר געדויערט. דערנאָך האָט איינער פון זיי אים געהייסן זיך אַנידער־זעצן:

— „די קור האָט זיך געענדיקט פאַר דיר, דו חזיר־ייד, וואָס דו ביסט!" — האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף אים.

— „און דו, יידישע מאַמע! האָט זיך אַ צווייטער צו מיר געוואָנדן, דו יידישע נקבה! דאַרפסט צוזען ער זאָל ריידן, אַ נישט וועלן מיר באַלד דאָ שיקן נאָכן מלאך המות פאַר אייך ביידן..."

„און עס האָט זיך אויף דאָס ניי אָנגעהויבן דער פאַרהער: ווו איז דער און יענער? ווי הייסט מיט זיין אמתן נאָמען דער און יענער? און נאָך אַזוינע פראַגעס וואָס איטלעכע פון זיי איז געוואָרן אונטערגעשטיצט דורך מוראַדיקע קלעפּ. מיין זון האָט געשוויגן. ער האָט רק געשאָקלט מיטן פאַרבלוטיקטן קאָפּ אויף ניין; ער ווייסט נישט, ער ווייסט פון גאָר־נישט; ער געדענקט נישט; ער זאָגט נישט... דערנאָך האָבן זיי זיך גע־נומען צו מיר. איך זאָל אים צווינגען צו ריידן, האָבן זיי פאַרלאַנגט פון מיר. איך האָב אים נישט געצווונגען. פאַרקערט, יעדער בליק מיינער האָט אים אונטערגעגעבן מוט צו שווייגן, עקשנותדיק צו שווייגן, און מעג אים דערבײַ אפילו קאָסטן דאָס לעבן, מעג אונדז ביידן קאָסטן דאָס לעבן.

האָבן זיי גענומען אונדז שלײדערן איינעם צום צווייטן, איינעם אויף דעם אַנדערן; ווי אין פוטבאָל האָבן זיי מיט אונדז ביידן געשפּילט.

— „אַ וואָרט וועט פאַרדעכנט ווערן ווי אַ גאָל", — האָט זיך איינער פון זיי, געדענק איך, געוויצלט. דערנאָך האָבן זיי ווידער אויסגערופן אַ הפסקה אין דער פּייניקונג. אָבער איצט האָב איך שוין מיין זון נישט געקענט פאַרבינדן די וונדן, ווייל איך בין געבליבן ליגן אויף דער ערד און האָב נישט געקענט אַ ריר טאָן מיט קיין אבר, אַזוי צעקאַליעטשעט האָבן זיי מיך! אפשר בין איך ווידער געפאַלן אין חלשות? איך געדענק נישט, איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר איינס, אַז באַלד האָט זיך די הריגה אָנגעהויבן אויף דאָס ניי. אוודאי איז דאָס געווען אויך אַ מין פוטבאָל־מאַטש, נאָר דאָס מאָל האָבן זיי אונדזערע קערפּערס געדאַרפט הויבן,

שלעפּן, איידער זיי האָבן אונדז געשליידערט. פון איצט אָן ווערן מיינע זכרונות מטושטש. וואָס איז מיט אונדז געשען אין דער דאָזיקער לאַנגער נאַכט? איך בין נישט ביכולת דאָס צו שילדערן. מיר זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ קאַשמאַר, פון וועלכן קיין איין מיר צום לעבן האָט מער נישט געפירט.

„אין דעם דאָזיקן קאַשמאַר איז ער געלעגן אַ נאַקעטער, מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט. און זיי כסדר:

— רייד! רייד! רייד!

דערנאָך האָבן זיי פּאַר מיר אין די אויגן אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס איך וואָג קוים אויף די ליפּן מיינע אַרויפצוברענגען. זיי האָבן אים אַנטמאַנט... איך געדענק, אַז איך האָב זיך צעשריען ווי אַ חיה, איך האָב געשריען ווי נישט מיט מיין קול; איך האָב נישט דערקענט מיין אייגענע שטים. און דערנאָך? דערנאָך איז מער גאָרנישט נישט געשען... חוץ דעם, וואָס האָט מיך דערפירט אַהער אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

„נאָך דער שרעקלעכער נאַכט איז געקומען אַ באַגינען, און מיט אים אַ לאַסט־אויטאָמאָביל. יאָ, אינעם אויטאָמאָביל בין איך משמעות צו זיך געקומען. נעבן מיר איז געלעגן מיין זון, אַ גוססער. ער האָט געבאַרכלט. כאָרכלענדיק, געדענק איך, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אָפּרייסן איינעם פון די פאָדערשטע קנעפּ פון זיינע הויזן, וואָס איז נישט קיין קנאָפּ, נאָר אַ טאַבלעטקע סם און זאָל דאָס אים געבן, ווייל ער האָט קיין כוח נישט מער איבערצוטראָגן די יסורים; ער וויל זיך פאַרסמען. איך האָב די טאַבלעטקע סם באַהאַלטן אין מיין בוזעם. איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ אים אונטערצוטראָגן דעם סם מיט מיינע אייגענע הענט.

„דער לאַסט־אויטאָמאָביל איז אָנגעקומען אויף עפּעס אַ ליידיקן פּלאַץ הינטער דער שטאָט. אַ האַלב אָפּגעבערנטע הויז איז דאָרט געשטאַנען. נאָענט דערביי זיינען געלעגן אַ פּאָר צענדליק טויטע, איינער אויפן אַנדערן, אַ קופּע טויטע, אַ וואַנט פון הרוגים. זיי האָבן צוגעטראָגן מיין גוססן זון צו דער קופּע, האָבן אים ווי נישט איז אויפגעשטעלט אויף די פיס און דערשאָסן. איך האָב נישט געוויינט זעענדיק ווי מיין זון פאַלט אַריין אין דער קופּע, איך האָב נישט געשריען.

„מיך האָבן זיי נישט דערשאָסן. פאַרוואָס? די געסטאַפּאָ־לייט האָבן מיך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט. מסתמא האָבן זיי געהאָפט, אַז עמעץ וועט מיך דערקענען און וועט זיך אָפּשטעלן מיט מיר ריידן. אָבער קיינער האָט מיך נישט דערקענט, קיינער האָט זיך נישט אָפּגע־

שטעלט מיט מיר ריידן. איך אָבער האָב געטראָגן די טאַבלעטקע סם אויף מיין ברוסט, וואָס האָט מיך געוואַרעמט און ווי געטרייסט איך זאָל נישט מורא האָבן נישט פאַרן טויט, נישט פאַרן לעבן...

„אין אָוונט איז דער הימל שוואַרץ געוואָרן דורך די אַראָפּגעקומענע בלייענע פייגל פון יענער זייט לאַמאַנש-קאַנאַל. די דאָזיקע פייגל האָבן אָנגעהויבן צו שיטן באָמבעס אויף דער פאַבריק-געגנט, ווו איך און מיינע באַגלייטער, צוויי געסטאַפּאָ-לייט זיינען גראָד געגאַנגען „שפּאַצירן“. זיי זיינען פאַרשוווּנדן. איך בין רואיק געגאַנגען צווישן ברענענדיקע הייזער. קוימענס זיינען איינגעפאַלן. קיין איין ציגל האָט מיך אָבער נישט געטראָפן, כאָטש איך האָב זיך נישט באַמיט, גלויבט מיר, מיינע הערן געשווירענע ריכטער, זיך צו ראַטעווען פון דעם פייער, פון די באָמבעס. הרוגים זיינען געלעגן אויפן גאַס; זיי זיינען געווען ענלעך צו מיין זון, ענלעך צו די איבעריקע פון יענער קופּע הרוגים. צו וועמען אָבער בין איך געווען ענלעך? צו וועמען? נישט צו קיין טויטן, נישט צו קיין לעבעדיקן. איך בין איינע געווען אויף דער וועלט, ווי אַלע מאַמעס, נאָכדעם ווי זיי פאַרלירן אַן איינציקן זון.

„עמעץ, אַ באַקאַנטער מיינער, האָט מיך געטראָפן בלאָנדזשען אין שטאָט און האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף, איך זאָל דאָרט קומען אַ ביסל צו די כוחות. אַזוי דוכט מיר איז דאָס געווען. איך קען זיך גענוי נישט דערמאָנען, וואָס מיט מיר איז געשען נאָך מיין זונס טויט. אָבער די טאַבלעטקע סם האָב איך געטראָגן אויף מיין האַרצן. די דאָזיקע טאַבלעטקע סם איז געוואָרן דער אינהאַלט פון מיין לעבן. איך קענט דאָס אוודאי נישט פאַרשטיין, מיינע הערן געשווירענע ריכטער, ווי אַזוי דער טויט קען ווערן דער אינהאַלט פון עמעצנס לעבן? ניין? איך דאַרפט אָבער נישט מיינען, אַז איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאָרד-געדאַנקען. חלילה! איך זיך געמען דאָס לעבן? און דערצו נאָך מיט אַ סם, וואָס מיין זון האָט אַזוי צו זאָגן, אויסגעכאָוועט פאַר זיך? איך האָב די טאַבלעטקע סם דאָך ביי אים אַרויסגעגנבעט, אַרויסגעגזלט, עטלעכע מינוטן פאַר זיין טויט. פון אַזאַ גזלה טאָר מען נישט קיין הנאה האָבן! דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעך, וואָס אַ מאַמע איז עלול צו באַגיין...

„אָבער געהיט האָב איך זי, די טאַבלעטקע סם, איך האָב זי געהיט ווי אַן אוצר. זי איז געוואָרן מיין קמיע. נאָך מער. זי איז געווען פאַר מיר אַ מין צוואה פון מיין זון. ביי איטלעכן יאָרצייט פון מיין זונס טויט

פלעג איך אָפּריכטן אַ מין תפילה איך זאָל זוכה זיין אויסצופירן זיין צוואה.

„און אָט איז אונטערגעקומען אַ יאָרצייט, ווען מיר איז יאָ געראָטן אויסצופירן מיין זונס צוואה. פאָן שפּיגעלמאַן, בין איך זיכער, האָט זיך נישט לאַנג געמאַטערט. וואָרעם אין די לאַבאָראַטאָריעס פון דער פּאַרטיזאַנען-באַוועגונג איז פאַבריצירט געוואָרן אַ זייער אַקטיווער סם. גוטע כעמיקער האָט די פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנען-באַוועגונג פאַרמאָגט! די איבעריקע פּרטים זיינען אייך באַקאַנט. און איצט, מיינע הערן געשווירענע, בין איך גרייט אויפצונעמען יעדן פּסק-דין, וואָס איר וועט אַרויסטראָגן קעגן מיר. איך האָב געהאַנדלט לויט מיין איינזען און לויט מיין געוויסן. טוט איר דאָס אייעריקע. איך האָב געענדיקט“.

די שפּאַנונג אין געריכט-זאַל איז דערגאַנגען ביז צום העכסטן פּונקט. אפילו די אַדוואָקאַטן, וואָס זייער פּראָפעסיאָנעלער שטאָלץ פאַרווערט זיי דאָך נתפּעל צו ווערן פון אַ רעדע, וואָס נישט זיי האָבן געהאַלטן, זיינען אויך געווען גערירט. דער עולם, די געשווירענע אינאיינעם מיט זייער פּאָרזיצער און מיטן פּראָקוראָר האָבן אַרויסגעוויזן סמנים פון אַ געוויסער פאַרלעגנהייט. נאָר זי איינע, יוכבד שטיינמאַן, די „יידישע מאַמע“, איז געזעסן רואיק, ווי זי וואָלט זיך געפונען גאָר ווייט פון איר אייגענעם פּראָצעס. עס האָט אויסגעזען גלייך ווי זי וואָלט פאַרטיידיקט אַ פרעמדן, אַ ווייטן.

די ריכטער זיינען איילנדיק און עפּעס ווי פאַרשעמט אַריינגעגאַנגען אינעם צווייטן צימער זיך באַראַטן. עס זיינען פאַרביי נישט מער ווי צען מינוט און זיי זיינען אַריינגעקומען צוריק מיט באַרואיקטע פּנימער.

דער פּאָרזיצער האָט מיט אַ נערוועזן קול געגומען לייענען דעם פּסק-דין.

— „דער תפיסה-דירעקטאָר ווערט פאַרמשפּט אויף אַ חודש בתנאי און צו באַצאָלן הונדערט פראַנק שטראָף אויך בתנאי. דער תפיסה-קוכער און דער וועכטער ווערן פאַרמשפּט יעדערער צו באַצאָלן הונדערט פראַנק שטראָף בתנאי. די אָנגעקלאָגטע יוכבד שטיינמאַן, איז באַפרייט אָן קיין שום תנאי און קומט אַרויס ריין פון אַ מאָרד-אַקט, וואָס אירע הענט האָבן טאַקע אויסגעפירט, אָבער וואָס זי האָט געטאָן אין שליחות פון איר זון, וויקטאָר שטיינמאַן, אַ קרבן פון נאַציזם און אַ העלד פון דער פּאַרטיזאַנען-באַוועגונג.

דער זעצער צבי

אַ בילד פון נאָך דער באַפרייונג

גישט בלויז די לעבן־געבליבענע ייִדן זיינען אַרויס אויף דער פרייער וועלט, נאָר אויך די ייִדישע אותיותלעך, די קליינע קוואַדראַט־אותיותלעך, די ליבע, היימישע, אַלטע אותיותלעך, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל געשיכטע און מיט אַזוי פיל צער — אויך זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון זייערע קעסטעלעך איינציקווייז, אַן אות צו אַן אות, אַ וואָרט צו אַ וואָרט, אַ שורה צו אַ שורה. פּאַפּיר איז געווען טאַקע קנאַפּ, אָבער וואָס צו דערציילן — אַ ים. עס פרעגט זיך נאָר: וואָס דערציילט מען פריער? וואָס נעמט מען פריער פון אָט דעם אוראַגאַן, אין וועלכן דער טויט איז געגאַנגען אויף טויזנט וועגן, אין טויזנטער געשטאַלטן, אָבער אין וועלכן דאָס לעבן האָט אויך אָנגענומען זיין העכסטע געשטאַלט, די געשטאַלט פונעם קאַמף קעגן טויט?

געווים, אָט די קליינע ייִדישע אותיותלעך, זיי זיינען נאָך „כחומר ביד היוצר", ווי ליים אין דעם שעפערס האַנט, זיי זיינען בליי, זיי זיינען שטומער מאַטעריאַל, און געהאַרכן דאַרפן זיי צוערשט דעם שרייבער, דערנאָך — דעם זעצער, דעם אייגנטלעכן קאָמאַנדיר זייערן, און דערנאָך — דעם דרוקער; זיי דאַרפן צוערשט ווערן — וואָרט, געדאַנק, בילד. דעמלט לעבן זיי אויף אַן אמתן, לעבן, ווי ייִדישע אותיותלעך האָבן פון תמיד אַן געלעבט, פול מיט כעס, מיט צאָרן אָבער אויך מיט פרייד און מיט גליק; זיי וועקן און רופן צום קאַמף קעגן אונטערדריקונג און שקלאַפעריי, זיי מאָגען און שרייען און פאַרזייען אומעטום קערנדלעך פון ווילן, קערנדלעך פון מוט.

דאָס איז אייגנטלעך דער שמועס, וואָס לאָזט זיך אויסטיילן פון צבי דעם זעצערס פאַרפלאָנטערטן געדאַנקען־קנויל, בעת ער שטייט

אין דער יידישער דרוקעריי און איז זיך עוסק מיט די קליינע יידישע אותיותלעך. ער רעדט צו זיי, ער מונטערט זיי, ער טרייסט זיי; ער טרייסט אייגנטלעך זיך גופא; ער טרייסט און קאמאַנדירט צו דער אייגענער צייט די אותיותלעך און זיך, זיין לעבן, זיין בענקשאַפט, זיין האָפענונג.

נאָך וועמען בענקט ער, צבי, מיטן אייגנבויגענעם רוקן?

ער בענקט נאָך איר, נאָך לאהן. ער האָפט, אז זי וועט באַלד צוריקקומען, ווארעם די וועלט איז דאך סוף כל סוף באַפרייט געוואָרן, און די, וואָס זיינען נישט אומגעקומען, שטייט זיי איצט שוין גאָר־נישט מער אין וועג זיך אומצוקערן אהיים, צום לעבן.

אָבער ווער וויים, צי זי לעבט לאה? ווער וויים... ווער וויים...

די דאָזיקע ווייטיקלעכע פראגע איז טאַקע דער דיקסטער קנופ אין זיינע געדאַנקען, וואָס לאָזט זיך נישט פונאנדערקניפן. דאַרף מען א פרעג טאָן די אותיותלעך, וואָס ער האַלט אין דער האַנט, די בלייענע אותיותלעך, אָפשר ווייסן זיי? אפשר וועלן זיי אים פאַר־עגטפערן די רעטעניש פון זיין לעבן, די גרויסע רעטעניש, וואָס לאָזט אים נישט שלאָפן, וואָס ליגט אים ווי בליי אויפן האַרצן.

אן אות צו אן אות, א וואָרט צו א וואָרט, א שורה צו א שורה; אָבער אין וואָס פאַר אן אָרדענונג ער זאָל די אותיותלעך נישט אויס־שטעלן, זיי ווילן זיך בשום אופן נישט אויסשטעלן אַזוי, אז מען זאָל קאָנען איבערלייענען די דריי פשוטע ווערטער „לאה קליינער לעבט“. א סך למד'ן אן א צאָל אלפ'ן, און ה'ען האָט ער שוין געהאַלטן אין זיינע פינגער, נאָר דאָס איינע קורצע, ליבע וואָרט „לאה“ האָט ער נישט אויסגעזעצט פאַר די צוויי חדשים, וואָס ער ארבעט ווידער אין דער דרוקעריי. פאַרוואָס?

צבי איז נישט מער ווי א זעצער און „זעצן“ מעג ער נאָר דאָס, וואָס ער לייענט אַראָפ פון דעם מאַנוסקריפט, וואָס מען טראָגט אים אונטער; ער פירט אויס די באַפעלן, וואָס ווערן אים געגעבן — ווייטער גאָרנישט. איז ביז איצט נאָך נישט דערגאַנגען צו אים די ידיעה, דער באַפעל, אַזוי צו זאָגן, אז „לאה קליינער לעבט“ און אז זי קלייבט זיך שוין אין וועג אַריין, צו אים, צו צבי, וואָס האָט ביזן לביגו שוין צוגעגרייט פאַר איר א נייע דירה, סדי זי זאָל געפינען א היים, א

א ליבע, א ווארעמע. ניין, דער דאָזיקער באַפעל איז ביז היינט נאָך נישט געקומען.

צבי זעצט לעת עתה אוים פרעמדע ווערטער, פרעמדע נעמען צום גוטן, אָדער צום בייזן; און ער פרייט זיך מיט יעדער גוטער ידיעה און האָט צער פון יעדער שלעכטער ידיעה; אָבער דער קנופּ פון זיינע מחשבות ווערט אַלץ שטייפער און דיקער. צבי ווערגט זיך מיט זיינע געדאַנקען, ער ווערגט זיך מיט די בלייענע אותיות.

און דאָ איז דער טומל אין דער דרוקעריי זייער גרוים. ווייל די מאַשין־רעדער האָבן א טבע צו ליאַרמען, בעת זיי דרוקן אויפן פּאַפּיר די נייעם פון דער וועלט. און צבי איז אַליין אויך א טייל פון דעם דאָזיקן טומל, הגם ער האָט זיין אייגענעם ליאַרעם טיף אין האַרצן, און די פינגער זיינע קלייבן צונויף די אותיות, אן אות נאָך אן אות, א וואָרט נאָך א וואָרט, כדי ער זאָל קיין טעות נישט מאַכן; שנעל, געשווינד, און דאָך באַדאַכט, אפשר — טראַכט ער זיך ווען זיך אים דאָך איינגעבן צונויפצוקלייבן די אמתע אותיות, די, וואָס פון זיי העגגט אָפּ זיין לעבן, זיין גליק, דער זין פון דעם גם, וואָס ס׳איז מיט אים געשען, אַז ער איז לעבן געבליבן: די דריי אותיות: לאה? אפשר... אפשר...

און א טאָג פאַרגייט נאָך א טאָג, א וואָך נאָך א וואָך. זיין לעבן פאַרגייט און זיין האָפענונג ווערט טעמפּ; עס באַפאַלט אים א מרה־שחורה פון צייט צו צייט.

אָבער ווען ער קומט צו זיך אַהיים, נאָך דער אַרבעט, ווערט ער צוריק דער וואַרטנדיקער, דער האָפנדיקער. ער האָט זיך באַפרייט פון דעם טומל אין דער דרוקעריי. איצט האָט ער אויך צו טאָן מיט די אותיות: ער שטעלט און זעצט זיי אוים אין זיין געדאַנק, ביי זיך, אן אות נאָך אן אות, א וואָרט נאָך א וואָרט. אפשר וועט דאָס מאָל — טראַכט ער זיך — אַרויסקומען די דערלייזנדיקע שורה: „מיין ליבע, מיין טייערע לאה לעבט און איז געזונט און זי וועט גאָר אין גיכן קו־מען אהער“. און ער האָט ליב צו בלייבן זיצן אין דער פינצטער; מען איז אַזוי אָרום נענטער צו זיך גופא און מען דערנענטערט זיך אויך צו די, וואָס זיינען דערווייל נאָך נישטאָ, אָבער וועלן אַן שום ספק באַלד צוריקקומען; ער האָט ליב אַריינצוחלומען אין דער פינצטער גוטע און ווילע חלומות, וואָס מען האָפט, אַז זיי וועלן מקוים ווערן.

און ווען צבי מאַכט ליכטיק אין צימערל זיינעם, נעמט ער זיך

צום פּעקל צייטונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון דער דרוקעריי. ער לייענט אויף דאָס ניי וואָס ער האָט אויסגעזעצט. איצט האָט אַלץ גאָר אַן אַנדער פּנים; עס איז ווי רייפֿער געוואָרן; די אייגענע ווערטער, דוכט זיך, וואָס פֿריער, אָבער אויסגעוואָקסן זייַנען זיי, דער אינהאַלט זייערער איז פֿולער און וואַגיקער געוואָרן. ערשט איצט ווייס מען, וואָס מיינען זיי אויף אַן אמתן.

צבי לייענט אַלץ צום צווייטן מאָל, אים דוכט זיך, אַז ערשט איצט נעמט ער באַגרייפֿן, וואָס ער האָט געזעצט און וואָס דאָס באַדייט. אפשר וועט ער אין דער רשימה פֿון נעמען פֿון די, וואָס זייַנען ניצול געוואָרן פֿון טויט, דאָך געפֿינען זיין לאה... אפשר... וואָרעם ס'איז מעגלעך, אַז ער האָט פּאַרזען איר נאָמען ביים זעצן... ס'האָבן שוין געטראָפֿן אַזעלכע זאַכן ביי אַנדערע זעצער אויך... ער געדענקט שוין נישט ווו, נאָר ער האָט עפּעס ענלעכס געלייענט אין אַ צייטונג. דאַרף מען נאָך אַ מאָל לייענען און נאָך אַ מאָל, פּאַמעלעך, באַדאַכט, איבערקייַען איטלעך וואָרט, פֿונאַנדערלייגן אויף אותיות, אַ למד באַזונדער, אַן אלף באַזונדער און אַ הײ באַזונדער...

די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך, עס זעצט אין די שלייפֿן און דער אָטעם וואַקסט און וואַקסט. באַלד וועט שוין אין דעם צימער קיין אָרט נישט בלייבן פֿאַר אים: דער אומעט וועט וועט האָבן אַלץ באַזעצט, יעדעס ווינקעלע. צבי וועט מוזן אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, לויפֿן צום טומל אויף די בולוואַרן, אין די קאַוויאַרניעס. נאָר אין דעם טומל קען מען נאָך טיילמאָל זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר זיך אַליין...

און צבי לויפֿט מאַקע אַרויס פֿון שטוב, אַ פֿאַרטריבענער, אַ פֿאַרשטויסענער. ער לויפֿט זוכן לאהן. וועט ער זי נישט געפֿינען ערגעץ־ווו על־פּי נס, ווייס ער נישט, ווי אַזוי ער וועט קענען צוריק גיין צו זיך אַהיים...

און אָט, איז געשען איין טאָג אַן אומגליק מיט צבי דעם זעצער.

די צייטונג איז שוין געווען אויסגעזעצט, דער אומברוך פֿון דער פֿערטער זייט איז שוין אויך געווען געמאַכט און איז איבערגעגעבן געוואָרן די דרוקער ביי דער מאַשין. פּלוצלונג איז צו דער מאַשין אין פֿולן גאַנג צוגעלאָפֿן דער הויפּט־זעצער צבי קלינגער און האָט אָנגעהויבן שרייען ווי נישט מיט זיין קול:

„שטעלט אָפּ די מאַשין... גיט מיר אַרוים דעם זאַץ... גיט מיר ארוים די שורה. אין דער רשימה פון די אומגעקומענע — לאה קלינגער... דרוקט נישט, דאָס איז נישט אמת... דאָס קען נישט זיין אמת... נײן... נײן... נײן...

איידער וואָס־ווען האָט צבי קלינגער אַריינגעשטעקט אין דער מאַשין די רעכטע האַנט און די מאַשין האָט אים אָפּגעריסן צוויי פינגער.

דאָס קראַנקע ייִנגעלע

(אַ חנוכּה־מעשׂה פֿאַר קינדער)

דער ערשטער שניי איז געפֿאַלן אויף די פֿאַריזער דעכער. דער ווינט איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ דורכדרינגענדיקער, אַז ער האָט זיך אַרייַנגעריסן דורך וווּ נאָר אַ שפּאַלט אין די נישט באַהייצטע שטיבער.

אַ סך פֿאַריזער הייזער זייַנען דעם ווינטער נישט געווען באַהייצט. דער „שוואַרצער" קוילן־מאַרק איז נישט געווען פֿאַר דער קעשענע פֿון זייער פֿיל מענטשן. דער „ווייסער" קוילן־מאַרק האָט געהאַט איינגעשלונגען דעם „שוואַרצן" — און ס'איז געווען אַזוי ווי מיט די זיבן מאָגערע קי אין מצרים — מען האָט דאָס בכלל נישט אָנגעזען...

אין איינעם פֿון אַזעלכע נישט־באַהייצטע שטיבער איז געזעסן אויף אַ קליין קיכן־בענקעלע אין אַן אָרעם צימערל אַן אייַנגעקאָרטשעטע באָבע. לעבן איר איז געזעסן דאָס אייניקל, בערעלע, און געקוקט דער באָבען גלייַך אין מויל אַריין: — אַזאַ וווּנדער, אַזאַ פּראַכט — וואָסערע שיינע מעשׂיות אַ באָבע — זייַן באָבעלע — קען דערציילן.

און די מעשׂה, וואָס די באָבע האָט דערציילט, איז נישט געווען קיין מעשׂה פֿון אַ פֿאַרכּישופֿטן פּרינץ, אָדער פֿון אַ צויבער־טישעלע, אָדער פֿון חיות מאָדנע און שרעקלעכע, ווי מען זעט זיי אָפּטמאָל אין קינאָ — נאָר עפּעס גאָר אַן אַנדערע. און טרויעריק איז זי, די מעשׂה, וואָס די באָבע האָט דערציילט, אַז עס ווילט זיך אַזש וויינען.

די באָבע זאָגט, אַז דאָס, וואָס זי דערציילט, איז געשען מיט אַ־בער צוויי טויזנט יאָר צוריק...

וויפֿל זייַנען צוויי טויזנט יאָר?

אויף די פינגער וועט מען זיי קיין מאָל נישט איבערציילן, אַפילו ווען מען זאָל ציילן א טאָג מיט א נאַכט, אַפילו נישט אין הונדערט נעכט אויך נישט.

דער באָבעס שטערן — טראכט בערעלע — איז פול מיט קנייטשן אין דער הויך און אין דער ברייט. איטלעך יאָר פון אָט די צוויי טויזנט יאָר האָט אין דער באָבעס גוטן שטערן אריינגעקריצט א נייעם קנייטש. דערפאר אפשר וויים זי וואָס דאָס מיינט: צוויי טויזנט יאָר...

— בערעלע, דו הערסט זיך צו?

— יא, באָבעלע, יא. איך הער. און דערפאר זאָג, באָבעלע, האָסטו דאָס אָנגעצונדן אָט די ליכטלעך?

— די חנוכה־ליכטעלעך...

— דערפאר האָסטו דאָס אָנגעצונדן די חנוכה־ליכטעלעך?

— איך האָב דיר שוין דערקלערט. חנוכה באַדייט: באַנייאונג.

— וואָס האָט מען באַנייט, באָבעלע?

— די מכבים האָבן באַנייט דעם בית־המקדש און האָבן לכבוד דער באַפרייאונג פון דעם פרעמדן יאָך אָנגעצונדן די מנורה מיט די זיבן רערן.

— וואָס הייסט מכבים?

— מכבים, בערעלע, דאָס זיינען פאַרטיזאנער, אמאָליקע יידישע גוטע, געטרייע זין פון זייער פאָלק, וואָס האָבן סוף כל סוף פארטריבן די סיריער פון דעם לאַנד, וו דיין שוועסטערקינד שרהלע וווינט איצט.

— פון פאַלעסטינע ווילסטו זאָגן?

— ביי יידן הייסט פאַלעסטינע ישראל.

— זיינען שוין דעמלט אויך געווען פאַרטיזאנער יידישע?

— יאָ, בערעלע, עס זיינען דעמלט געווען אַ סך, גאָר אַ סך יידישע פאַרטיזאנער, וואָס האָבן געקעמפט ווי לייבן קעגן דעם שרעקלעכן אָקופּאַנט. די סיריער האָבן ביי די יידן געוואָלט צורויבן די נשמה. זיינען אויפגעשטאַנען די חשמונאים און האָבן פון זיי געמאַכט א תל.

— ווער זיינען די חשמונאים, באָבעלע?

— די מכבים זיינען פון דער פאַמיליע חשמונאים, פארשטייסט בערעלע.

— איך פארשטיי. פאַרטיזאנער ווי פאפא און ווי נאָך אַנדערע. און זיי האָבן אויפגעריסן די באַן־שינעס און האָבן געשאָסן אין די דייטשן.

— דאָס זיינען געווען סיריער, די דייטשן פון דעמלט, נאָר קיין באַן־שינעס זיינען נאָך דעמלט נישט געווען. מען איז געפאָרן מיט וועגענער.

— ווייל מען האָט נאָך נישט דערפונדן די באַן און די לאָקאָמאָטיוון.

— ריכטיק, בערעלע, האָסט געטראָפן. היינט ווייסטו שוין פאַרוואָס מען צינד אָן חנוכה די ליכטעלעך?

— יאָ. אָבער, באָבעלע, דו האָסט דאָך אָנגעהויבן צו דערציילן פון חנהן מיט די זיבן קינדער. זיי זיינען אויך געווען השמונאים, ווי דו זאָגסט, אָדער מכבים?

— זיי זיינען אומגעקומען אַלע, נאָך איידער די השמונאים זיינען אויפגעשטאַנען צו פאַריאָגן דעם ביטערן שונא און זיינע שרעקלעכע צעבושעוועטע חיילות פון זייער לאַנד. פאַרשטייסט, בערעלע, גאָלדן יינגעלע מיינס?

בערעלען איז פּלוצלונג איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַזאַ: ער וועט אויסלעשן די עלעקטריע, וועט אפשר דער מהלך צו יענער אמאָליקער צייט און צו די אַמאָליקע יידישע פּאַרטיזאַנער זיך פאַרקירצן און ער וועט קענען זיך בעסער פאָרשטעלן די מעשה פון חנהן מיט די זיבן קינדער. אין דער טונקלקייט ווערט אַלץ נענטער.

געטראַכט־געטאָן. בערעלע האָט אויסגעלאָשן די עלעקטריע, און שטוב איז נישט אינגאַנצן פינצטער געוואָרן, וואָרעם פאַרבליבן זיינען נאָך די ליכטלעך, די חנוכה־ליכטעלעך. זיבן ליכטעלעך האָבן געברענט, פונקט אזוי פיל וויפל קינדער חנה האָט געהאַט.

בערעלע ווייס, אז זיבן טעג זיינען פאַראַן אין דער וואָך, זיבן קינדער האָט די העלדישע יידישע מאַמע חנה געהאַט, אָבער דער חנוכה־יום־טוב האָט אכט טעג. דער אכטער טאָג איז א צוגאָב, אַ מתנה...

און בערעלע קוקט אויף די ליכטעלעך, אויף די נשמהלעך פון חנהס זיבן קינדער, וואָס זיינען — דוכט זיך אים עפּעס — ווי זיינע אייגענע ברידערלעך פון אַמאָליקע יאָרן. און איינער האָט געהייסן אַברהמעלע, דער צווייטער — משהלע; דער דריטער — רענע... ניין, נישט רענע... די באָבע האָט געזאָגט, אז רענע איז נישט קיין יידישער נאָמען, נאָר אַ פראַנצויזישער... און זיי האָבן דאָך געלעבט אין ארץ־ישראל אָדער אין פּאַלעסטינע; דאָרט וווּ שרהלע איז היינט...

באַלד פאַרלירן זיך עפּעס די געשטאַלטן פון די זיבן קינדער, זײַנע חברימלעך; הינטער די שאָטנס האָבן זײ זיך אַלע באַהאַלטן. דער פּאַר אָבער זעט ער דײַטלעך זײער מאַמען חנהן. און מאָדנע: דאָס איז דאָך זײַן אײגענע מאַמע, בערעלעס מאַמע, עס זאָל פעלן א האָר... די זעלביקע ברױנע, ליכטיקע אױגן, דער זעלביקער צערטלעכער קוק... קוקסט אַרײַן אין זײ און דו זעסט דאָרטן אַלץ, װאָס נאָר דיר גלוסט זיך. יאָ, דאָס איז זי, חנה, די מאַמע פון די זיבן העלדישע קינדער, װאָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען דעם מיאוסן געטש. אָבער װי קומט דאָ אהער זײַן מאַמע? זי מיטן פּאַפּא זײַנען דאָך נאָר געגאַנגען מיט א װײַלע צוריק עמעצן באַזוכן...

אים קומט איצט אױס, װי ער װאָלט נאָר נישט געװען בערעלע, נאָר בערנאַרד קאַרפּאַנטראַס.

די דאָזיקע מעשה איז נאָך נישט אַלט קײן צװײ טױזנט יאָר. בערנאַרד קאַרפּאַנטראַס האָט ער געהײסן ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק.

דעמלט איז ער געװען גלײַך צו דעם ײנגסטן זונעלע חנהס, צו זײַן חברל, װאָס האָט אפילו נישט געװאָלט מאַכן דעם אָנשטעל פון בוקן זיך פאַרן מיאוסן געטש, װי די באָבע האָט דערצײלט... אױך אים האָט מען געװאָלט צװינגען זיך צו צלמען און עפּעס זאָגן, װאָס א ײדיש קינד טאָר נישט זאָגן... און אױך ער האָט אױסגעהאַלטן דעם נסיון: ער האָט נישט „געזאָגט"...

— בערעלע, קינד מײַנס, װאָס ביסטו אַזױ פאַרקלערט?

— חנה האָט זי געהײסן, איאָ באָבע?

— יאָ, בערעלע, חנה. און געהאַט האָט זי זיבן קינדער. העלדי-שע קינדער. גרױסע גבורים, כאָטש זײ זײַנען נאָך געװען קלײן.

— און דער רוצח האָט זײ אַלעמען אױסגעהרגעט?

— יאָ, מײַן קינד מײַן טײַערס, פאַר דער מוטער אין די אױגן האָט מען זײ געהרגעט.

— און זײ האָבן פאַרן טױט גאָרנישט געװײנט?

— קײן אײן טרער האָבן זײערע אױגעלעך נישט פאַרגאָסן. שטאַרק זײַנען זײ געװען. א סך שטאַרקער װי זײערע מערדער.

— װײסט, באָבע, איך האָב אױך נישט געװײנט, װען איך האָב געהאַלטן בײַם שטאַרבן דאָרט אײנער אַלײן, אין דאָרף... איך האָב דעם גלח אױך נישט געפאָלגט, װען ער האָט מיר צוגערעדט... און איך בין

דאָך אויך נאָך גאָר קליין געווען... און די מאַמע מיינע איז נישט גע־שטאַנען דערביי, דו, באָבעלע, אויך נישט...

— בערעלע, קרוין מיינע, אָט וועגן וואָס דו האָסט זיך אזוי פאַר־טראַכט. מיר זאָל זיין פאר דיין מיגדעסטן נאָגעלע. שלאָג זיך דאָס ארויס אַלץ פון דיין קעפּעלע. מען טאָר נישט טראַכטן וועגן יענע צייטן... מען טאָר נישט, קינד מיינס...

ערשט איצט האָט די באָבע זיך געכאַפּט וואָס איר געשיכטע פון חנהן מיט די זיבן קינדער האָט אָנגעמאַכט אין צאַרטן קינדערישן געמיט. זי איז שטאַרק ביין געוואָרן אויף זיך, הלמאי זי האָט זיך צוגע־רירט צו א ווונד, וואָס איז נאָך נישט פארהיילט געוואָרן. אז בערעלע וועט דאָס באַלד פאַרגלייכן מיט זיין אייגענער געשיכטע. ער איז אזא פיינפילנדיק קינד. ווי נאָר עפּעס, צעשפּילט זיך ביי אים גלייך די פאַנטאַזיע.

— בערעלע, דאָס איז דאָך מערגישט ווי א מעשה — פּרווט די באָבע צו פאַרווישן דעם רושם — מסתמא איז דאָס גאָר קיין מאָל נישט געשען, קיין מאָל נישט געווען. דאָס איז דאָך אַזוי לאַנג, טאָ וועגער קען דאָס געדענקען?...

— איך געדענק, באָבעלע, איך געדענק גוט, ווי דער גלח איז געקומען און ווי ער האָט מיר געהייסן עפּעס נאָכזאָגן... איך געדענק, באָבעלע... און דעם הונט געדענק איך גוט. מיר האָבן דאָך וויפל מאָל פון איין טעלער געגעסן...

— רייד נישט, בערעלע, פאַרגעס. פאַרגעס...

בערעלע איז געלעגן אין זיין בעטל א פאַרכאַפּטער פון א מאָדנער קראַנקהייט. ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן פון היץ. פראַנצויזיש מיט יידיש געמישט.

— מאַמעלע, מאַמעלע.

וואָס מיין קינד?

— ביסט דאָ?

— אָט בין איך, זונעלע מיינס, איך טרעט נישט אָפּ די גאַנצע צייט פון דיין בעטל. דיר איז שוין בעסער, קינד מיינס? ווילסט עפּעס?

— איצט מעג איך דיר שוין פרעגן?

— וואָס, זונעלע מיינס, ווילסטו מיר פרעגן? געוויס מעגסטו, געוויס....

— מיר זיינען שוין אַריבער די גרענעץ? זיי האָבן נישט געשאָסן אויף אונדז?

— וואָס רעדסטו, בערעלע? באַרואיק זיך, קינד מיינס. נישטאָ מער קיין גרענעצן. מיר זיינען אַלע פריי איצט...

— און זיי האָבן נישט געשאָסן אויף אונדז?

— ווער זאָל שיסן? קיינער שיסט נישט מער.

— די דייטשן.

— נישטאָ מער קיין דייטשן, קינד מיינס. מען האָט זיי אַלעמען פאַרטריבן, פאַריאָגט פון פראַנקרייך.

— פאַריאָגט? קיין איין דייטש איז דאָ מער נישטאָ?

— קיין איינער נישט, מיין קינד. האָסט זיך נישט מער וואָס צו שרעקן.

— און מיר האָבן טאַקע געגנבעט די גרענעץ?

— וועלכע גרענעץ?

— פאָרנדיק צום פּאַפּאַ, ווייסט דאָך, מאַמעלע.

— אָט איז דער פּאַפּאַ דאָ, ביי דיין בעטל. נו שוין, נו שוין, זונעלע, אפשר וועסטו איצט איינשלאָפן א ביסעלע, זיך אויסרוען...

נאָר בערעלע האָט נישט געקענט שלאָפן. אים האָט זיך געדוכט, אז ער לויפט איבער גרענעצן, וואָס זיינען פול מיט גיפטיקע שלאַנגען, לויפט, לויפט.

— נישט אמת, פּאַפּאַ, אז מען טאָר קיין ליגן נישט זאָגן?

— געוויס, בערעלע, טאָר מען נישט זאָגן קיין ליגן.

— טאָ פאַרוואָס האָט מיר די מאַמע אַליין אָנגעזאָגט איך זאָל זאָגן, אז איך הייס בערנאַרד קאַרפּאַנטראַס?

— בערעלע איז אויף פראַנצויזיש בערנאַרד. האָסט נישט געזאָגט קיין ליגן, מיין זונעלע.

— איך האָב געזאָגט אַלעמען, אז איך הייס קאַרפּאַנטראַס און אין דער אמתן הייס איך גאָלדמאַן.

— ס'איז אַזאַ צייט געווען, מיין זונעלע, ווען מען האָט נישט גע-טאָרט הייסן גאָלדמאַן.

— ווי וויים מען, אז מען טאָר נישט הייסן גאָלדמאַן?

— ווען מען זעט דייטשן אויפן גאַס, מיין זונעלע.

— און דאַן טאָרן קינדער אויך נישט זיין צוזאַמען מיטן פּאַפּאַ און מיט דער מאַמאַ?

— נאָר יידישע קינדער טאָרן דאַן נישט זיין צוזאַמען מיט זייערע עלטערן.

— אָבער חנה איז געבליבן ביז צום סוף, ביז צום סאַמע טויט מיט אירע קינדער.

דאָס קינד האָט איינגעדרעמלט. אויף די שפּיץ פינגער זיינען טאַטע, מאַמע און באָבע אַרויס פון דעם צימער, דערשיטערטע, דערשלאָגענע.

— זאָל נאָר דאָס קינד ווידער געזונט ווערן — האָבן זיי געטראַכט — וועט מען אים שוין מער קיין שום מעשיות פון אַמאָל נישט דאַרפן דערציילן.

דערווייל אָבער האָט די היץ נאָך אַלץ געברענט אין בערעלעס גופל און אונטערגעצונדן אַלע זיינע געדאַנקען, אַלע זיינע זכרונות.

אויסגעמאַטערט און מיד, האָט ער געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט. טאַטע מאַמע האָבן געמיינט, אַז ער שלאָפט, אָבער בערעלע איז נישט געשלאָפן. ער האָט זיך עפּעס ווי געוויגט צווישן שלאָף און וואַך-זיין. די קראַנקייט האָט נאָך געשטעקט טיף-טיף אין אים.

עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די טעג און נעכט קריכן אויף א לייטער אַרויף און אַראָפּ. און חיות שפּרינגען פון איין טרעפּל צום אַנדערן, בייזע חיות. עס האָבן זיך אים אויך געפּלאָנטערט פעלדער און ביימער, לאָנקעס און א טייכל, וואָס רוישט דאָרט ערגעץ...

ווי אין נעפּל זענען ווידער אויפגעקומען פאַר אים די בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי מען האָט אים געבראַכט צו די פּויערים אויפן דאָרף און אָנגעזאָגט, אַז ער הייסט פון היינט אן בערנאַרד קאַרפּאַנטראַס און אַז ער דאַרף פאַרגעסן זיין ריכטיקן נאָמען. ווי קען מען אָבער פאַרגעסן, אַז מען הייסט בערעלע גאָלדמאַן? ווי אַזוי?

און ווי קען מען זיך צוגעוווינען צו מענטשן פרעמדע, וואָס זיינען דיר קיין מאָל קיין טאַטע-מאַמע נישט געווען און נישט קיין באָבע און נישט קיין פעטער — גאָרנישט?

פאַרוואָס דאַרף דער זיידע פלוצלונג אַריינגיין אין א קליניק? פאַרוואָס דאַרף דער פעטער ישראל וווינען באַזונדער? פאַרוואָס דאַרף בערעלע וווינען איינער אַליין ביי עפּעס פּויערים, וואָס ער קען נישט און ער ווייס נישט? פאַרוואָס?

אינדערהיים, האָט קיין מאָל נישט געטראָפֿן, אַז מען זאָל אים עפּעס אָפּזאָגן, אַפּילו נישט קיין נאַשערײַ... און דאָ? ווען ער בעט עפּעס, ענטפֿערט מען אים שטענדיק „האָסט גענוג געגעסן".

פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט פֿאַר דער מאַמען, וואָס פֿלעגט אַמאָל קומען זען, וואָס איר בערעלע מאַכט. איז דאָס געווען אַ יום־טובֿ. ווען די מאַמע אָדער דער פּאַפּאַ פֿלעגן קומען צו אים! איז דאָס געווען אַ פֿרייד!

אַרומגעכאַפּט זיך, געקושט און געהאַלדזט. בערעלע האָט מורא גע־האַט צו בעטן דעם פּאַפּאַ אָדער די מאַמע מען זאָל אים אַרויסנעמען פֿון דאַנען. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט מעגלעך. ער האָט אויך נישט געבעטן, מען זאָל בלײַבן מיט אים דאָ, אין דער פֿערמע. ער האָט געוווּסט, אַז אויך דאָס קען נישט געמאַכט זײַן. ער איז דאָך שוין אַ גרויס ייִנגל. זעקס יאָר איז ער דערמאָלט אַלט געווען. און צו זעקס יאָר דאַרף שוין אַ ייִנגעלע פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ שׂונאים די דײַטשן זײַנען פֿאַר די ייִדישע קינדער. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף זיך פֿאַר זיי באַהאַלטן אויפֿן דאָרף, אַז ער הייסט בערנאַרד קאַרפּאַנטראַס, כאָטש דאָס איז נישט זײַן אמתער נאָמען, אַז ער דאַרף לײַדן און שווײַגן... שווײַגן דאַרף ער ווען ער איז הונגעריק, שווײַגן דאַרף ער ווען אים איז קאַלט אין פֿעלד, בעת ער פּיטערט די ציגן, שווײַגן און נישט וויינען, בעת עס קומט די שעה, זונטיק, ווען דער פּאַפּאַ אָדער די מאַמע דאַרפֿן צוריק אַוועקפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן...

אין דער פֿערמע, האָבן זיך געפֿונען נאָך צוויי אַנדערע ייִדישע קינדער; איין ייִנגעלע, זשאַן, עלטער מיט גאַנצע צוויי יאָר פֿאַר אים; און אַ מיידעלע, פּיערעט, זיבן יאָר אַלט.

נאָר קיינער פֿון זיי זאָגט נישט אויס, אַז זיי זײַנען ייִדן. מסתמא האָבן טאַטע־מאַמע זיי אַזוי אָנגעזאָגט. ער קען נאָר נישט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זיי האָבן מורא אויך אים דאָס צו זאָגן. ער איז דאָך פּונקט אַזוי ווי זיי.

נאָר עס זײַנען דאָ נאָך אַ סך זאַכן, וואָס ער פֿאַרשטייט נישט.

בערעלע האָט אָנגעקליבן אַ בינטל פֿראַגעס, אייליקע, וויכטיקע פֿראַגעס, וואָס ער טראָגט אַרום אין האַרצן. ער באַשליסט זיי אַלע אויסצופֿרעגן פֿאַר דעם פּאַפּאַ אָדער פֿאַר דער מאַמען דעם קומענדיקן זונטיק. ער איז אומגעדולדיק. ער קען זיך קוים דערוואַרטן אויפֿן קומענ־דיקן זונטיק.

נאָר ווען דער קומענדיקער זונטיק איז סוף כל סוף געקומען נאָך א נאַכט טרערן, וואָס ער האָט אונטער דער קאָלדרע זיינער פארגאָסן שטילערהייט, כדי נישט אויפצוּוועקן קיינעם אין צימער, ווו אכט מענטשן זיינען געשלאָפן, איז ער געלעגן עפּעס ווי גאָרנישט ביי זיך אין בעטל... עמעץ האָט געהאָט געשריען מיט אזוינע קולות, גלייך א קויל וואָלט אים געטראָפן... בערעלעס באָבעלע האָט געשריען... און די דיל איז געווען רויט פון בלוט... דער באָבעלעס בלוט האָט זיך געגאָסן... בערעלע איז אַרויסגעשפּרונגען פון זיין בעטל, כדי צו ראַטעווען זיין באָבעלען... ער איז אומגעפאַלן... און ס'איז ווידער צוגעפאַלן די נאַכט און אלץ ארום און ארום איז געווען — נאַכט און גאָרנישט מער ווי נאַכט...

ווען בערעלע איז געקומען צו זיך, האָט ער געזען די איבעריקע קינדער פון שטוב קוקן אים אָן, גלייך ער וואָלט געווען א שפּאָגל נייער פאַרשוין פאר זיי, גלייך ער וואָלט אראָפּגעפאַלן דאָ פון הימל.

דערנאָך איז געקומען דער גלח. בערעלע אָבער האָט דעם גלח נישט געוואָלט. נישט אויף אים האָט ער געוואַרט. ער האָט געוואַרט אויפן פּאַפּאַ אָדער אויף דער מאַמען. פאַרוואָס איז קיינער נישט געקומען? וואָס וועט ער איצטער טאָן?

בערעלע זעצט זיך האַסטיק אנידער אין בעט.

— מאַדאַם. מאַדאַם — שרייט ער מיט אלע זיינע נאָך פאַרבליבענע כוחות — איך וויל נישט דעם דייטשישן גלח... איך וויל נישט....

— איך בין נישט קיין דייטש, מיין קינד — האָט זיך אָפּגערופן דער מאַן מיטן רויטן פּנים און מיטן לאַנגן שוואַרצן מאַנטל — איך בין א פראַנצויז. איך בין געקומען בעטן גאָט פאַר דיר.

שטיל, געלאַסן האָט ער דאָס געזאָגט. בערעלע איז פאַרגאַנגען אין א געוויין. לאַנג, זייער לאַנג האָט ער געוויינט. און דאָס, קען זיין, האָט אים געראַטעוועט. וואָרעם ער האָט אלץ אַרויסגעוויינט.

אין א פינף טעג אַרום איז ער שוין ווידער געשטאַנען אין פעלד, שוין ווידער געפיטערט זיינע ציגן.

נאָר אין איינעם א נאָכמיטאָג איז געקומען צו די קינדער אין דער פערמע פיערעטס מוטער. זי איז געקומען נישט נאָר צו איר טעכ־טערל פיערעט, נאָר צו די אַנדערע קינדער אויך, צו בערעלען, הייסט דאָס אויך.

פאַרוואָס נישט זיין מאַמע אָדער זיין פּאַפּאַ?

בערעלען קלאַפּט דאָס הערצל: נישט אַנדערש, אַן אומגליק איז געשען מיטן פּאַפּאַ אָדער מיט דער מאַמען. בערעלע האָט מורא צו פרעגן פּיערעטס מוטער. נישט ווייל זי איז א שטרענגע, נאָר ווייל ער זעט, אַז זי האָט קיין צייט נישט, זי איילט זיך אַזוי. נישט באַווייזן ארייננצוגיין אין שטוב, ווי זי האָט גלייך צונויפגעזוכט די פּעקלעך פון אַלע קינדער, האָט זיך עפּעס געשושקעט מיט דער פּויערטע און — באַלד מיט זיי אַלעמען אַוועק, אַנטלאָפן, ווי מען וואָלט זיי נאָכגעיאָגט.

מען איז געגאַנגען איבער פעלדער, איטלעכער קינד זיין אָרעם פּעקעלע אין דער האַנט, נאָר פּיערעטס מוטער האָט געטראָגן דריי פּעקלעך, ווייל זי איז א גרויסע און דערצו נאָך א שווערן רוקזאַק אויף די פּלייצעס.

ס'איז שוין געווען טונקל. באַלד, באַלד וועט ווערן אינגאַנצן נאַכט. און דאָ קומט אויס צו גיין דורך א וועלדל. נאָר קיינער האָט קיין מורא נישט געהאַט. מען האָט זיך געפילט ווי גרויסע.

אין דער גייער פּערהמע זיינען די פּויערים געווען ליבלעך צו די קינדער; זיי האָבן נישט געשריגן, נישט געהייסן אַפילו פּיטערן די ציגן און די גענדז. דער קליינער אנדרעי, א זונעלע פון דער פּויערטע, האָט זיך געחברט מיט די קינדער און זיין שוועסטערל אויך און דער פּויער אליין איז אויך א גוטער, כאָטש ער רעדט זייער הויך און עפּעס גאָרנישט ווי פראַנצויזיש, אַזוי אַז מען מיינט: ער בייזערט זיך.

אין א צייט ארום איז אראָפּגעקומען די מומע אסתר.

די מומע אסתר האָט געזאָגט, אַז מען האָט געפונען א נייע באַהעלטעניש ערגעץ צווישן די בערג און אַז דאָרטן וועט זיין א סך בעסער ווי דאָ.

— דאָרטן זיינען נישטאָ קיין דייטשן?

— ניין, בערעלע. דו פאַרשטייסט? די בערג זיינען זייער הויכע און די דייטשן קענען אַהין נישט צוקומען.

— טאָ ווי וועל איך אַרויפקלעטערן אהין?

— א באַנעלע וועט דיר אַרויפפירן אהין. דו וועסט פאַרשפּאָרן צו קלעטערן.

ס'איז דאָך נאָר א געלעכטער, וואָס די מומע אסתר זאָגט: די דייטשן, זיי קענען נישט דערגרייכן אהין, נאָר איך יאָ. נאָר מסתמא ווייס די מומע אסתר בעסער. און אַזוי איז טאַקע געווען.

ביים געזעגענען זיך האָט אַנדרעי אַפילו געוואָלט געבן בערעלען א

מתנה זיין הארמאָניקל. נאָר בערעלע האָט נישט געוואָלט נעמען. די מאַמעשי וועט אים קויפן א נייע הארמאָניקע, א גרעסערע, אזא, וואָס שפּילט אויף אַלע לעבעלעך און איז נישט פאַרשטאָפּט. נאָר ווער דאַרף איצט הארמאָניקעס? זאָלן נאָר די דייטשן פאַריאָגט ווערן פון פראַנק־רייך, וועט שוין זיין גענוג הארמאָניקעס און אַלץ וועט דעמלט זיין.

אין א קליינעם באַנעלע איז נאָך בעסער צו פאָרן ווי אין גרויסן צוג. אויב מען זיצט אין ערשטן וואַגאָן קען מען זען דורכן פענצטער, ווי דער צוגפירער קירעוועט דעם לאָקאָמאָטיוו. מען קאָן זען, ווי ער פּאָרמאָזירט און ווי ער פאָרט אָפּ און דערביי טוט ער א דריק אויף עפּעס א קנאָפּ — און עס דערלאַנגט אַ פייף. שלעכט איז נאָר דעמלט, ווען דער וואַגאָן איז געפּאַקט מיט מענטשן און מען קען זיך נישט דורכשטופּן צו דער שויב.

א סך מענטשן זיינען געפאָרן מיט דעם צוג. ס'איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען. א געפּערלעכע ענגשאַפט. בערעלען זעט מען אינגאַנצן נישט אַרויס, ער איז אָנגעהאַנגען אין דער מומע אסתרס קלייד און אים דוכט זיך, אז ער ווערט דערשטיקט. נאָר ער שרייט נישט, ער וויינט נישט. ער ווייסט, אז דאָס וועט נישט העלפן. ער טראַכט פון די הויכע בערג, וואָס וואַרטן שוין אויף אים, און פון דער מאַמען טראַכט ער, פון דער מאַמעשין, וואָס ער וועט זיך באַלד געפינען אין אירע אָרעמס. האָט דאָך די מומע אסתר געזאָגט, אז אויף דער דריטער סטאַנציע וועט די מאַמעשי אָניאָגן, זי וועט קויפן א בילעט און וועט אריינשטייגן אין דעם צוג.

אויף א קליין סטאַנציעלע זענען אָפּגעקומען א סך מער מענטשן, ווי ס'איז צוגעקומען. אין וואַגאָן איז געוואָרן גערוימער און פרייער. מען האָט אפילו געפונען אן אָרט וווּ זיך אַנידערצוזעצן. נאָר די מאַמעשי האָט נישט אָנגעיאָגט.

— מומע, האָסט געזאָגט, אז די מאַמעשי וועט קומען, און זי איז נישטאָ די מאַמעשי. פאַרוואָס איז זי נישט געקומען?

— נאָך איין סטאַנציע, מיין קליינער בערנאַרד, דאָרט דאַרף זי קומען.

פאַרוואָס רופט זי מיך אויך דאָ בערנאַרד, די מומע? — און נישט בערעלע, ווי זי טוט דאָס געוויינטלעך? אָבער ער זאָגט גאָרנישט.

— אפשר זיצט זי אין א צווייטן וואַגאָן?

— ניין, קינד מיינס. אין דעם ערשטן וואגאָן, האָבן מיר זיך אָפּגערעדט.

די מאַמעשי איז דאָ. ווי זי האָט זיך פאַרענדערט. איז דאָס טאַקע זיין מאַמעלע, אָדער נישט? יאָ, געוויס איז זי דאָס. אַלע קושן, וואָס בערעלע האָט אָפּגעשפּאָרט פאַר דער גאַנצער צייט, שיט ער אויס אויף דער מאַמעשיס פּנים. זאָל זי וויסן ווי ליב ער האָט זי; ווי שטאַרק געבענקט ער האָט נאָך איר.

— מאַמעשי, האָסט דאָך פריער געהאַט שווארצע האָר, פאַרוואָס האָסטו זיי אומגעביטן אויף בלאָנדע?

די מאַמע קוקט זיך ארום א צעשראָקענע און בערעלע האָט תיכף פאַרשטאַנען, אז ער האָט דאָס נישט געטאָרט פרעגן, נישט געטאָרט גאָר אזויגס זען. בלאָנד איז בלאָנד.

מער וועל איך אַזוינס נישט פרעגן, מאַמעשי. זיי נישט אומעטיק, זיי נישט אין כעס אויף מיר. האָסט מיך ליב, מאַמעשי?

די מאַמעשי באַדעקט בערעלען מיט אַזוינע גרויסע קושן. אַזוינע גרויסע, ווארעמע קושן...

די בערג זיינען טאַקע זייער הויכע, אָבער דאָס הייזל, וווּ בערעלע וווינט איצט, איז אַזאַ קליינס, אַזאַ נידעריקס. דערפאַר אָבער איז דאָ פאַראַן אזא גרויסער הונט....

באַגעגנט האָט דער הונט בערעלען נישט זייער פריינדלעך. א ביסעריי, א רייסן זיך פון דער קייט, גלייך ער וואָלט געקומען דאָ צוגנבענען א באַרג ביי אים. בערעלע האָט זיך זייער דערשראָקן. ער האָט געמיינט, אז ער וועט שוין פארבלייבן זיין שונא דאָס גאַנצע לעבן.

אָבער שוין דעם אנדערן צי דעם דריטן טאָג איז ער געוואָרן ממש אן איבערגעביטענער. בערעלע פארשטייט זיך מיט אים אויפן וווּנק. ער האָט ליב זיך דורכצושמועסן מיט אים, ווי ער וואָלט געווען זיינס גלייכן, א ייִנגל, א חברל, און נישט קיין הונט אויף א קייט.

דער הונט איז געווען געערכט. ער האָט טאַקע נישט געקענט וויסן, ווער ער איז און וואָס ער מיינט צו טאָן דאָ צווישן די בערג. ער האָט נישט געקענט וויסן, אַז ער איז געקומען זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן און פאר זייערע הינט....

בערעלען שלעפערט כסדר. ער קען זיך גאָרנישט אַרויסרייסן פון שלאָף. די גאַנצע צייט הערן די הינט נישט אויף צו בילן. דאָס בילט נישט צעזאר: דאָס בילן אַנדערע הינט... די, פאר וועלכע אַלע האָבן אַזוי מורא...

זייער געביל ווערט נענטער און נענטער... בערעלע ווייסט, אז מען דאַרף אַנטלויפן... זיך באַהאַלטן. אָבער ער קען זיך נישט רירן פון אָרט. ער איז קראנק. וואָס וועט זיין?

— קינד מיינס, בערעלע.... זעסט דאָך. עס זיינען דאָ קיין דייטשן נישטאָ. עס האָט זיך דיר געחלומט... זיי רואיק, בערעלע.

— צעזאר האָט אויך מורא. דאָס זיינען דייטשע הינט...

— קינד מיינס, בערעלע... וואָס רעדסטו? עס זיינען נישטאָ קיין דייטשן מער...

— אָבער די דייטשע הינט זיינען געבליבן...

בערעלע איז ווידער איינגעשלאָפן. ער זעט די לבנה, אַזאַ רויטע, א צעריסענע, קוים וואָס זי האַלט זיך. אפשר האָבן זי די דייטשישע הינט אזוי צעריסן?...

בערעלע קוקט ארויף מיט א פארקלעמט הארץ פון שרעק... ער וויל לויפן ערגעץ ווייט, זיך באַהאַלטן, מען זאָל אים נישט זען. נישט געפינען...

ער דערפילט מיט א מאָל ווי עמעצער א ריזיקער, א שטאַרקער מענטש טראָגט אים אויף די הענט... ווער איז עס? בערעלען לויפט דורך א שרעק, אפשר א דייטש... ניין, דאָס זיינען גוטע הענט. דאָס איז דער פון די „חשמונאים“... „פון חנהס זיבן זין“?...

— דו ביסט א פאַרטיזאן? — פרעגט בערעלע.

— איך בין דיין טאַטע, בערעלע...

— דו ביסט חנהס זון?...

— וואָס רעדסטו, קינד מיינס?...

— איך בין אויך חנהס זון...

בערעלע הערט ווי עמעצער זאָגט: „דאָס קינד איז קראנק“ און ער עפנט מיט שרעק די אויגן. זיין האַרץ הויבט אָן גיך צו קלאַפן. אָבער דאָס איז נישט אַזאַ ווייטיקלעך קלאַפן ווי פריער. דאָס איז א קלאַפן פון פרייד. ער דערזעט דעם טאַטן און באַלד די מאַמען. ער האָט מורא צו קוקן. עס דאַכט זיך אים, אַז ער זעט אויך די באָבע. אָט זיצט זי ווי אַלע מאָל איינגעקורטשעט.

— מאַמע!
— וואָס איז, מיין קינד?
— מאַמע!
בערעלע נעמט זיך אָן מיט אָטעם. ער וויל עפּעס פרעגן און ער ווייסט נישט צי מען מעג...
— מאַמע!
— וואָס איז דיר! מיין קינד? מאַך אויף די אייגעלעך... קוק אויף מיר. דאָס בין איך, דיין מאַמע. דאָס איז דער טאַטע. אַלע זיינען מיר דאָ... די באָבע...
— מאַמע, איך וויל פרעגן...
— פרעג מיין קינד, פרעג.
בערעלע הערט עפּעס א ניי, פריידיק גערויש ארום. ער פאַרמאַכט צוריק די אויגן און שטיל, מיטן בלויזן אָטעם, מיט די בלויזע פאַר־ברענטע ליפּן, פרעגט ער:
— מאַמע, איך מעג שוין הייסן בערעלע?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

חנוכה איז שוין לאַנג אַוועק. ווען ס'וואָלט געווען א מנהג אַלע נאַכט — נאָך חנוכה אויך — אָנצוצינדן א ליכטל, וואָלט דאָס שוין גע־ווען דער אָונגט אוודאי די פינף און צוואָנציקסטע ליכטל. נאָר שלעכטע טעג איז בעסער גאָרנישט צו ציילן... אָבי בערעלע איז שוין ווידער גע־זונט. הגם עס איז נישט מער חנוכה, שטערט אים קיינער חלילה נישט זיך צו שפּילן מיטן דריידל, וואָס דער פּאַפּאַ האָט ספּעציעל געלאָזט אויסגיסן פאַר זיינעטוועגן. א דריידל פון זילבער, נישט פון בליי. דער פּאַפּאַ האָט געלאָזט אריינקריצן אין דעם דריידל פיר נייע אותיות: ב. ג. ש. צ.

דער ב באַטייט: באַפרייאונג, קען אָבער אויך דער טייטש זיין: בערעלע; דער אות ג הייסט אַזוי גוט ווי: געזונט, קען אָבער אויך מאַכן: גלויבן, גלויבן אין ש, וואָס דאָס מיינט: שלום; וואָס שייך דעם אות צ, איז דאָך דערמיט געמיינט — די צוקונפט, בערעלעס צוקונפט. בערעלעס טאַטע־מאַמע טוען אַלץ, וואָס זיי קענען, פאַר בערעלעס צו־קונפט...

אין אַן אויסגעטראַכטן וואַלד

חנהלע שטייט אין מיטן צימער א דערשראָקענע — האָט זי נישט א מאָל ווידער באַקומען היץ? אפשר האָט זי זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעהיילט פון דער גריפּע?

אָבער באַלד דערפילט זי זיך בעסער און זי דערמאָנט זיך אין דער לבנה־שיין־סאָנאַטע, וואָס זי האָט זיך געהאַט פּירגענומען צו שפּילן פאַר אירע געסט פון וואַלד.

אַלזאָ חנהלע שטיין אין אַ זייט אירע חיות און זעצט זיך אַנידער ביי דער פּיאַנאָ. די לבנה־שיין־סאָנאַטע פון בעטהאָווען וועט זי שפּילן. וואָס פאַר א מאָדנער לאַנגער נאָמען דאָס איז בעטהאָווען! אַן אַנדער אָוונט וואָלט זי אַזוי שפּעט נישט געשפּילט, נאָר היינט איז דאָך ניי־יאָר. האָט איר די מאַמעשי געזאָגט פאַרן אוועקגיין, אַז מען מעג שפּילן אַפילו א גאַנצע נאַכט, און די שכנים פון דעם אונטערשטן שטאָק וועלן איר גאָרנישט נישט זאָגן, זיי וועלן נישט קלאַפּן מיטן בעזעם אין דער סטעליע...

האָט חנהלע זיך אַנידערגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ. רואיק, געלאַסן האָט זי גענומען אַרויסציען מיט אירע דינע, לאַנגע פינגער אַלע קלאַנגען פון דער „לבנה־שיין", וואָס האָט זיך שטילערהייט געפּלושקעט אין די וואַסערן פון א פאַרחלומטן טייכעלע. ניין, זי האָט א שוועב געטאָן אין דער לופטן... אָבער יעדער פּאָר פון די פליגלען האָט איר עפּעס אַזוי ווי געטאָן...

שווימט זיך אַרום אין מיטן דער נאַכט א טרויעריקע סאָנאַטע איינע אַליין, און זי, חנהלע, הערט זיך צו צו איר קלאַנגן און צו איר וויינען.

— נו גיי שוין, גיי שוין, ווין נישט, נאַרעלע־לבנהלע! — טרייסט זי חנהלע, פּונקט ווי עס טרעפט א מאָל זי טרייסט איר מאַמעשין אָדער איר מאַמעשין העמלט, ווען זיי דערמאָנען זיך אין די פאַרגאַנגענע טרוי־

עריקע צייטן. — ס'איז דאָך ניט מער ווי אַ מעשהלע, און פֿאַר־לאָפֿן האָט זיך עס ערגעץ־ווו אין עק וועלט, כאָטש איך דערצייל עס דיר איצט, זאָס הייסט, איך טראַכט זיך אויס..

שפּילט חנהלע די לבֿנה־שיין־סאָנאַטע און לאָזט אַלע טענער אויס־קלינגען אין פּיאַניסימאָ, און כּדי זיי זאָלן, חלילה, ניט צערינען, ניט פֿאַרשלאָפֿן ווערן, מונטערט זי זיי אויף פֿון צייט צו צייט מיט אַ קרעשטשענדאָ.

מיט דער לבֿנה־שיין־סאָנאַטע וועט זי אָנהייבן דעם רעסיטאַל, וואָס זי וועט געבן אין אַ פּאָר חדשים אַרום און זאָל פּלעיעל איר ערשטער עפֿנטלעכער קאָנצערט וועט דאָס זיין. איר מוזיק־לערערין, מאַדאַם ביקאָ, האָט איר געזאָגט, אַז זי שפּילט די דאָזיקע סאָנאַטע כּמעט אַזוי גוט ווי איוו נאַט, וואָס איז איינער פֿון די גרעסטע פֿראַנצויזישע פּיאַניסטן. מיט דער צייט, מיינט מאַדאַם ביקאָ, ווען חנהלע וועט אויסוואַקסן אַ גרויסע, וועט זי אפֿשר שפּילן נאָך בעסער ווי איוו נאַט, ווייל פֿינגער האָט זי זייער־מוזיקאַלישע... געוויס זאָגט עס מאַדאַם ביקאָ, כּדי איר צוצוגעבן מוט, אָבער דער טאַטעשי זאָגט דאָס אויך. זי איז אַ וווּנדער־קינד. איר טאַ־טעשי שטאָלצירט מיט איר. ווען ער טרעפֿט, פֿרעגט ער:

— איר האָט שוין געהערט מיין טעכטערל שפּילן בעטהאָווען? ניין? טאָ קומט־זשע צוגיין היינט אין אָוונט צו אונדז, איר וועט האָבן אַ גרויסן תענוג.

חנהלע האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון איר חלום און אַ קוק געטאָן אויף אירע חיות, וואָס זענען געשטאַנען אָדער געלעגן אויף דעם דיל אָן לעבן, ווי עס טרעפֿט מיט צאַצקעס, וואָס מען לאָזט שטיין און קיינער פֿאַרנעמט זיך ניט מיט זיי.

איצט ווייסט זי שוין וואָס זי וועט טאָן. זי וועט אַריינגעמען אַלע חיות אין דער לבֿנה־שיין־סאָנאַטע...

און ס'איז געשען.

דער וואַלד מיט די חיות האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. געוויס, ניט קיין אמתער וואַלד איז דאָס געווען. עס איז געווען ניט מער ווי אַ שפּיל, פּונקט ווי די לבֿנה־שיין איז אַ שפּיל, אַ מוזיק־שטיק, וואָס ווערט געשפּילט.

חנהלע האָט אויסגעשטעלט דעם גאַנצן וואַלד אויף דער פּאָדלאָגע. זי האָט צונויפֿגערופֿן אַלע חיות און האָט זיי פֿונאַנדערגעטיילט צווישן

די ביימער און ביימעלעך, יעדע חיה מיט איר בייזן קוק, מיט איר בייזן ברום, ווי עס געהערט צו זיין.

אויך די אַנדערע חיות, די שטוביקע, ווי, א שטייגער, דער הונט, די קאַץ אָדער די ציג, אויך זיי האָט זי אַריינגענומען אין וואַלד. קודם כל וועט זי זיי אַלעמען געבן נעמען, כדי זיי זאָלן זיך אָפּרופן, ווען זי וועט זיי א רוף טאָן.

ברענגענדיק די צאַצקעס, האָט דער טאַטעשי איר געזאָגט — אין א געלעכטער, פאַרשטייט זיך — אַז יעדעס חיהלע איז אַראָפּגעקומען אַהער אומגעריכט און עס קען זיך אַליין נישט, עס ווייסט נישט ווער און וואָס עס איז.

ס'איז נישט קיין וווּנדער, איז עס דאָך אַקאָרשט אַרויסגעקומען פון דער פאַבריק און קיינער האָט נאָך נישט באַוויזן דעם צו געבן א פּאַסיקן נאָמען. קומט אויס, האָט דער טאַטעשי איר געזאָגט, אז זיי פאַרלאָזן זיך איצט אַלע אויף חנהלען און דערוואַרטן פון איר, זי זאָל דאָס צוקלערן פאַר יעדער חיה באַזונדער א שיינעם, קלוגן נאָמען. דער ערשטער מענטש און די ערשטע פרוי אויף דער וועלט, אדם און חוה, האָבן אויך אַזוי געטאָן, האָט דער טאַטעשי געזאָגט.

פרעגט זיך אָבער: אין וועלכער שפּראַך זאָל זי צוטראַכטן דעם נאָמען? אין פּויליש, אין יידיש אָדער גאָר אין פראַנצויזיש? זי קען די אַלע דריי שפּראַכן.

יידיש, ווייל זי איז א יידיש קינד, זי הייסט חנהלע און איר טאַטעשי איר מאַמעשי און אַלע איערע באַקאַנטע זיינען יידן נאָך פון אַמאָליקע יאָרן אָן, דעמלט ווען זיי האָבן נאָך געוווינט אין פּוילן און נאָך א סך אַנדערע יידן האָבן געלעבט אין פּוילן, ביז די בייזע חיות, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט ווי מענטשן, האָבן אַלעמען נישט אויסגעהרגעט.

צוויי שוועסטערלעך האָט חנהלע אַמאָל געהאַט, און א זיידן א גוטן מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד און א באָבעשי א ליבע, האָבן די דייטשן זיי אויך געהרגעט.

חנהלע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף ביי פּויערים, דערנאָך אין וואַלד, אין א גרוב, דערנאָך ווידער אין א דאָרף, ביי פּויערים, האָט זי דאָרט געדאַרפט די גאַנצע צייט רעדן פּויליש, קען זי טאַקע עד־היום רעדן פּויליש. און אַזוי ווי די חיות לעבן דאָך אויך אין וואַלד, וועט זי אפשר זיי דאַרפן געבן פּוילישע נעמען.

אָבער דער טאַטעשי און די מאַמעשי האָבן די אַלע חיות געקויפט אין א פראַנצויזישן געשעפט; וואָלטן זיי געווען לעבעדיקע, וואָלטן זיי אָן שום ספק געלעבט אין די פראַנצויזישע וועלדער און מען וואָלט באַדאַרפט מיט זיי רעדן פראַנצויזיש; אין צירק און אין דעם וועגסענער זאָאָלאָגישן גאָרטן רייד די קינדער מיט די דאָרטיקע חיות אויך פראַנצויזיש.

טראַכט חנהלע, טראַכט און קען זיך קיין עצה נישט געבן, זי ווייס נישט אויף וועלכער פון אָט די דריי שפּראַכן זי זאָל רעדן צו אירע חיות, זי ווייס נישט, וועלכע נעמען זי זאָל זיי געבן.

שטייט חנהלע אין דעם געדיכטן וואַלד א פאַרטראַכטע, א פאַרקלערטע. עס בליצט, עס דונערט א שטורעם האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם וואַלד. זי האָט מורא, זי שרעקט זיך... זי איז אײנע אַליין דאָ. דער טאַטעשי און די מאַמעשי, ביידע זיינען זיי געגאַנגען אין דאָרף אַריין זוכן עסן פאַר אירע חיות. אָבער אָט איז שוין אַוועק א שעה, א צווייטע שעה, דריי שעה זיינען שוין אפשר פאַרביי זינט זיי זיינען אַוועק. האָט זי מורא, א צאָן אין א צאָן קלאַפּט איר. זי האָט נישט געדאַרפט אַרויסקריכן פון גרוב.

זי קוקט זיך ארום און זעט, אַז זי געפינט זיך גאָר אין איר צימערל. אין דרויסן איז נישט קיין וואַלד, נאָר א גאַס מיט הייזער און קיין שטורעם זעט זיך אויך נישט אין ערגעץ... דערמאָנט זי זיך, אַז זי האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט שפּילן דעם ערשטן טייל פון איר לבנה־שיין־סאָנאַטע, וואָס שפּילט זיך אַזוי שיין, אַזוי רואיק, אַז מע קען בעת מעשה לאָזן זיך שפּילן די פינגער מיט די טענער און אַליין קען מען גאָר טראַכטן פון עפּעס אַנדערש...

איצט טראַכט זי פון דעם טאַטעשין, פון דער מאַמעשין, ווי גוט זיי זיינען צו איר! א פולן וואַלד מיט חיות האָבן זיי איר געבראַכט א מתנה, בערן, וועלף, לייבן, לעמפּערטן און טיגערס.

חנהלע האָט דאָס קיין מאָל פון זיי נישט פאַרלאַנגט. זי ווייס, אַז אימלעכער בער, אימלעכער לייב פון דער דאָזיקער מענאַזשעריע קאָסט אָפּ דעם טאַטעשין א סך געלט און דער טאַטעשי אַרבעט דאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, כדי איר זאָל גאָרנישט נישט פעלן, כדי זי זאָל קענען נעמען לעקציעס ביי די גרעסטע מוזיק־לערערס.

חנהלע האָט נישט געוווסט ווי אַזוי זיי אָפּצודאַנקען, געקושט און געהאַלדזט האָט זי זיי, עס האָט איר אָבער פאַרדראָסן, וואָס זי פון איר

זיי קען זיי נישט פארשאפן קיין פרייד, חוץ... חוץ אפשר מיט איר שפילן פיאנא. האט זי געטראכט און געטראכט ביז זי איז צוגעשטאנען צו זיי זיי זאלן דעם ניי־יאר־אוונט גיין פארברענגען ערגעץ־ווו, ווארעם זי פילט זיך שוין, האט זי זיי פארזיכערט, אין גאנצן געזונט און זי קען בלייבן אליין אין שטוב. איבעריקנס האט זי דאך אזויפיל געסט אין איר צימערל, אזויפיל נייע צאצקעס, וועט איר טאקע זיין זייער פריילעך...

טאטע־מאמע האבן געלאזט זיך איבררעדן פון איר און זי איז פארבליבן אין איר צימערל איינע אליין. זי שרעקט זיך נישט פאר גארנישט, זי איז דאך שוין א דערוואקסן מיידעלע. צוועלף יאר איז זי אלט געווארן.

חנהלע האט זיך אראפגעלאזט אויף דער פאדלאגע, די חיות קוקן זי אן, גלייך ווי זיי וואלטן עפעס וואס דערווארט פון איר. עסן?

ניין, — ווען מען איז אין א וואלד — זאגט זי צו די חיות — דארף מען זיך אליין פארשאפן עסן. איר ווילט מען זאל אייך אונטערטראגן א שעפסעלע אין מויל אריין? ניין. ערשט באווייזט וואס איר קענט, דער־נאך וועלן מיר רעדן וועגן עסן.

אבער די חיות האבן זיך נישט גערירט פון ארט.

האט חנהלע זיך ווידער אוועקגעזעצט ביי דער פיאנא, צו דער לבנה־שיין־סאנאטע.

פריער האבן די טענער נישט געיאגט זיך איינער נאכן צווייטן; געבונדן און געארעמט, האבן זיי שפאצירט געלאסן און פאמעלעך אויף א גרוים פעלד.

אבער באלד האבן זיי זיך גענומען איילן, געווארן אומרואיק... דער אדער יענער טאן האט אויף איין אויגנבליק זיך ווי אפגעריסן אין א זייט פון זיינע חברים און ארויסגעשפרונגען פון דער ריי. עמעץ האט אפילו פלוצלונג גאר גענומען זיך בייזערן. פארוואס? פארוועמען? ווער ווייס? אין די פאר מאקטן פון דער טריא איז אפילו דערגאנגען ביז צו אפאר־טען־אויסברוכן. עס האט טאקע אנגעהויבן שמעקן מיט שטורעם, מיט וואלד... פארוואס־זשע האבן טאטעשי און מאמעשי זי איבערגעלאזן איינע אליין? באלד וועלן די חיות זיך א ווארף טאן אויף איר; זיי וועלן זי צערייסן, זיי וועלן זי אויפעסן א לעבעדיקע... און זיי זענען אפילו נישט קיין אמתע חיות, ביי וועלכע עס טרעפט, אז זיי האבן רחמנות אויף א

קליינער פארבלאָנדזשעטער מיידעלע... זיי זענען דאָך פארשטעלטע, מענטשן־פּרעסער און נאָך ערגער...

— טאַטעשי! רופט זי; מאַמעשי!

פאַר וועמען האָט זי זיך דאָ דערשראָקן? ווייסט זי דען נישט, אַז זי איז נישט אין וואלד, נישט צווישן חיות? אַז הייגט איז גיי־יאָר? טאַטעשי און מאַמעשי זענען געגאנגען מיט זייערע באַקאַנטע פאַר־ברענגען ערגעץ. זי וואָלט, קען זיין, מיטגעגאנגען מיט זיי, אָבער זי טאָר נאָך אַלץ נישט אַרויסגיין פון שטוב, איר גריפּע האָט זיך נאָך נישט אין גאנצן פאַרענדיקט. כאָטש היץ האָט זי נישט מער... אָבער אפשר האָט זי יאָ נאָך א ביסל היץ?

זי האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן.

די חיות, דער וואלד — אַלץ, אַלץ האָט זיך איצט צוגעהערט צום טאָן און קלאַנג־געזעג פון דער לבנה־שיין־סאָנאַטע. די חיות, יעדערע לויט איר שטייגער און לויט איר פאַרנעם, האָבן זיך באַטייליקט אין דעם דאָזיקן געזעג: דער לייב מיט זיין ריטשען, דער בער מיט זיין ברומען דער וואָלף מיט זיין וואָיען און דער הונט מיט זיין בילן. אמת, נישט אַלעמענס קולות האָבן באַוויזן מיטצוקלינגען אין דער לבנה־שיין־סאָנאַטע, ווארעם נישט פאַר דעם גאנצן שטורעם, וואָס האָט זיך געהאַט צעשטורעמט אין חנהלעס אויסגעטראכטן וואלד, איז געווען אָרט אין דער סאָנאַטע; אָבער דאָ און דאָרט האָט זיך אריינגעריסן א פאַר־טיסימא און געפּלאַצט ווי א דונער, וואָס פאַלט אראָפּ פון הימל. פון צייט צו צייט האָט זיך אויך א גרופּע טענער צעטרילערט, גלייך ווי עס וואָלט א בליץ געטאָן. די חיות האָבן זיך דערשראָקן, זיי זענען געבליבן שטיין א רגע, זיך אַרומגעקוקט, און ווידער האָבן די קלאַנגען זיך גע־נומען יאָגן.

חנהלע האָט געזען ווי די לבנה־שיין־סאָנאַטע ווערט אַלץ אייליקער און אייליקער, לויפט הענדום־פּענדום, און דאָך קען זי נישט אַרויס־שפּרינגען פון דער אייגענער ראם. זי האָט געפילט, ווי די היץ שטייגט אין אירע גלידער, אַז אָט אָט ווערט זי אַראָפּפאַלן פון בענקל און ווערט חלשן... נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט, ווייל דאָס שפּיל אירס איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. אויסשפּילן דאַרף זי אַלץ, ביז צום סוף. דערנאָך ווערט זי אפשר זיך לייגן אין בעטל אַריין, ווארעם זעט אויס, זי

איז אויף אן אמתן קראנק... די טרילן שטעכן איר ווי שפּיזן. אפשר האָט זי נישט באַדאַרפט אָנשטעלן אַלע חיות אויף אמאָל... א געפערלעך שפּיל האָט זיך צעשפּילט ביי איר אין צימערל... און זי איז איינע אַליין... ווו איז דער טאַטעשי? ווו איז די מאַמעשי? שוין... שוין... נאָך איין זייט האָט זי צו שפּילן... אפשר צען טאַקטן, נישט מער... קען זי דאָך נישט אויפהערן אין מיטן דרינען? נאָך איין קרעשטשענדא... נאָכדעם וועט שוין זיין לייכטער... נאָכדעם גייט שוין באַרג אראָפּ... און ס'איז אוים... לבנה־שיין... אוים שפּיל...

א מאָנאַט איז פארביי זינט דאָס שפּיל מיט דער לבנה און מיטן וואַלד האָט זיך פאַרענדיקט. די חיות־צאַצקעס ליגן אַלע אָן שפּיל און אָן לעבן, ליגן אָפּהענטיקע אין זייערע קעסטלעך אָדער אין א ווינקל צימער. חנהלע גופא ליגט אויך נאָך אין בעט. היץ האָט זי טאַקע נישט מער, אָבער זי פילט זיך נאָך זייער שוואך און קען קוים אַרויסברענגען א וואָרט אויף אירע ליפּן. ניין, עס טוט איר גאָרנישט נישט וויי, וואָרעם דאָס וואָס האָט זיך פארקליבן איגעווייניק ביי איר און דריקט זי אַזוי שטאַרק, איז דאָך נישט קיין אמתער ווייטיק; פארקלעמט איז זי. דער טאַטעשי איז נישטאָ... ווו איז דער טאַטעשי? חנהלע ווייס, אַז איר טאַטעשי איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ אין א ווייטן לאַנד; יענעם ביי־יאָר־אָוונט טאַקע, ווען זי האָט געשפּילט די לבנה־שיין־סאָנאַטע, איז ער אַוועקגעפאָרן אַהין און איז נישט מער צוריקגעקומען... איר טאַטע־שי!... די טרערן שטיקן איר אין האַלדז, אָבער וויינען קען זי נישט... כדי צו וויינען וואָלט זי געדאַרפט פונאַנדערפלאָנטערן דעם שווערן קנויל, וואָס שטעקט איר אין גאָרגל! טרער פאר טרער וואָלט זי געדאַרפט פון דאָרטן פונאַנדערנעמען, אָבער זי איז צו שוואך דערצו... בעט זי זיך שטילערהייט ביי דער מאַמעשין, וואָס טרעט נישט אָפּ פון איר בעטל:

— מאַמעשי! ליבע מאַמעשי! העלף מיר וויינען, איך בעט דיך איך וויל וויינען... וואָס ארט דיך ?

אָבער די מאַמעשי איז א שלעכטע. נאָר זי אַליין וויל וויינען...

זיצט די מאַמעשי ביי חנהלעס בעטל און די טרערן רינען איר איבערן פּנים, גרויסע טראָפּנס טרערן. איז טאַקע דער טאַטעשי אַוועק־געפאָרן אין א ווייטן לאַנד? און די מאַמעשי ווייסט נישט, ווען ער וועט צוריקקומען? חנהלע אָבער ווייסט יאָ; זי ווייס, אז איר טאַטעשי

וועט... אפשר... שוין קיין מאָל מער נישט צוריקקומען... זי זאָגט עס נישט, אָבער אין האַרצן ווייסט זי עס... זי האָט עפּעס געהערט רעדן, זי האָט געהערט זיך שושקען אינעם צווייטן צימער... ניין, דאָס איז דאָך נישט מעגלעך... בעסער נישט מער טראַכטן דערפֿון, אָדער אפשר גאָר שרייען, שרייען אַזוי לאַנג ביז איר טאַטעשי וועט איר פּאָרט ענטפֿערן... זי האָט דאָך אים אַזוי ליב געהאַט....

חנהלע דערמאָנט זיך אין די מעשהלעך, וואָס איר טאַטעשי פֿלעגט איר דערציילן און איר דוכט זיך, אַז איר טאַטעשי האָט די דאָזיקע מעשהלעך גענומען ביי בעטהאָווען: „אַמאָל איז געווען... אַמאָל איז געוועז...” הײנט אָבער איז אַלץ פֿאַרשווּנדן, אַלץ איצט אַוועקגעפֿלויגן וויִיט, ווייט, אין א ווייטן לאַנד אַריין, און ס'איז נישטאָ מער קיין טאַטעשי.

חנהלען פֿאַרדריסט וואָס זי איז אַזוי שוואַך און קען זיך נישט זעצן ביי דער פּיאַנאָ. זי וויל זיך דערמאָנען, וואָס איר טאַטעשי האָט איר דערציילט. נישט דאָס מעשהלע גופא וויל זי זיך דערמאָנען, נאָר די מעלאָדיע, דאָס געזאַנג פֿון דעם מעשהלע.

— מאַמעשי, דו ווייסט אפשר וווּ דאָס „ווייטע לאַנד” פֿון טאַ־טעשי געפֿינט זיך?

ווידער איז אַוועק א טאָג, א נאַכט. חנהלעס טאַטעשי איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען פֿון דעם ווייטן לאַנד... פֿאַרוואָס זאַמט ער זיך אַזוי לאַנג? ווייס ער דען נישט, אז חנהלע קוקט אויס די אויגן אירע און וואַרט ער זאָל וואָס גיכער צוריקקומען? זי האָט אים דאָך אַזוי פֿיל וואָס צו דערציילן, מער נאָך אפשר ווי ער איר פֿון זיין ווייטן לאַנד... זי וויל אים דערציילן אַלע אירע חלומות, וואָס האָבן זיך איר זינט יענעם אָוונט געחלומט. שרעקלעכע חלומות זענען דאָס געווען. נאָר ער אייגער, נאָר איר טאַטעשי, קען וויסן וואָס זיי באַדייטן... פֿאַרוואָס קומט ער נישט? אפשר מיינט ער, אז חנהלע האָט געהערט פֿון זיין פֿלוצלונגדיקן טויט? ניין, ניין, חנהלע האָט גאָרנישט נישט געהערט... זי גלויבט, אַז ער איז טאַקע אַוועקגעפֿאָרן אין א ווייטן לאַנד, ווי די מאַמעשי האָט איר דערציילט... זי גלויבט נישט אין איר טאַטעשיס טויט... דאָס איז דאָך נישט מעגלעך דער טאַטעשי זאָל אַרויסגיין פֿון שטוב אויף א פּאָר שעה און פּלוצלונג זאָל ער... ניין, איר טאַטעשי וועט באַלד צוריקקומען...

חנהלע ווייס פון גאָרנישט... זי וויל פון גאָרנישט נישט וויסן... זי וויל זען איר טאַטעשין...

— מאַמעשי! ליבע מאַמעשי! אויב דער טאַטעשי איז נישט מער ווי אַוועקגעפאָרן, אויב ער דאַרף באַלד צוריקקומען, טאָ פאַרוואָס וויינסטו אַזויפיל?

— קינד מיינס! חנהלע! איך וויין גאָרנישט... איך וויין נאָר, ווייל דו ביסט א ביסל נישט געזונט, אָבער באַלד וועסטו צוריק ווערן געזונט און איך וועל מער נישט וויינען.

די מאַמע געפינט זיך אין א קלעם. איר דוכט זיך: זי הערט איר טעכטערל פרעגן:

— מאַמעשי! ווי אַזוי האָסטו עס צוגעלאָזן דער טאַטעשי זאָל אַוועקפאָרן פלוצלונג אין אזא ווייטן לאַנד און מיך זאָל ער נישט מיטנעמען מיט זיך און אויך דיך זאָל ער איבערלאָזן אין דער גרויסער שטאָט פּאַריז, וווּ קיינער דאַרף דיך נישט און קיינער קימערט זיך וועגן דיר נישט? פאַרוואָס איז ער אַזוי געשווינד אַוועקגעפאָרן און האָט זיך אפילו נישט געזעגנט מיט זיין חנהלען, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט?

זינט דעם טויט פון איר מאַן, דוכט זיך איר, פאַרוואַרפט זי חנהלע מיט אַזעלכע שטומע פראַגעס. דאָס האַרץ פּלאַצט איר שיר נישט און קיין שום טרייסט איז נישטאָ. ביינאַכט קען זי נישט איינשלאָפן. ס'איז גוט וואָס זי קען נישט איינשלאָפן; זי האָט מורא פאַר די חלומות. אָבער וואָך צו זיין איז אויך נישט גוט, ווייל צי מען וויל יאָ, צי מען וויל נישט, מוז מען כסדר טראַכטן וועגן טויט. אָט איז ער, איר מאַן, געזעסן א לעבעדיקער, א געזונטער, א פריילעכער צוזאַמען מיט חברים און גוטע־פריינד. זי האָט אים שוין לאַנג נישט געזען אין אזא גוטער שטימונג, ווי גראַד יענעם ניי־יאָר אָוונט. ער האָט געזונגען און דווקא פריילעכע לידער האָט ער געזונגען. אפשר האָט ער געוווסט, אז ער האָט נישט מער לאַנג צו לעבן, האָט ער געוואָלט אויסשעפּן דאָס לעצטע ביסל פרייד, וואָס איז אים איבערגעבליבן; אפשר האָט ער געוואָלט זיך געזעגענען מיט דעם רעשטל פרייד, וואָס דאָס לעבן האָט אָפּגעשפּאָרט פאַר זיינעטוועגן.

אַלע האָבן געלאַכט, האָבן זיך געקייקלט פאַר געלעכטער. און ווידער האָט מען געזונגען. מען האָט געטרונקען לחיים איינער מיטן צווייטן און אַלע אינאיינעם. פלוצלונג איז ער בלייך געוואָרן און איז אַראָפּגעפאַלן פון שטול, מער איז ער צו זיך שוין נישט געקומען. איין מינוט האָט

געדויערט זיין גסיסה. דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן. זי וועט דאָך מיט דער צייט פאָרט מוזן דערציילן חנהלען וועגן דעם טויט פון איר טאַטעשין, ווי אַזוי וועט זי דאָס פאַרשטיין, אז א געזונטער מענטש זאָל פּלוצלונג פאַרכאַפּט ווערן פון דעם טויט און קיין שום דאָקטאָר זאָל אים נישט קענען ראַטעווען?

מאַמע און טאָכטער האָבן ווי אָפּגעמאַכט צווישן זיך, איינע דער צווייטער זאָל נישט אויסזאָגן דעם סוד. חנהלע מאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט נאָך אלץ נישט געוווּסט, אז איר טאַטעשי איז געשטאָרבן. איר דאַכט זיך עפּעס, אז דער טויט כל זמן מען פאַרשווייגט אים, איז נאָך אלץ פאַראַן א שטיקל האָפענונג, איז ער נאָך אַלץ עפּעס ווי ארומגעהילט מיט א נעפּל. חנהלע ווייס נישט, ווען מען איז אין דער אמתן טויט. פיל מאָל קומט דער טאַטעשי איר צו חלום. זי רעדט מיט אים, זי שפּילט זיך מיט אים, זי איז זיין מאַמעלע און ער איז איר זונעלע... ווען זי כאַפּט זיך אָבער אויף און זעט, אַז דער טאַטעשי איז נישטאָ, דעמלט ווינט זי שטילערהייט אַזוי, אַז די מאַמעשי זאָל נישט זען.

זי טוט זיך אָן געשווינד און לויפט אין שול אַריין. אין שול זענען פאַראַן א סך מיידעלעך. זי לעבט מיט אַלעמען גוט. די לערערקע האָט זי ליב, ווייל זי לערנט זיך גוט און ווייל אירע העפטן זענען אַלע מאָל זויבער, ריין; זי פליסט זיך אָבער נישט צו זיין די בעסטע שילערין, זי וויל נישט זיין די ערשטע אין איר קלאַס, ווייל זי וויל נישט צוציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. איר איז בעסער, ווען קיינער קוקט נישט אויף איר און זי קען זיך רואיק פאַרטראַכטן וועגן איר טאַטעשין.

די ערשטע חדשים נאָך דעם טאַטעשיס טויט האָט זי זיך בכלל צו דער פיאַנאָ נישט צוגערירט. אויך די מוזיק איז עפּעס ווי אַוועקגעפלויגן אין א „ווייטן לאַנד“ אַריין, צום טאַטעשין; חנהלע איז דאָ געבליבן איינע אַליין. אָבער א ווייטער עכאָ פון אמאָל פלעגט פון צייט צו צייט עפּעס ווי א פלאַטער טאָן אין איר צימערל; דאָס איז געווען א גרוס פון דעם „ווייטן לאַנד“, א טרויעריקער גרוס, וואָס איז באַלד ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן.

איבעריקנס, איז זי אין די ערשטע חדשים נאָך איר טאַטעשיס טויט געשלאָפן מיט דער מאַמעשין אין איין בעט. זאלבעצווייט איז נישט

אַזוי אומעטיק בייגאַכט. אין איר צימערל האָט דער טרויער זיך פאַר־
קליבן אין יעדן ווינקעלע, אַלץ טרויערט דאָרטן נאָכן טאַטעשין. שפּעטער
האָט זי צוריק גענומען שלאָפן אין איר בעטל, וואָרעם דאָ, אין איר
צימערל, קען זי אין מיטן דער נאַכט, ווען ס'איז גוט פינצטער און
זי כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, אַרויסרופן איר טאַטעשים געשטאַלט. זי
האָט אים אַזויפיל צו דערציילן. זי דערציילט אים וואָס זי טראַכט און
ווי אַזוי זי בענקט נאָך אים. ער ווידער דערציילט איר מעשיות פון
דעם „ווייטן לאַנד", ווו ער געפינט זיך, ער דערציילט איר פון די
ווונדערלעכע רייזעס, וואָס ער מאַכט אין אַלע עקן וועלט. זי פאַרשטייט
אים אויפן ווונק. ער דאַרף גאָר מיט איר קיין סך נישט ריידן. נאָכדעם
שלאָפט זי ווידער איין און דאָרטן, אין שלאָף, נעמט איר טאַטעשי זי
אָן פאַר דער האַנט און פירט זי אַרום אין דעם „ווייטן לאַנד", ער
ווייזט איר אַלץ און דערקלערט איר אַלץ. איר דוכט זיך דעמלט, אַז דאָס
אַלץ קומט פאָר אין לעבן, וואָס איז אי ווייט אי נאָענט, טיילמאָל אַזוי
נאָענט, אַז מען קען עס אָנרירן מיט די הענט.

נאָר דער טאַטעשי גופא האָט איר איינמאָל אין א חלום געהייסן
זיך ווידער נעמען צום שפּילן. ער האָט זי געבעטן שפּילן קודם כל די
לבנה־שיין־סאָנאַטע, וואָס ער האָט אַזוי ליב. אָבער זי האָט זיך אָפּגע־
בעטן: ניין, די לבנה־שיין־סאָנאַטע קען זי נישט שפּילן זינט דעם אָוונט,
ווען ער איז אַוועקגעפאָרן אין „ווייטן לאַנד" אַריין. אירע פינגער וועלן
איר מסתמא נישט פאָלגן , די טענער וועלן זיך אויסמישן און ווער ווייס
וואָס פאַר א שטורעם עס וועט אַרויסקומען... דער טאַטעשי האָט סוף־
כל־סוף איינגעזען, אַז די לבנה־שיין־סאָנאַטע קען מען פון איר נישט
פאַרלאַנגען און האָט איר דערלויבט צו שפּילן עפּעס אַנדערש. גרייט זי
זיך איצט צום רעטשיטאַל, וואָס זי וועט געבן אין זאַל פלעיעל אין א
מאָנאַט אַרום. זי וועט שפּילן עטלעכע סאָנאַטעס פון בעטהאָווען, אָבער
נישט די לבנה־שיין־סאָנאַטע. אַלע וואַרטן אויף דעם דאָזיקן רעטשיטאַל
מיט אומגעדולד. איבערהויפּט די מאַמעשי. אָבער דער טאַטעשי וועט
צו דעם דאָזיקן רעטשיטאַל נישט קומען. פאַרוואָס? פאַרוואָס?

דרייסיק טעג און דרייסיק אָוונטן זענען פאַראַן אין א חודש.
וואָלט חנהלע אפילו געקענט שפּילן א גאַנצן טאָג און א גאַנצן אָוונט פון
די דאָזיקע דרייסיק מעת־לעת, וואָלט אויך נישט געווען צופיל. בפרט נאָך,

אַז אויסגעקליבן האָט זי די סאמע שווערסטע סאָנאַטעס פאַר איר רעטשיטאַל ווי, צו ביישפּיל, די סאָנאַטע אפּוס 111, וואָס הייבט זיך תּיכף אָן מיט א מאיעסטאזא־אימפּעט. אָבער חנהלע, כאָטש נאָך אזא יונגיטשקע, האָט זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים אין בעטהאָווענס שטורמיש־ליידנשאפטלעכער און פאַרבענקטער מוזיק. זי האָט אַרומגעטראָגן א סוד אין האַרצן: דער סוד פון איר טאַטעשיס טויט און א טויבן ווייטיק. אפשר האָט זיך דער דאָזיקער סוד געצאַפּלט אין איר און דעריבער האָט זי געקענט זעך דערשלאָגן צו די פאַרבאָרגנסטע טיפן פון בעטהאָווענס פארצווייפלטן און טויבן געמיט.

נאָך דעם מאיעסטעטישן גיכן אָנזאָג פון דער סאָנאַטע אפּוס 111, קומט צולויפן פון ערגעץ־ווו אן אלעגראָ, א פלינקע, אויסגעשטאַט מיט גלאַנץ און מיט ליידנשאפט און דעפילירט שנעל פאַרביי דער גאמע געפילן פון בעטהאָווענס צעטראגענעם געמיט. דערנאָך דרינגען אַריין אלע טענער אין עפּעס א טרויעריקער אריעטא. א ברייטע זינגענדיקע אדאזשיא־פּערספּעקטיוו עפנט זיך אויף. בעטהאָווען זוכט אן אויסוועג פאר זיין צער, פאַר זיין פּיין, אָבער אלע אויסוועגן זענען, ווייזט אויס, פאַרשפּאַרט און פאַרצאַמט. ער בעט זיך רחמים ביים גורל, ער וויל געהאָלפן, אויסגעלייזט ווערן. דער ריטעם פארגיכערט זיך, די טרילערס מישן זיך אַריין, אָבער וואָס קענען זיי אים העלפן אין זיין גרויסער נויט? דאָס האַרץ זיינס איז קראנק, דאָס געמיט איז צעבראָכן. יעדער געשריי. יעדער הילף־רוף שלאָגט זיך אָן אין אַ טויבער וואַנט. דער גורל האָט אים באַזיגט. ער גיט זיך אונטער.

מען האָט אויף דעם דאָזיקן גרויסן אָוונט זיך ענדלעך דערוואַרט. חנהלע האָט פארן אָוונט זיך גאָרנישט געשראָקן, כאָטש דאָס איז געווען איר ערשטער גרויסער עפנטלעכער קאָנצערט. זי האָט דעם גאַנצן פּראָגראם זיך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. זי איז געווען זיכער ביי זיך, אַז זי וועט זיך נישט צעטומלען און וועט קיין טעות נישט מאַכן אין קיין איין נאָטע. זי האָט געטראכט פון איר טאַטעשין. ער האָט איר צוגעזאָגט אין חלום, אַז ער וועט קומען צום רעטשיטאַל, אָבער שפּעטער ווי אַלע אנדערע. זי זאָל זיך נאָר נישט שרעקן, זי זאָל זיך זעצן ביים קלאַוויר און זאָל אָנהייבן צו שפּילן אַפילו, אויב ער וועט זיך האָבן אַ

ביסל פאַרשפּעקטיקט, ווייל פון דעם „ווייטן לאַנד“, ווו ער געפינט זיך, קען מען אַזוי שנעל נישט קומען. איבעריקנס, נישט אין זאַל וועט ער זיצן, נאָר אויף דער עסטראַדע לעבן איר. אַלע טענער וועלן זיך גרופּירן אַרום אים, אַלע קאָרדן וועט ער צונויפקלייבן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין. זי מעג זיך אויף אים פאַרלאָזן, ער וועט שוין גוט אויפּפּאַסן אויף איר און אויף איר מוזיק.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

א דריטל בענק פון דעם זאַל פלעיעל זענען געווען באַזעצט דורך די באַקאַנטע און פריינד פון דער משפּחה. איז טאַקע די שפּאַנונג אין זאַל, איידער נאָך חנהלע האָט זיך באַוויזן ביים קלאַוויר, געווען זייער גרויס. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַלע וואָלטן זיך געריכט אויף עפּעס א וווּנדער, וואָס דאַרף דאָ געשען, א ווונדער ספּעציעל פאַר זייערטוועגן, וואָרעם חנהלע איז געווען אַלעמענס שטאָלץ, דאָס שענסטע און דאָס גרעסטע קינד זייערס.

פון חנהלעס מאַמעשין איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן. זי איז געווען אומגעדולדיק, אָבער זי האָט זיך אויך א ביסל געשראָקן. נישט פאַר א דורכפאַל, זי איז געווען זיכער, אַז איר טעכטערל וועט אויסהאַלטן דעם „עקזאַמען“. געשראָקן האָט זי זיך עפּעס ווי פאַר אים, פאַר... איר מאַן. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער געוואַרט אויף דעם דאָזיקן אָוונט, ביז צו דער לעצטער מינוט האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער קומענדיקער גרויסער געשעעניש, וועגן דער קרוין פון אַלע זיינע האָפענונגען, און אָט איז ער — נישטאָ. חנהלע מיינט אפשר, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן אין א „ווייטן לאַנד“ אַריין. מיינט זי דאָס טאַקע אויף אַן אמתן? קען זיין... וואָס קען זיין? וואָס טוט זיך מיט איר? איז זי אַראָפּ פון זינען? וואָס פאַר א משוגענע געדאַנקען זענען איר באַפאַלן? אָט איז שוין באַלד ניין א זייגער, דער רעטשיטאַל דאַרף זיך אָנהויבן אין עטלעכע מינוט אַרום. זי ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט איר. די קנעכלעך בויגן זיך איר. זי מוז זיך צוזעצן, אַנישט, פילט זי, וועט זי אומפאַלן. עס ציטערן איר די הענט, שפּיזלען שטעכן איר אין אַלע גלידער.

— נו, ס'איז שוין צייט — פאַלט זי אַרויף קושן איר קינד — גיי חנהלע און זיי מצליח, שפּיל אַזוי, ווי לעבן דיר וואָלט געזעסן דיין טאַטעשי...

ממעמקים — פון דער טיפסטער שטילקייט ארוים האָט חנהלע זיך גענומען בעטן ביי איר טאַטעשין ער זאָל שוין קומען צו איר, ווייל נאָר פאר אים אליין שפּילט זי דאָך די אפּאסיאנאטא. צי ווייסט ער כאָטש, ווי שטאַרק זיין חנהלע בענקט נאָך אים? צי ווייסט ער, אַז נאָר וועגן אים טראכט זי טאָג און נאַכט? צי ווייסט ער, אַז אַלע די, וואָס זיצן דאָ אין זאל הייַנט אין אָוונט, אַלע די, וואָס זענען געקומען הערן זי שפּילן, זענען איר פרעמד און אין דער אמתן איז דער זאל גאָר א ליידיקער, א פוסטער? צי ווייסט ער, אַז נאָר ער איינער קען זי פארשטיין, אַז נאָר פאר אים האָט בעטהאָווען געשריבן זיין אפּאסיאנאטא און נאָר פאר זיינעטוועגן ווערט זי היינט דורך חנהלען געשפּילט? זאָל־זשע דער טאַטעשי וואָס גיכער דערשיינען, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט אין חלום... מסתמא איז חנהלעס טאַטעשין נישט געווען אַזוי לייכט צו קומען... אַזוי גלייך אָבער ווי זי האָט גענומען שפּילן די אנדאַנטע קאָן מאטא, האָט זיך איר טאַטעשי באַוויזן. צוערשט האָט ער א רגע לאַנג ארומגעשוועבט איבער דעם קלאַוויר, דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר, גאַנץ נאָענט, גאַנץ נאָענט. גליק האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיינע אויגן, גליק מיט טרויער צוזאַמען. גליקלעך האָט זיך חנהלע געפילט און צו גלייכער צייט איז איר אומעטיק געווען, אַזוי אומעטיק... זי האָט געוואָלט בלייבן זיצן אייביק ביים קלאַוויר און שפּילן און שפּילן די אנדאנטע, כדי דער טאַטעשי זאָל בלייבן לעבן איר און זיין טיף־צערטלעכער בליק זאָל באַגלייטן די תפילה פון אירע פינגער. יאָ, ס'איז איר פאָרגעקומען, ווי זי וואָלט מתפלל געווען אין דער אַנדאנטע, געבעטן, זי זאָל קיין מאָל קיין סוף נישט נעמען. אָבער...

— זיי נישט טרויעריק, חנהלע. איך בעט דיך, מיין טעכטערל, אין דעם „ווייטן לאַנד“ מיינעם געפין איך זיך אויך לעבן דיר. ווען מען האָט אַזוי ליב אַ קינד, איז קיין שום לאַנד נישט צו ווייט, קיין איין בארג נישט צו הויך און קיין איין טאָל נישט צו טיף, מען זאָל נישט קאָנען צופליען איינער צום צווייטן. זאָל דיר נישט וויי טאָן, וואָס די אַנדאַנטע ענדיקט זיך באַלד. אַלץ גייט פאַרביי: די פרייד, די רו, אַפילו דער טרויער ענדיקט זיך אַ מאָל און גאָכדעם — פּיאַניסימאָ, עס ווערט רואיק — שטיל און דער ווייטיק טוט נישט מער וויי און ס'ווערט אַזוי לייכט אויפן האַרצן, אַזוי גרינג אויפן געמיט, גלייך ווי מען וואָלט גאָרנישט מער עקזיסטירט, נישט מער געלעבט, ווי מען וואָלט געוואָרן... גאָרנישט.

אַ שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף חנהלעס ליפּן, אַ סימן, אַז זי האָט זיך צוגעהערט צו דער עצה, וואָס דער טאַטעשי האָט איר געגעבן. גיין, זי איז מער נישט טרויעריק; לייכט איז איר אויפן געמיט, גלייך ווי זי וואָלט גאָרנישט מער עקזיסטירט אויף דער וועלט... באַלד וועט זי אַוועקפליען מיט איר טאַטעשין אין זיין „ווייטן לאַנד“ אַריין. זי וועט מער נישט בלייבן איינע אַליין אויף דער וועלט. זי וועט עס מאַכן אין דער שטיל, כדי די מאַמעשי זאָל נישט באַמערקן. זי וועט זיך אַרויסגנבענען פון דער וועלט אויף די שפּיץ פינגער. זאָל נאָר דער טאַטעשי מסכים זיין מיט איר פּלאַן. דערווייל שפּילט זי, אָבער ווי נאָר זי וועט האָבן פאַרענדיקט דעם רעטשיטאַל, וועט זי בעטן איר טאַטעשין ער זאָל זי מיטנעמען מיט זיך.

איז איר שוין לייכט צו שפּילן... וואָס גיכער פאַרענדיקן. פונדעסטוועגן קאָן מען אין מוזיק, ווו אַלץ איז געוויגן און געמאָסטן, קיין איין טאַקט נישט אַריבערשפּרינגען; מען מוז לאָזן אַלע טענער קומען צו זייער קלאַנג. און חנהלע איז געדולדיק. אירע לאַנגע פינגער אויף יעדן קלאַוויש פון קלאַוויר קיין איינעם לאָזן זיי נישט דורך און ווו מען דאַרף עפּעס וואָס באַטאָנען, באַטאָנען זיי; ווו מען דאַרף זיך אַ בייזער טאָן, דערלאַנגען זיי זיך אַ בייזער; אַנדערשווו העלפט זי מיט גוטן, שטילערהייט, דאָלטשע און פּיאַנאָ. נישקשה, זי האָט צייט, חנהלע... זאָל נאָר דער טאַטעשי זי וועלן מיטנעמען...

אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך אַ שיט געטאָן אין זאַל. חנהלע האָט זיך פאַרנייגט פאַרן עולם. דאָס פריערדיקע שמייכעלע איז נאָך אַלץ געהאָנגען אויף אירע ליפּן. דאָס איז געווען איר נייער סוד. זאָל נאָר דער טאַטעשי וועלן...

חנהלע האָט איצט געשפּילט די קליינע סאָנאַטע אום 90. פלינק נאָר מיט געפיל און מיט אויסדרוק האָט זי געשפּילט די דאָזיקע סאָנאַטע, לויט בעטהאָווענס ווונטש. אין דער דאָזיקער סאָנאַטע האָט בעטהאָווען נישט אַריינגעטאָן אַזוי פיל ליידנשאַפט ווי אין דער אַפּאַסיאָנאַטאַ; די טעמע האָט דאָס נישט געפאָדערט. איצט, ווייבאַלד חנהלע האָט זיך געקליבן מיטצוגיין מיט איר טאַטעשין אין זיין „ווייטן לאַנד“ אַריין, האָט זי נישט געהאַט זיך וואָס צו איילן. וואָס אַרט איר, אַז זי וועט אַ שפּאַציר טאָן אויף די קלאַווישן פון קלאַוויר סתם אַזוי? באַגעגנט אַ גרופּע ליבלעכע טענער — זייער שיין, לאָמיר זיך אַ שפּיל טאָן אין באַהעלטעניש אָדער גאָר אין געיעג: לאָמיר זען, ווער פון אייך קאָן בעסער לויפן?

די דאָזיקע סאָנאַטע פאַרמאָגט נישט קיין אַנדאַנטע. אַלץ איז ווי פון איין געוועב געוועבט, פון איין שטיק געמאַכט.

חנהלעס טאַטעשי שמייכלט. ער איז צופרידן, וואָס חנהלע שפּילט זיך אַ ביסל מיט דער מוזיק און איז נישט אַזוי טרויעריק ווי פריער. ער שמייכלט. ער קען אָבער נישט חנהלעס סוד. ער קען נאָך נישט איר פאַרלאַנג מיטצוגיין מיט אים אין זיין „ווייטן לאַנד" אַריין.

חנהלע שמייכלט נאָך אַלץ. איר איז וואויל און גוט. זי איז שוין, דוכט זיך איר, אויפן סאַמע מיטן וועג אַהין...

ווידער האָט איר דער זאַל באַשאָנקען מיט אַ קראַנץ אַפּלאָדיסמענטן. ווידער האָט זיך חנהלע פאַרנייגט און ווידער האָט זי געשמייכלט.

און אַט שפּילט חנהלע די סאָנאַטע 111. איידער זי פאַרלאָזט די וועלט, איידער זי געזעגנט זיך מיט אַלעמען, וויל זי נאָך באַווייזן דער מאַמעשין, אַז זי האָט נישט אומזיסט געאַרבעט אַזוי פיל פאַר איר טויווען, אַז זי האָט איר צייט נישט געפטרט אויף גאָרנישט און, אַז דאָס, וואָס זי שפּילט, קען זי טאַקע שפּילן ווי געהעריק, אפשר נישט אַזוי גוט ווי די גרויסע פּיאַניסטן, ווי שנאָבעל, באַקהויז, קעמף, איוו נאַט און אַנדערע באַרימטקייטן, אָבער איר דוכט זיך, אַז איר שפּיל פון בעטהאָווענען איז אויך עפּעס ווערט. איר רעטשיטאַל ווערט איבעריקנס רעגיסטרירט, הייַנט אין אָוונט וועט די מאַמעשי קאָנען לאָזן שפּילן די פּלאַטן, ווען זי, חנהלע, וועט שוין האָבן אַוועקגעפלויגן אין דעם „ווייטן לאַנד", אינאיינעם מיט דעם טאַטעשין.

האָט טאַקע חנהלע זיך געפלייסט צו שפּילן דאָס מאָל נאָך בעסער ווי אַלע מאָל. מאַיעסטעטיש צוערשט, דערנאָך: אַלעגראָ מיט אַן אמתער ברי אין מיט לייהנשאַפט. אַלע האָבן אין זאַל איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אַזוי שפּילן בעטהאָווענען קאָן מען נאָר, ווייזט אויס, ווען די פינגער גופא ווערן קלאַווישן, ווען די מוזיק שפּאַרט אַרויס פון דעם קערפּער. ווען חנהלע האָט געמאַכט אַ פויזע צווישן דער אַלעגראָ-טייל און דעם אַדאַדזשיאָ, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט אין זאַל און האָבן געשריען בראַוואָ. די אַדאַדזשיאָ האָט חנהלע געשפּילט נאָך גלענצנדיקער אפשר ווי אַלעגראָ.

דער טאַטעשי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט איר פאַר פרייד און אויך פאַר... שרעק, ווייל ער האָט עפּעס ווי פאָרויסגעפילט וואָס אַזוינס חנהלע וועט פון אים פאַרלאַנגען.

— ניין, ניין, — האָט ער זיך ביי איר שטילערהייט געבעטן, ווען זי האָט געהאַלטן אין שפּילן דעם לעצטן טייל פון דער סאָנאַטע אָפּוס נומער 111, דאָס איז אוממעגלעך, בעת דאָס נישט ביי מיר, חנהלע, דו האָסט נאָך צייט, ביסט נאָך יונג. טראַכט גאָרנישט אַפילו וועגן דעם. איך וועל קומען צו דיר אַלע נאַכט צו חלום. איך וועל דיר דערציילן אַלע סודות פון יענעם „ווייטן לאַנד". דו וועסט ווערן אַ באַרימטע פּיאַניסטקע און די מאַמעשי וועט פון דיר האָבן אַ סך נחת. ניין, חנהלע. איך וואָלט געוווסט, אַז דו טראָגסט זיך אַרום מיט אַזאַ פאַרלאַנג, וואָלט איך נישט געקומען היינט צו דיר... חנהלע... חנהלע...

דאָס שמייכעלע אויף חנהלעס ליפּן איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. זי האָט קוים פאַרענדיקט שפּילן די לעצטע טאַקטן. זי האָט מורא געהאַט, אַז איר טאַטעשי וועט אין מיטן רעטשיטאַל פאַרשווונדן און ער וועט זי איבערלאָזן דאָ איינע אַליין... פאַרשווונדן דער זיסער חלום... אויך דער טאַטעשי פאַרשטייט זי נישט... האָט ער זי נישט מער ליב?... פאַרוואָס? ניין, ער האָט זי דווקא ליב, ליבער נאָך ווי פריער... אָט זע, חנהלע, דיין טאַטעשי ווייַנט... אַ טויטער טאַטעשי זאָל וויינען איז נאָך שרעקלעכער אָנצוקוקן ווי אַ לעבעדיקן טאַטעשין... ער האָט פאַרדעקט זיינע אויגן מיט די הענט...

— ניין, טאַטעשי, וויין נישט... איך וועל בלייבן דאָ, נאָר דו זאָלסט מיך נישט פאַרלאָזן...

אַ פערטל שעה האָבן אָנגעהאַלטן די רווישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן אין זאַל. אַלע זענען ממש געווען אַנטציקט פון חנהלען. די מאַמעשי האָט שיר נישט געחלשט פאַר רירונג. נאָר איין חנהלע איז געבליבן קאַלט. ס'איז איר געווען צו מוט, ווי זי וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדע און סיי די מוזיק, סיי די אַפּלאָדיסמענטן וואָלטן מיט איר נישט געהאַט קיין שום שייכות.

בעת דער הפסקה איז דער טאַטעשי פאַרשווונדן. פאַרן אַוועקגיין האָט ער נאָך באַוויזן צוצופליסטערן חנהלען אין אויער אַריין, אַז ער וועט באַלד צוריקקומען, ווארעם זי האָט דאָך אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט פון אים נישט פאַרלאַנגען, ער זאָל זי מיטנעמען... ער וועט געווים צוריקקומען נאָכן אַנטראַקט. ער וועט זיין גאַנץ נאָענט לעבן איר, ווען זי וועט שפּילן די סאָנאַטע וואָס ער האָט ליבער ווי אַלע אַנדערע סאָנאַטעס בעטהאָווענס: די לבנה-שיין-סאָנאַטע.

דער טאַטע האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז צוריקגעקומען. חנהלע האָט אויך געהאַלטן וואָרט: זי האָט איר טאַטעשין נישט געבעטן, ער זאָל זי מיטנעמען מיט זיך און זי איז מחמת דעם געווען זייער טרויעריק. דערצו נאָך איז די לבנה־שיין־סאָנאַטע, ווי איר האָט זיך געדוכט, די דאָזיקע „פאַנטאַזיע“, ווי בעטהאָווען גופא האָט זי אָנגערופן, געווען שולדיק אין דעם שטורעם, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק אויסגעבראָכן אין איר אויסגעטראַכטן וואַלד און אפשר אויך אין... אין טאַטעשיס טויט.

אין די אַדאַדזשיאָ סאָסטענוטאַ טאַקע אַרויסגעקומען נאָך טרויעריקער, נאָך פאַרצווייפלטער, הגם אויבן אויף איז אַלץ צוגעגאַנגען שטיל, פאַרקלערט און רואיק.

וויפל צער, וויפל פּיין חנהלע האָט דאָס אַריינגעזונגען אין דער אַדאַדזשיאָ! אויך אין דער אַלעגרעטאָ, אין מיטן דעם קלאַנגען־געיעג, האָט חנהלע אַריינגעפלאָכטן אַ סך טרויעריקע טענער. און אין דער פּרעסטאָ אַגיטאַטאַ האָט זי אַריינגעיאָגט גאָר די שרעק פון יענעם ניי־יאָר־אָוונט ווען זי האָט פאַרלוירן איר טאַטעשין, פאַרלוירן אויף אייביק...

— ניין, חנהלע, נישט אויף אייביק — האָט איר טאַטעשי איר געזאָגט — דו ועסט זען, חנהלע, איך וועל אָפט קומען צו דיר צו חלום. זיי אַ גוט מיידעלע, פאַס אויף אויף דער מאַמעשין, שפּיל פאַר איר אָפט די לבנה־שיין־סאָנאַטע, דערצייל איר אַלע סודות, וואָס איך וועל דיר איבערגעבן אין חלום פון דעם „ווייטן לאַנד“, וווהין אַלע וועלן אַ מאָל קומען...

חיימקע

עד היום נאָך — יאָרן נאָך דער באַפרייונג — פאַרגייען נישט קיין זעקס חדשים איך זאָל נישט עולה רגל זיין אין דער שטאָט פון די צווי טייכן, בען ליאָן.

אַ גרויסע צאָל נאָענטע חברים מיינע זיינען אומגעקומען אין דער דאָזיקער שטאָט. איך גופא בין על־פּי נס ניצל געוואָרן פון דער געדיכטער נעץ, וואָס די געסטאַפּאָ בשותּפות מיט דער מיליץ האָט דאָרט געהאַט אויסגעשפּרייט, און אין וועלכער אזוי פיל יונגע לעבנס זיינען אַריינגעפאַלן — דער עיקר יידישע פּאַרטיזאַנער.

בלייב איך דאָרט איטלעך מאָל אַ פּאָר טעג אויף צו פאַרפעסטיקן אַלע מיינע זכרונות פון יענער טראַגישער און העלדישער תּקופה. פּאַמעלעך שלענדער איך אַרום איבער די גאַסן, דורך וועלכע איך פלעג דעמלט גיין. איך אייל זיך נישט, לאָמיר זיך דוכטן, זאָג איך זיך, אַז איך בין אַ קור־גאַסט, איך פאַרברענג דאָ מיינע פעריען. איך עס אין די זעלביקע רעסטאָראַנען, אין וועלכע איך פלעג דאַן עסן און קלינג אָן אין די הייזער, וואָס זייערע טירן פלעגן פון צייט צו צייט זיך אין יענע יאָרן עפענען פאַר מיינעטוועגן.

מיין וועג פירט מיך אויך איטלעך מאָל פאַרביי מאָנליק. איצט איז זי צוריק אַ מיליטערישע תּפיסה ווי פאַר דער מלחמה. אין די צייטן פון דייטשן אָקופּאַנט האָט זי געהייסן: „דער קבר פון די פּאַרטיזאַנער“, ווייל זעלטן ווען פלעגט פון דאָרט עמעץ ווער אַרויסגיין פריי — כיבע טאַקע אַ נס, אָדער אַ פאַרזען מצד דער געסטאַפּאָ.

דעם ערשטן גאַנג, וואָס איך מאַך, איז צו חיימקעס עלטערן. זיינע עלטערן וווינען נאָך אַלץ אין דער זעלביקער דירה אויף דער זעלבער מאַראַניע־גאַס וואָס דעמלט, אין אַ איינשטאָקיק איינגעשלאָפן דירהלע מיט ווייס־ציכטיקע פאָרהאַנגעס אויף די פענצטער.

ווי נאָר איך דערגרייך די גאַס, פאַרלאַנגזאַם איך מיינע טריט אַלץ מער און מער. דעם אמת געזאָגט, איז מיר די שליחות, וואָס איך גיי דאָ דורכפירן זייער פיינלעך, און דאָך, דוכט זיך מיר, מוז איך מאַכן דעם גאַנג, עלעהיי מען גייט אויף קבר־אבות.

איך האָב איינגעטלעך מורא פאַר דער באַגעגעניש מיט חיימקעס על־טערן. דער נעבעך־אויסדרוק פון אברהמס צעקנייטשטן און פאַרמעט־געלן פּנים טוט מיר ממש פּיזיש וויי. דער עיקר שרעק איך זיך אָבער פאַר דער באַגעגעניש מיט אסתרקען, חיימקעס מאַמע. שוין פאַראַיאָרן האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט נישט מער געווען ביים קלאָרן זינען.

— אדרבה, זאָגט איר אַליין — האָט זי דאָס לעצטע מאָל אין מיר אריינגעטענהט — איך האָב אים דאָך אַזוי געליבט. זאָל ער נאָר קומען צוריק פון מאַנליק. איך וועל אים שוין פון זיך נישט אָפּלאָזן, איך וועל אים אָפּהיטן פון אַלע חיות רעות... איך וויל מיין קינד צוריק, וויל איך...

און, אָט זיץ איך ווידער אין חיימקעס שטוב, ווי אויף שפּילקעס זיץ איך. איך ווייס נישט, וואָס צו זאָגן די אומגליקלעכע עלטערן, מיט וואָס זיי צו טרייסטן. פאַרוואָס האָבן זיי מיר אָנגעבאָטן אַ שטול פונקט אַנטקעגן חיימקעס פאָרטרעט?

דער פאָרטרעט איז אַ גראָטענער. איך קוק אויף אים — און מיר דאַכט זיך, בעת מעשה, אַז ער לעבט טאַקע נאָך חיימקע, אויף יעדן פאַל „וועט ער אפשר נאָך צוריקקומען פון דאָרטן, פון מאַנליק“, ווי זיין מאַמע אסתרקע, פאַרזיכערט מיר ביי יעדן זאַץ.

איך קוק אויף חיימקעס פאָרטרעט און מיינע געדאַנקען פאַרטראָגן זיך אַהין, צו יענער בייזער און ווילדער צייט, ווען דאָס לעבן פון איטלעכן פון אונדז איז בפועל ממש געהאַנגען אויף אַ האָר.

נאָר דאָ אין שטוב, וווּ מיר פלעגן אָפט — וויניקסטנס ביז סוף 1942 — זיך צונויפקומען, האָבן מיר געפונען אַ היים פאַר אונדזערע יידישע לידער. טיילמאָל פלעגן זיך פאַרציען אונדזערע חברישע שמועסן ביז אין גרויען טאָג אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז מיר פלעגן אונדזערע פאַר־טיזאַנער־פלענער אויך נישט פאַרוואַרלאָזן.

אָבער חיימקע איז דעמלט נאָך נישט געווען קיין פאַרטיזאַנער און אין אונדזערע באַראַטונגען האָט ער זיך נאָך נישט באַטייליקט. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיינע עלטערן אים אָפּגעהאַלטן פון דער ווידערשטאַנד־

מעטיקייט — אסתריקע דער עיקר, וואָס האָט געציטערט איבער אים ווי אַ בלאַט.

שפּעטער איז חיימקע נישט דערציילנדיק טאַטע־מאַמען קיין איין וואָרט, צוגעשטאַנען צו דער יוגנט־באַוועגונג. ער האָט זיך דאָרט גאָר גיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון זייער אַ מוטיקן, ענערגישן בחור. ער איז געוואָרן דער אָנפירער פון אַ גרופּע יוגנטלעכע און דער רעדאַקטאָר פון אַן אומלעגאַלער אַנטי־פאַשיסטישער צייטונג.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו נאָך אַ מער געפערלעכער אַרבעט. צו דער „דירעקטער אַקציע“, וואָס האָט בפּועל ממש געשמעקט מיט פולווער און מיט... טויט. חיימקע האָט אָבער פון טויט נישט געטראַכט, ער איז געווען באַוואָפנט קעגן אים מיט זיין יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעקוואָלן פון יעדער באַוועגונג זיינער, פון איטלעכן זשעסט און פון אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן. ער איז געווען באַפּאַנצערט קעגן יאוש און קעגן אַפּהענטיקייט. באַלד האָט זיך אים טאַקע אונטערגערוקט די געלעגנהייט דאָס צו באַווייזן. עס איז געווען אַזאַ מעשה:

אין איינעם פון די האָטעלן, וואָס זייערע באַלעבאַטים האָבן מיטגעאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער, איז אין אַ געוויסן טאָג פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די שליחים פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין דער גאַנצער געגנט. די געסטאַפּאָ איז געוואויר געוואָרן פון דער דאָזיקער באַראַטונג און איז באַפאַלן דעם האָטעל. אַלע זיינען אַרעסטירט געוואָרן. דאָס איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז מען האָט קיין צייט נישט געהאַט אויסצופירן די מינדסטע באַוועגונג זיך צו פאַרטיידיקן.

חיימקען האָט מען דעם לעצטן אַרונטערגעפירט פון די טרעפּ. הינטער אים האָט אַ געסטאַפּאָוועץ „געטייטלט“ אויף זיין רוקן מיט דער לופע פון אַ האַנט־מאַשין־געווער. פּלוצלונג דערלאַנגט חיימקע זיך אַ דריי אויס, רייסט אַרויס פון זיין וועכטער דאָס געווער, שליידערט אַרונטער דעם געסטאַפּאָוויעץ פון אַלע טרעפּ, די איבעריקע חברים אָריענטירן זיך תיכף און עס ווערט אַ שיסעריי. צוויי געסטאַפּאָוצעס זענען דערשאָסן. די איבעריקע לאָזן זיך לויפן פון האָטעל הענדום־פּענדום.

די דאָזיקע מעשה האָט אין שטאָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם.

חיימקע האָט נישט נאָר געמוזט בייטן זיין אַדרעס (ער האָט שוין פון לאַנג נישט מער געוווינט ביי טאַטע־מאַמען), נאָר אויך זיין פּנים — פון זיין נאָמען און זיינע פּאַפּירן איז שוין אָפּגערעדט. ער האָט אָפּגעשוירן די בלאָנדע משופּרינע און זיך פאַרלאָזט אַ פּאָר וואָנצעלעך (געפּאַרבטע

אויף שוואַרץ). ער האָט אויסגעזען שיר, שיר נישט ווי אַ „זאזו"=בחורל, ווי איינער פון יענע חברה=לייט, וואָס דער סווינג=טאַנץ איז זייער לעבן און לעבעדיקע סחורה און קאָקאַאין און מאָרפיום זייער פּרנסה. אַ צרה איז נאָר געווען מיט זיין געשטעל. ווי זאָגט אסתרקע? „ער האַלט זיך גרעסער פאַר מיר".

די געסטאַפּאָ איז משמעות קיין מאָל נישט דערגאַנגען, ווער ער איז, אַז ער האָט אויף זיין פּאַרטיזאַנער=אַקטיוו דעם טויט פון צוויי ס.=ס.=ברואים. אַ ראיה, אַז די געסטאַפּאָ האָט נישט געקענט זיין ריכטיקן נאָמען איז דאָס, וואָס אין שטוב ביי זיי איז זי בכלל נישט געקומען.

היימקע האָט נאָך דעם געוווינט ביי אַ גלח, וואָס איז געווען אַ שטיקל סימפּאַטיקער פון די פּאַרטיזאַנער. ביים גלח אין שטוב פלעגט זיך אסתרקע טאַקע פון צייט צו צייט טרעפן מיט איר בן יחיד. אַמאָל אויך אין דער קליינער קירך, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות מיט דעם גלחס דירה.

מאַכט זיך איין מאָל, אַז היימקע דאַרף אין שליחות פון דער באַוועגונג זיך לאָזן אין וועג אַריין. אסתרקע איז געקומען זיך געזעגענען מיט אים, אויך זיין טאַטע איז דאָס מאָל געקומען אים מיטגעבן זיינע ברכות און ווונטשן, הגם היימקע האָט זיי נישט דערציילט, וואָס פאַר אַן אַקציע געניו מען האָט אים אָנגעטרויט, האָט טאַטע=מאַמע אַ מאָדנע פאָרגעפיל פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אַ מין ערב=אומגליק=שטימונג. עס איז בלויז געוואָרן אָפּגעמאַכט, אַז דאַסמאָל וועט ער פון דער באַן זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ רעגע אין דער היים.

— פאַרגעס נישט, היימקע, — האָט אסתרקע אים עטלעכע מאָל דערמאָנט — אַז מישוואָך איז דיין געבורטס=טאָג, ווילן מיר דיך האָבן איין אָוונט אין שטוב. מיר וועלן צוגרייטן אַ קליינע סעודהלע, עס וועלן קומען חברים, זאָגסט מיר צו צו קומען?

עס איז געקומען מיטוואָך אָוונט. דער טיש איז געדעקט „כיד המלך". מען זיצט און מען וואַרט. דער צוג איז שוין פון לאַנג געקומען — און היימקע איז נישטאָ! אסתרקע לויפט צום גלח. זי זאָמט זיך דאָרט אָפּ אַ שעה, צוויי — היימקע איז דאָרט אויך נישטאָ!

און אָט איז די נאַכט פאַרגאַנגען, דער מאָרגנדיקער טאָג איז אויך אַוועק. פון היימקען איז נאָך אַלץ קיין שום ידיעה נישט פאַראַן.

פרייטיק האָבן היימקעס עלטערן זיך דערוווסט, אַז זייער זון — אונטער אַן אַנדער נאָמען, פאַרשטייט זיך, — זיצט אין מאַנליק... גאָר זיכער זענען זיי דאָך נישט געווען, ווייל די ידיעה איז געווען אַ פאַרנעפּלטע.

אסתרקע האָט געגומען אַרומלויפֿן אין שטאָט פֿון איין חבר צום צווייטן, זען וואָס מען קאָן דאָ טאָן, צי איז נישט פֿאַראַן עפּעס אַ מעגלעכקייט אים צו ראַטעווען.

קודם כּל אָבער האָט מען געדאַרפֿט דערגיין, צי ער איז טאַקע אין מאַנליק. ווי דערוויסט מען זיך דאָס פֿאָרט?

ס'איז גאָרנישט אַפּצושאַצן ווי דערפֿינדעריש אַ מאַמעס האַרץ איז, ווען עס גייט אין ראַטעווען אירס אַ קינד. דער רויטער קרייץ האָט געהאַט אַ דריסת הרגל צו דער תּפֿיסה. האָט אסתרקע זיך דערשלאָגן ביים רויטן קרייץ, ביי דער פֿרוי, וואָס איז ממונה אויף דעם אונטערשטיצונגס-סעקטאָר פֿאַר די אַרעסטאַנטן אין די שטאָטישע טורמעס, זי זאָל שרייבן אַ בריוול צו בלאַנשאַר אין מאַנליק, אים אָנפֿרעגן, צי ער נייטיקט זיך אין מלבושים אָדער אין וועש.

עס פֿאַרגייען אַ פּאָר טעג און עס קומט טאַקע אַן ענטפֿער אינעם רויטן קרייץ פֿון בלאַנשאַרן. יאָ, ער דאַרף טאַקע אַ סוועטער און אונטערוועש און טאַשנטיכלעך.

הייסט עס, אַז אין מאַנליק געפֿינט זיך טאַקע אַ בלאַנשאַר — איז וואָרדען איז ער אויב נישט חיימקע, אסתרקעס חיימקע, וואָס האָט דאָך די לעצטע צייטן געהייסן: בלאַנשאַר. יאָ, זשאַן בלאַנשאַר האָט ער זיך גערופֿן. און ער לעבט. כּל זמן אַ מענטש לעבט, איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג אים צו ראַטעווען. זי וועט לויפֿן, זי וועט זיך דערקונדיקן ביי אַדוואָקאַטן, וואָס מען קאָן טאָן אין אַזאַ פֿאַל.

וואָלט זי כאָטש געווען זיכער, אַז בלאַנשאַר איז טאַקע אויף אַן אמתן איר חיימקע. בלאַנשאַר איז דאָך אַזאַ פֿאַרשפּרייטער נאָמען ביי די פּראָוואַנצויזן, כּמעט אַזוי ווי די פֿאָן. יאָ, קודם כּל דאַרף אסתרקע דאָס דערגיין, דערנאָך וועט מען שוין ווייטער זען.

און אויך דאָס האָט זיך אסתרקען איינגעגעבן. אַ באַקאַנטער פּראָוואַנצויז אירער האָט געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט אַ זשאַנדאַר, וואָס פֿלעגט פֿון צייט צו צייט דינסטלעך האָבן צו טאָן אין מאַנליק. דער פּלאַן איז געווען אַזאַ. זאָל דער דאָזיקער זשאַנדאַר איין פֿאַרמיטאָג, ווען די אַרעסטאַנטן ווערן געפֿירט אויף שפּאַציר-גאַנג אינעם תּפֿיסה-הויף, אַ געשריי טאָן „בלאַנשאַר", און זאָל ער געגנוי באַטראַכטן דעם, וואָס וועט זיך אָפּרופֿן. ער וועט איר דערנאָך איבערגעבן, ווי ער זעט אויס אָט דער דאָזיקער בלאַנשאַר, וועט זי דאַן וויסן, צי ער איז, אַזוי צו זאָגן, „ער", צי ער איז גאָר אַן אַנדערער.

כך הווה. די סימנים, וואָס דער זשאַנדאַר האָט אָנגעגעבן, האָבן אַלע געשטימט: אַ בלאָנדער קאָפּ האָר אַ געקרייזלטער, ברייטע, אַטלע־טישע פּלייצעס, אַ טענצלדיקער גאַנג, אַ טונקל קאָלירטן מאַנטל טראָגט ער. אַלץ שטימט. איצט איז שוין גאָר קיין ספק נישט, אַז חיימקע איז בלאַנשאַר און אַז בלאַנשאַר איז חיימקע.

איר שמחה האָט גאָר קיין גרענעצן נישט פאַרמאָגט. אמת, די פרייד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, ווייל וואָס האָבן די עלטערן איינגעלעבט דער־פאַרן? זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז חיימקע לעבט? איז דאָס שוין דאָס גאַנצע גליק? אָבער דאַרף מען אָנווענדן אַלע מיטלען ,ער זאָל וואָס גי־כער באַפרייט ווערן.

האָט זיך איינגעפונען אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך אונטערגענו־מען זיך צו פאַרנעמען מיט דעם ענין בלאַנשאַר. ס'איז אים טאַקע געלונ־גען צוצוקומען צו בלאַנשאַרס אַקטן. צוויי וואָכן זיינען פאַרגאַנגען אין ציטערניש, אין פיבער, אין אויסקוקן די אויגן אויף אַ רעזולטאַט.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ענדלעך האָט איר דער אַדוואָקאַט געלאָזט וויסן, אַז אַדאַנק זיינע באַמיונגען און אָנשטרענגונגען, איז אים געלונגען צו פועלן, בלאַנשאַר זאָל ביז צום משפט באַפרייט ווערן. ער האָט אָבער, האָט ער איר געזאָגט, אַז דער אורטייל וועט זיין זייער אַ מילדער; מען וועט אים אפשר צומשפטן די צייט טורמע, וואָס ער איז שוין אָפּגעזעסן. דער עיקר איז אָבער דאָס, וואָס זי וועט נאָך היינט זען איר זון אַ פרייען.

און ווידער איז דער טיש געווען געדעקט מכל טוב. ווידער זיינען מיר געזעסן און האָבן געוואַרט אויף חיימקען.

אָבער חיימקע איז נישט געקומען.

דעם צווייטן טאָג באַגינען איז אסתרקע אַוועק צום אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט האָט אויסגעהערט אירע טענות און זיך שטאַרק געוווּנדערט. ער האָט דערקלערט, אַז ער פאַרשטייט זי נישט.

— אָבער ליבע פרוי בלאַנשאַר, איך האָב אים דאָך אין אָוונט אַליין געזען. דער ליבער בחור איז גלייך פון דער תפיסה אַראָפּגעקומען צו מיר, כדי מיר צו דאַנקען פאַר מיינע באַמיונגען. איך האָב זיך נאָך געבייזערט אויף אים, פאַרוואָס ער איז נישט געגאַנגען צו ערשט צו זיין מאַמען,

אויף דער וויקטאָר־הוגאָ־גאַס. זי וואַרט האָרטן מיט אַזוי פיל אומרו אויף זיין קומען.

— איך פאַרשטיי שוין — האָט זיך אסתרקע צעכליפעט — איך זע שוין, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ טעות. איך בין נישט מאַדאַם בלאַנשאַר, מיין זון איז נישט קיין בלאַנשאַר, איך וווין נישט אויף דער רי וויקטאָר הוגאָ...

אין איינעם אַ זומער

עס איז געווען אין אַ זומער־פרימאָרגן.

דער טוי האָט געדיכט געטריפט פון די ביימער, וואָס האָבן געדרימלט אינעם נעפּל.

קלאָד האָט געעפנט דעם לאָדן פון זיין פענצטער און זיין ערשטער געדאַנק, וואָס איז אָנגעלאָפן, ווי אַ הירש דעם זון־אויפגאַנג אַנטקעגן, איז געווען: עמאַ.

אויף מזרח האָט אַ פייערדיקע קויל צעגליט דעם הימל־ראַנד. די נעפּ־לען האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי שנייען אין פרילינג, און זיינען אין בלוילעכע וואָלקנדלעך אויסגעגאַנגען צום הימל.

קלאָדס פרייד איז געווען גיך געצוימט, ווי דאָס געזאַנג פון די פייגל, ווי דאָס צווייטשערייַ פון די שוואַלבן.

דער הימל האָט געפלייצט מיט ליכט, וואָס האָט אַלץ מערער זיך גע־שפּרייט אויף דער וועלט. די ביימער האָבן דערוואַכט. דער טאָג איז גע־וואָרן וואָס אַ מאָל אָפענער.

עס זענען מיטאַמאָל ווי אויסגעוואַקסן די וועלדער פון אַרום, און דער גרויסער וועג איז אויפגעגאַנגען מיט שורות טאָפּאָלן, איינגעבויגענע, ווי פון שווערן גאַנג באַרג־אַרויף. די צעשאָטענע דערפער האָבן זיך געטוי־ליעט צו דער ערד און זיך געוועקט אונטער דער רויטער שיין. די סעדער, באַלאָדענע מיט פרוכטן, האָבן זיך געזילבערט אין פרימאָרגן־טוי.

קלאָד האָט געזונגען זיין תפילה צו עמאַן. ער האָט געהערט איר שטים, וואָס איז געווען פול מיט פאַרלאַנג. ער האָט געזען איר בליק, ווי דאָס פאַלן פון אַ שטערן. ער האָט געפילט איר אָטעם אינעם ריח פון וואַלד. אַלץ האָט זיך אים אויסגעדוכט ווי אַ נישט־פאַרענדיקט ליד, וואָס ציט זיך אַ לעבן־לאַנג, און יעדע דערינערונג איז אַן אָנהייב און אַ פאַר־גאַנג. זיין האַרץ האָט זיך אויפגעוועקט אין דערוואַרטונג.

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן שטיל, און דער טוי האָט זיך פון די ביימער אָפּגעשאָקלט.

קלאָד האָט דערהערט דאָס קלינגען פון די קירכע־גלאָקן ערגעץ ווייט, ווייט. די קנאָספּן פון די רויזן אונטער זיין פענצטער האָבן זיך געהויבן צום בלויען הימל און צעטראָגן זייער דופט אויף די ווייטע לאָנקעס. דאָס צעפּראַלטע פענצטער, דורך וועלכן ער האָט איצט אַרויסגעקוקט, איז געווען ווי אַ ראַם פאַר זיין קאָפּ, באַדעקט מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, צווישן וועלכע גרויע פעדים האָבן עדות געזאָגט אויף זיינע פערציק שווערע אי־בערגעלעבטע יאָרן.

קלאָד האָט פאַרלאָזט די רוישיקע שטאָט פּאַריז, זיינע טעגלעכע באַשעפטיקונגען, זיין פרוי און קינד, און איז געקומען אויף אָפּרו אין דעם באַרגיקן דערפל מיראַבל.

ער האָט געשטאַמט פון אַ רבנישער פאַמיליע אין אַ קליין ליטוויש שטעטל. קיין פּאַריז איז ער געקומען גאָר יונג און האָט דאָ געענדיקט זיין מעדיצינישן שטודיום. איצט איז ער געקומען זיך אָפּרוען פון דעם טומל אין דער גרויסער שטאָט און פון זיין שווערן פאַמיליע־לעבן. זיין פרוי ליזאַ, איז געווען אָפּט קראַנק — אַן איבערבלייבעניש פון דער נאַ־צישער דעפּאָרטאַציע. זי האָט געהאַט דאָס גליק צוריקצוקומען, אָבער זי איז שוין מער נישט געווען די ליזאַ וואָס אַמאָל. איר געמיט איז געווען שווער. דער צער פון זייער קראַנקער טאָכטער האָט געווירקט דערדריקנ־דיק אויף זיי ביידע.

דאָס דערפל מיראַבל איז געלעגן איינגעוויקלט אין סעדער און אין וועלדער, קלאָד האָט באַקומען אַ צימער אויסער דעם האָטעל, ביי פּויערים, וועלכע האָבן דאָס הויז כמעט ווי נישט באַוווינט. דאָס גאַנצע הויז איז געווען איינגעהילט ווי אין אַ גרינעם טעפּיך, באַהאַנגען מיט בלעטער פון ווילדע טרויבן. בלויז די העל־בלויע לאָדנס האָבן אַרויסגעקוקט פון דער טונקעלער גרינקייט. די לאָדנס זיינען איצט געווען אַלע פאַרמאַכט, נאָר אויפן צווייטן שטאָק, צו דער אָזערע, איז געווען אָפן אַ פענצטער — די ראַם פון קלאָדס געזיכט. ער האָט געקוקט אין דער ווייט און געוואָלט אַרומנעמען מיט זיין בליק סיי די בלוי־גרינע אָזערע, סיי די העל־גרינע סעדער, באַלאָדענע מיט אויבסטן, נים און אַבריקאָסן, סיי די סאָסנע־ביי־מער געמישט מיט בעריאָזעס. די דערפלעך זיינען געווען פאַרטונקען אין

גרינס. בלויז די שפּיצן פון די קליינע קירכעס האָבן זיך געטוקט אין אָפּגלאַנץ פון דער אויפגייענדיקער זון. ווייט איבער יענער זייט אָזערע איז ווי מיט אַ שוואַרצן פּאַס געווען אָנגעצייכנט די גרענעץ פון דער שווייץ. אין די העלע פרימאָרגנס זעט מען קלאָר די שטעט און שטעטלער, וועלכע טוליען זיך אויף יענער זייט צו די בערג.

די מיינסטן געסט אין פענסיאָנאַט זיינען געווען פאַרנומען מיט זיך קלאָד האָט זיך מיט קיינעם נישט באַפריינדעט. אַנומלט האָט ער דערזען אַ קליין קעצעלע, וועלכעס איז געלעגן גראַציעז אויף דער זון און זיך געוואַרעמט. באַלד איז אָנגעלאָפן אַ קליין מיידעלע מיט בלאָנדע לאָקן און העל=בלויע אויגן. דאָס קעצעלע איז אויף איר אַרויפגעשפרונגען און זיך איינגעטוליעט אין אירע אָרעמס. פלוצלונג האָט זיך דאָס מיידעלע געווענדעט צו אים: „איר ווילט זען מיין קעצעלע“? די זון=שטראַלן האָבן זיך געשפילט אין אירע לאָקן, איר צאַרט פנימל האָט זיך געטונקען אין רויטער שקיעה=שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון.

פון דעמלט=אָן איז קלאָד געוואָרן דער גרויסער פריינד פון דעם מיידעלע מאַרי=העלען. זיי האָבן שפּאַצירט צוזאַמען. קלאָד האָט איר דערציילט מעשהלעך און געמאַכט פאַרשידענע שפּילצייג פון פּאַפּיר: אַ שיפעלע, אַ פייגעלע. ער איז מער נישט געווען אַליין. ער האָט זיך צוגעבונדן צו דער קליינער מאַרי=העלען. אַלע סטעזשקעס און וועגן זיינען געווען אויסגעוועבט מיט די דראָבנע טריט פון מאַרי=העלען; די בלומען פון די אַרומיקע לאָנקעס האָבן געוווסט, אַז זיי וועלן זיין די קרענץ, וואָס קלאָד וועט פאַר איר פלעכטן. די רויטע מאַלינעס און די שוואַרצע יאַגדעס פלעגט מאַרי=העלען עסן פון קלאָדס הענט. ער פלעגט באַהערשט ווערן פון אַ דינעם ציטער, פילנדיק ווי די קינדער=ליפּעלעך באַרירן זיינע מידע הענט.

איין מאָל אין אַ באַגינען, בעת אַ שפּאַציר אין דער ריכטונג צום וואַלד, ווו ער איז געגאַנגען ווי אין חלום, האָט ער דערהערט דאָס טופּען פון פערדישע טריט, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אין שנעלן גאַלאָפּ. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אין זיינע אָרעמס און זיך געשטעלט אין דער זייט. דאָס פערד האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ פייל פון בויגן. קלאָד האָט קוים באַוויזן צו באַמערקן, אַז דאָס האָט אַ מיידל געיאָגט דאָס פערד אין גאַלאָפּ. די קליינע מאַרי=העלען האָט זיך צעלאַכט:

— דאָס איז דאָך די ווילדע עמאַ, די טאָכטער פון דער פאַמיליע עספּינאָס.

דער שטויב, וואָס האָט זיך געטראָגן באַרג־אַראָפּ, האָט קלאָדן צו־געשמידט צום אָרט. די קליינע האָט מיט וואונדער אַ פרעג געטאָן:

— מיר גייען נישט קלייבן קיין יאַגדעס?

קלאָד האָט זיך ווי פאַרשעמט. ער געדענקט ווי אין די ליטווישע דער־פער פלעגט דאָס יונגוואַרג, רייטנדיק אויף פערד, צעלאָזן זיך אין גאַלאָפּ. אָבער אַ מיידל און אַליין?

דער ריח פון די יאַגדעס האָט אים פאַרשיכורט, און ווידער האָט ער נאָר געטראַכט וועגן מאַרי־העלען.

ביי מיטאָג פלעגט קלאָד לייענען זיין קאָרעספּאָנדענץ און באַלד אָפּ־ענטפערן מיט אַ פּאָר קורצע בריוועלעך: ס'איז מיר גוט דאָ און כ'טראַכט פון גאָרנישט. אַזעלכע בריוו איז מען נישט געווינט געווען צו באַקומען פון קלאָדן. אַלע פריינד און אפילו זיין פרוי האָבן געוווּסט, אַז קלאָד איז תמיד אומצופרידן. ער גריבלט זיך צופיל אין יעדער קלייניקייט און גע־פינט שטענדיק אַ סיבה, וואָס זאָל אים פאַרשאַפן שמערצן.

קלאָד האָט פלוצעם באַמערקט, אַז אין זיין צימער זיינען פאַראַן אַ סך בלומען און יעדן טאָג ווערן זיי געטוישט אויף אַנדערע. פון אָנהייב האָט ער דאָס אָנגענומען פאַר אַ פשוטער פיינקייט פון דער הויז־באַדינערין. נאָר איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג האָט דאָס מיידל, וועלכע האָט ביי אים אויפגערוימט, אים געפרעגט, צי ער האָט ליב בלומען. דאַן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער דאַרף איר דאַנקען פאַר דער אויפמערקזאַמקייט. זי איז געבליבן שטיל און האָט אַ זאָג געטאָן:

— נישט איך בין דאָס די, וואָס ברענגט אייך די בלומען... זי איז שנעל אַוועק צו איר ווייטערדיקער אַרבעט. קלאָד איז געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער. ווער־זשע ברענגט עס אים די בלומען? אָבער ס'איז אָנגעלאָפן מאַרי־העלען, און קלאָד האָט פאַר איר געעפנט זיינע אָרעמס מיט דער פרייד פון אַ טאַטן, ווען ער זעט זיין קינד שטעלן די ערשטע טריט.

נאָכמיטאָג האָט זיך קלאָד געשיפט אויף דער אָזערע און זיך אָנגע־זאַפּט מיט דער באַרגיקער לאַנדשאַפט אַרום. ער האָט געברומט אַמאָלי־

קע יידישע ניגונים, וועלכע אַ לייכט ווינטל האָט צעטראָגן אויף די ווייטע פֿליגל פֿון די אַרומיקע מעוועס.

קלאַד האָט זיך געשיפּט צוריק. די זון האָט אים געשטערט צו האַלטן אָפֿן די אויגן. האַלב פֿאַרמאַכנדיק זיי, האָט ער נאָך שטאַרקער דערפֿילט אין זיך דאָס געפֿיל פֿון פֿרייד, פֿון יוגנט, פֿון ליבע צו אַלץ און צו אַלעמען.

פּלוצלונג האָט זיך צו אים דערנעענטערט אַ שיפֿל מיט איין רודער. אין שיפֿל איז געזעסן אַ מיידל מיט לאַנגע שוואַרצע האָר. ער האָט נאָך איר געזיכט נישט געהאַט באַמערקט. ווען זי האָט אויפֿגעהויבן אירע אויגן, איז קלאַד געבליבן אָן לשון. זיין האַרץ האָט זיך אַזוי שנעל באַוועגט, אַז עס האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. דאָס מיידל האָט אים פּשוט געפֿרעגט, צי קאָן ער צוציען איר שיפֿל צום ברעג, ווייל זי האָט פֿאַרלוירן אַ רודער. קלאַד האָט נישט געקאָנט אַריינקוקן אין אירע אויגן, ווייל די זון האָט אים געבלענדט. ווען דאָס מיידל האָט נישט באַקומען קיין ענטפֿער, האָט זי אָנגעכאַפּט קלאַדס שיפֿל און פֿלינק אַריבערגעשפּרונגען צו אים. זי האָט אַרויסגענומען די רודערס פֿון זיינע הענט און לאַנגזאַם געגומען מיט זיי רודערן. קלאַד האָט זי איצט דערקענט לויט איר סילועט און אירע לאַנגע שוואַרצע האָר. דאָס איז דאָך די ווילדע עמאַ, האָט ער געטראַכט, אָבער נאָך אַלץ נישט געקאָנט אונטערשיידן צי איז עס וואָר, אָדער ער חלומט אַצינד.

זי האָט אויפֿגעהויבן איר קאָפּ, אַ שאָקל געטאָן מיט די האָר אויף הינטן און מיט אַ ליבלעכן שמייכל פֿול מיט גוטסקייט זיך געווענדט צו אים:

— דאָס זענט איר, קלאַד? איך קען אייך שוין זייער גוט. ביי אונדז אין דאָרף רעדט מען אַ סך פֿון אייך. אַלע האָבן אייך ליב דאָ ביי אונדז. מיר קענען אייך דורך די מעשהלעך, וואָס איר דערציילט דער קליינער מאַרי־העלען. אפֿשר וועט איר מיר אויך דערציילן אַ מעשהלע? כ׳בעט אייך!

קלאַד האָט קוים באַוויזן זי צו פֿרעגן, וועלכער צופֿאַל האָט גע־וואָלט זי זאָל אים דאָ טרעפֿן. זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט און איר גע־זיכט איז געוואָרן באַגאָסן מיט אַ לייכטער רויטקייט. אירע האַלב־פֿאַר־מאַכטע אויגן האָבן געגלאַנצט קעגן דער אונטערגייענדיקער זון.

— ניין, עס איז נישט קיין צופֿאַל. איך האָב אייך יעדן טאָג נאָכ־געפֿאָלגט אויף אייערע שפּאַצירן, אָבער קיין מאָל נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צו אייער שיפֿל. כ׳האָב אָבער מער נישט אויסגעהאַלטן, האָב

איך אַוועקגעוואָרפֿן איין רודער, בכדי איר זאָלט מיר ניט קאָנען אַפּזאָגן ברענגען צום ברעג.

זי האָט אַ שלײדער געטאָן דעם רודער פֿון קלאָרס שיפֿל, אַז דאָס וואַסער האָט אַ פּליוסקע געטאָן און ביידע באַשפּריצט מיט דינע טראָפּנס.

— איצט וועלן מיר ניט קאָנען קומען שנעל צום ברעג. שרעקט אייך ניט. כ'קאָן גוט שווימען. עס דראָט אונדז ניט קיין שום געפֿאַר.

אַ לײכטער ווינט האָט געטריבן די כוואַליעס, דאָס שיפֿל האָט זיך געגומען הוידען און עמאַ האָט הילכיק געלאַכט.

— אייך וונדערט ניט מסתמא מיין דרייסטקייט לגבי אייך. כ'בין זיכער, אַז איר ווייסט שוין אַ סך אויסגעטראַכטע זאַכן וועגן מיר.

קלאָר האָט זיך פֿאַרטראַכט און שטיל געזאָגט:

— ווילדע עמאַ, כ'ווייס פֿון אייך ניט דאָס, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט, נאָר דאָס, וואָס קיינער האָט נאָך ניט געהערט.

עמאַ איז געוואָרן בלײך און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אייערע בלומען, מיט וועלכע איר האָט יעדן טאָג אויסגעצירט מיין שטוב, האָבן מיר דערציילט וועגן אייך אַזעלכעס, וואָס איר אַליין ווייסט ניט.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אומבאַגרענעצטער מילדקייט.

— מעגלעך, אַז כ'ווייס ניט וועגן אייערע עלטערן, ברידער, שוועסטער. כ'ווייס אָבער ווי שיין איר זענט, אַז איר זענט דער שטאָלץ ניט בלויז פֿון אייער טאַטע־מאַמע, נאָר פֿון גאַנצן דאָרף און פֿון אַלע אַנדערע דערפֿער אַרום. כ'קען אפשר ניט אייערע מעשׂים; איך ווייס אָבער וועגן אייער וווּנדערלעכער נשמה. כ'האָב אייך קיין מאָל ניט געזען אויף דער וואָר, אָבער איך האָב אייך געזען אין חלום. ווילדע עמאַ, כ'וויל אייך דערציילן, אַז כ'בין אַ ייִד אַ מאָן אין די פֿערציקער. כ'האָב אַ פֿרוי, וועלכע איך האָב ליב און מיר האָבן אַ טעכטערל, כמעט אין אייער עלטער.

עמאַ האָט אים אָנגעקוקט, ווי אַ סאַרנע קוקט גלייך דעם יעגער אין די אויגן. איר בליק האָט אויסגעדריקט באַוווּנדערונג און דערוואַרטונג.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די שווייצאַרישע בערג אויף יענער זייט אָזערע. די שיפֿלעך, געטראָגן פֿון אָוונט־ווינט, האָבן זיך דערווײטערט פֿון ברעג. קלאָר האָט זיך ווי אויסגעכאַפּט פֿון שלאָף און אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל.

עס איז געוועזן די צייט פֿון אָוונט־ברויט.

— ווי אַזוי וועלן מיר קומען צום ברעג?

עמאַ האָט אים ליבלעך אָנגעקוקט און פריי זיך צעשמייכלט. זי האָט שנעל אויפגעשפיליעט איר לייוונט־קליידל און ווי אַ פיש אַ שפרונג געטאָן אין וואַסער. איידער וואָס־ווען האָט זי שוין געשטויסן די שיפלעך צום ברעג. קלאָד האָט זיך דערפילט ווי אַ קינד. זיין אומבאַהאָלפנקייט איז אים איצט ליב געווען. עמאַ האָט אָנגעבונדן די שיפלעך צום ברעג און קוים באַוויזן צונויפצונעמען אירע צעפלאָשעטע האָר. איר בליק איז געפאַלן אויף אַ מעווע, וועלכע איז געלעגן פאַרוווּנדעט לעבן אַ פעלדז־שטיין. מיט איין שפרונג איז זי שוין געווען ווייט פון קלאָדן און געהאַלטן דעם פאַרוווּנדעטן פויגל אין אירע אָרעמס.

קלאָד האָט איצט באַטראַכט אירע ווייסע, שיינע הענט, וועלכע האָבן געצערטלט דעם פויגל, וועלכער האָט געציטערט פאַר קעלט. דורך קלאָדס קערפער איז דורכגעגאַנגען אַ שטילער ציטער. זי האָט זיך געוואָנדן צו קלאָדן:

— איר גייט אין אייער פענסיאָן; איך מוז לויפן אַהיים מיטן פויגל, פאַרבינדן אים דעם צעבראָכענעם פליגל און געבן אַ ביסל עסן.

קלאָד האָט איר לאַנג נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשוווּנדן אונטער די עפל־ביימער, וואָס האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע באַלאָדענע צווייגן מיט פרוכטן צו דער ערד.

אין פענסיאָנאַט ביי זיין טישל האָט אויף קלאָדן געוואַרט די קליינע מאַרי־העלען, אָנגעטאָן אין איר בלויען נאַכט־העמדעלע און מיט פאַרקעמטע בלאָנדע לאָקן, ארומגענומען מיט אַ גרינעם סאַמעטל.

— פאַרוואָס אַזוי שפעט, קלאָד? — האָט זי שמייכלענדיק אים געפרעגט.

קלאָד האָט איר א צערטל געטאָן איבערן קעפל און געזעצט זיך שטילערהייט צו זיין מאָלצייט. ער האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט, אַז ער האָט אויפגעהויבן אַ ווייסע פעדער פון דעם פאַרוווּנדעטן פויגל. אָן עפּעס צו רעדן האָט ער די פעדער דערלאַנגט מאַרי־העלענען. די קליינע האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דער מתנה. דערנאָך האָט זי זיך מיט אים געזעגנט און איז אַוועק אין איר צימער שלאָפן.

קלאָד איז געזעסן ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט. זיין בליק האָט פאַרבלאָנדזשעט צווישן די בלומען־בייטן, וועלכע זיינען געווען צעשאָטן באַרג־אַראָפּ ביז ווייט צו דער אָזערע. דער אָוונט איז נאָך נישט צוגע־

פֿאַלן, און דער טאָג איז שוין געווען ווייט אַוועק. די לעצטע פֿייגל האָבן געאײַלט צו זייערע נעסטן. פֿון דער ווייטנס האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פֿון די זשאַבעס אין די קליינע סאַזשעלקעס, וועלכע זײַנען געווען באַדעקט מיט וואַסער־ליליען. די אַרומיקע ווערבעס זײַנען געשטאַנען טרויעריק מיט געבויגענע קעפּ, ווי צו וואַשן זייערע צעלאָזטע האָר. פֿון צײַט צו צײַט האָט אַ הונט זיך צעבילט, און ווידער האָט די שטילקייט געשוועבט מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט.

פֿאַר קלאָדן איז איצט אויפֿגעגאַנגען אַ חלום ווי דורך אַ נעפּל, פֿול מיט ריחות פֿון סעדער און וועלדער און אויף דעם הימל זײַנען אַלע שטערן צעצונדן. ער האָט בײַ זיך ווי געפֿרעגט: איז עס אמת, אַז אַ חלום קאָן זײַן מער ווי וואר? עס איז אים גוט געווען, און אַלץ אַרום ליב און טײַער.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען קלאָד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. די וועלט, אײַנגעהילט אין לבנה־ליכט, איז פֿול געווען מיט מיסטעריעזע שאָטנס פֿון ביימער, וועלכע דער ווינט האָט געצערטלט און פֿאַרוויגט. אין טאָל האָבן פֿייערלעך זיך אומעטיק געצונדן. קלאָד האָט געמורמלט:

— עמאַ, אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט אַזאַ שיינע וועלט פֿאַר מיר געשאַפֿן.

דאָס הויז פֿון דער פֿאַמיליע עספּינאַס איז געשטאַנען בשכנות מיט דער הייזקע, וווּ קלאָד האָט געוווינט. בלויז דער הויכער שטיינערנער פֿאַרקאָן האָט זיי פֿונאַנדערגעטיילט. דערפֿאַר האָט זיי דער גרויסער עפּלבוים מיט זײַנע צעפֿלאָשעטע צווײַגן, וועלכע זײַנען אַריבערגעהאָנגען פֿון ביידע זײַטן פֿאַרקאָן, צוריק פֿאַראייניקט. קיינער פֿון די באַלעבאַטים האָט נישט געוווסט געניי, צו וועמען עס געהערט דער בוים. ביידע האָבן געקליבן די עפּל, יעדערער פֿון זײַן זײַט. דער בוים האָט געטיילט שיין שבת־אויבסט מיט אַ פֿולער האַנט.

עמאַ איז געווען די עלטסטע טאָכטער צווישן די פֿיר קינדער פֿון דער פֿאַמיליע עספּינאַס. כאָטש איר ברודער איז שוין אַלט געווען אַכצן יאָר, אַ פֿעסט־געבויטער בחור, וואָס האָט זיך נישט געשראָקן פֿאַר דער שווערסטער אַרבעט, האָט דאָך עמאַ אָפּגעטאָן איר אַרבעט ווי אַ יונג.

דעם פֿרימאָרגן איבערבײַס פֿלעגט מען קלאָדן ברענגען אין צימער, וווּ ער איז געשלאָפֿן. באַלד נאָכדעם איז אָנגעלאָפֿן די קליינע מאַרי־העלען מיט אַ העל־גרינער נעץ צו כאַפּן זומער־פֿלאַטערלעך. זי האָט אַזוי

האַרציק געבעטן קלאָדן צו גיין מיט איר אויף די לאָנקעס, אַז ער האָט איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

די לאָנקעס זיינען שוין רייף אויפגעגאַנגען צום גאָלדענעם ציטער פון צייטיק־ווערן. איבער זיי האָט ווי אַ קינד זיך געשפּילט דער ווינט, געשמעקט יעדעס בלימל און פלאַנץ, וואָס זיינען פול געווען מיט זון און געלויכטן אין טוי. פליגן און בינען האָבן געטאַנצט אין אַ קאָראָהאָד, און די זומער־פלאַטערלעך האָבן זיך געיאָגט איינס נאָכן אַנדערן ווי אין אַ געוועט. קלאָד איז זיי נאָכגעלאָפן אין דעם פרימאָרגן־געזאַנג, באַמיענדיק זיך זיי צו כאַפּן. און די קליינע מאַרי־העלען האָט געלאַכט און געשפּרונגען פאַר פרייד.

ווען קלאָד האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז זיין צימערל פול געווען מיט פרישע בלומען. ער האָט אונטערגעברומט אַן אַלטן חסידישן ניגון, וואַשנדיק זיך מיטן קאַלטן וואַסער, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשעפּט אין ברוגעם. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט אויספייפן דעם זעלבן ניגון, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט געזונגען. צי איז דאָס מעגלעך? עס איז דאָך זיין זיידעס זמירות „יום זה מכובד“. ער איז שטיל געבליבן און זיך איינגעהערט אינעם פייפן.

ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער, איז געשטאַנען עמאַ אַ צעשטראַלטע.

— אַ גוט מאָרגן אייך, קלאָד! איר זעגט ווייניק געשלאָפן די נאַכט. אייערע אויגן זעען אויס מיד.

עס איז שווער געווען צו רעדן און נאָך שווערער צו שווייגן.

— שיינע עמאַ, וואָס איר זעגט, ליכטיקע מאָכטער, ווי אַזוי זאָל איך אייך דאַנקען פאַר אַלץ?

זי האָט זיך פאַרדרייטלט, דרייסט אַריבערגעשפּרונגען דאָס פענצטער, און איר קאַלטע, פרישע האַנט אַרויפגעלייגט אויף קלאָדס מויל.ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. קלאָדס אויגן האָבן זיך געשפּיגלט אין אירע, ווי אין בלוי־גרינע אָזערעס. קלאָד האָט זיך דערפילט יונג און מונטער.

עמאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך אַרבעט אין שטוב און זי איז ווי אַ פייל פון בויגן אַרויס דורכן פענצטער, אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן עפּל־בוים, און געלם געוואָרן הינטערן פּאַרקאַן.

קלאָד איז געשטאַנען ביים פענצטער און געטרונקען מיט די אויגן די גאַנצע פאַנאָראַמע אַרום. די אָזערע האָט זיך געברוגזט קעגן די לויפ=

דיקע וואָלקנס, וועלכע זייִנען אַראָפּגעקומען פון די שפּיצן בערג. די שיפּלעך אויף איר האָבן פון דער ווייטנס אויסגעזען ווי שפּילצייג פאַר קינדער אין אַ באַסיין פון אַ שטאָטישן גאָרטן, דער ווינט האָט געראַשט אין די בלעטער פון די ביימער, אָנזאָגנדיק אַ שטורעם. קלאָדס האַרץ איז געווען פאַרקלעמט נישט וויסנדיק פאַרוואָס.

ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן, נישט געגלויבט, אַז עס איז אַ ווירקלעכקייט. ס'איז געווען אַ זונטיק-טאָג און ער האָט געוווסט, אַז הייַנט בייַנאַכט קומט פאָר אין דאָרף אַ באַל. אים האָט זיך געוואָלט זען עמאַן טאַנצן.

דעם נאָכמיטאָג האָט ער פאַרבראַכט מיט דער קלייִנער מאַרי=העלען, שפּאַצירנדיק אין די בערג. אויף צוריקוועגס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט צו דערלאַנגען די האַנט אַן אַלטער באַבעשי, וועלכע איז געזעסן אויף אַ שטייִנערנע באַנק אונטער אַ קאַשטאַן-בוים, אָנגעשפּאַרט אין אַ ווייסן שטעקן. קלאָד איז געבליבן שטיין פונדערווייטנס, באַטראַכטנדיק דער אַלטערס צעאַקערט געזיכט. ווער ווייסט וויפל צער עס ליגט באַהאַלטן אין יעדן קנייטש פון דעם גוטן געזיכט? ער האָט דערהערט ווי די אַלטע פרעגט זיך אויף אים. עס האָט אים געוווּנדערט פון וואַנען זי ווייסט זייַן נאָמען. די קלייִנע מאַרי=העלען איז צו אים צוגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט בייַ דער האַנט און אים געצויגן אין דער ריכטונג צו דער אַלטיטשקער.

ער האָט אָנגענומען איר אויסגעשטרעקטע מאָגערע האַנט און פריינטלעך געדריקט.

— גוט מאָרגן, אייך, מאַדאַם! כ'קען נאָך נישט אייער נאָמען.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אים אָנצוקוקן, נאָר אירע אויגן זייַנען געווען שטאַר:

— כ'בין די באָבע פון עמאַ. כ'געהער צו דער פאַמיליע עספּינאַס, — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ היימישן טאָן, ווי זי וואָלט אים גוט געקענט.

קלאָד האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק האַרט לעבן דער בלינדער פרוי. זי האָט געזוכט זייַן האַנט. ער האָט זי איר דערלאַנגט און דערפילט עפּעס אַ צאַרטקייט, וואָס ער האָט שוין לאַנג, לאַנג פאַרגעסן. ס'האָט זיך אים דערמאָנט זייַן גוטע באָבע פרייטיק-צונאַכטס בייַ ליכט-בענטשן. די אַלטיטשקע האָט טיף אָפּגעזיפצט און זיך געוואָנדן צו אים:

— איך הייס סאַראַ. איר וועט אייך וווּנדערן, וואָס איך רייד צו אייך אַזוי. איז דען נישט באמת א ווונדער, וואָס איר זענט אַהער געקומען? די קלייִנע מאַרי=העלען דערציילט אין גאַנצן דאָרף וועגן אייער גוטסקייט.

מיין ליבלינג עמאַ איז פאַרכישופט פון אייך. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט... מיר ווייסן אָבער, אַז איר וועט איר קיין שלעכטס נישט טאָן. ס'איז אַ וואונדער, וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן.

זי איז דערביי שטיל געבליבן. פון אירע פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך אַ קייקל געטאָן צוויי טרערן, ווי דראָבנע אַרבעסלעך, און זיך געקייקלט פון איין קנייטש איבערן אַנדערן ביז צו די פאַרטריקנטע ליפן פון איר טריבן געזיכט.

— מיין ליבער קלאָד, — האָט די אַלטיטשקע אַ זאָג געטאָן, — איך זע אייך נישט, אָבער איך פיל אייך גוט. מיר לעבן שוין אין דאָרף אַ האַלבן יאָרהונדערט. מיינע איינִיקלעך ווייסן, אַז זיי זיינען יידן. מיר זיינען געווען אויסבאַהאַלטן אין דער שווייץ פון די נאַציס. ווען עמאַ האָט געהערט, אַז עס איז דאָ אין דאָרף אַ ייִד, האָט זי גלייך געוואָלט לויפן אים באַגריסן. די מאַמע אירע איז נישט קיין יידישע . זי איז אַ שטרענגע צו די קינדער, זי ציטערט פאַר איר טאָכטער, וועלכע האָט אַזוי פיל דערפאָלג. עמאַ איז אַ געראָטן קינד, צו גאָט און צו לייט; זינגט, טאַנצט, שפּילט אויפן אָרגל און אַרבעט ווי דער שטאַרקסטער יונג אין דער געגנט. איר האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס מיר לעבן נאָך. זי איז אַוועק אין די בערג מיט די ווידערשטענדלער, באַקומען אַן אויסצייכענונג. מיר האָבן געגנוג באַצאָלט מיט אונדזער בלוט: פופצן מאַן פון אונדזער משפּחה זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן און נישט צוריקגעקומען. מיין איינציקע טאָכטער האָבן די רוצחים דערשאָסן ביים קאַשטאַנען־בוים, ווו איך זיץ אָפּ מיינע טעג און וואַכן און כ'זע מער נישט די ליכטיקע וועלט.

ווידער האָט זיך קלאָדן אויסגעדוכט, אַז עס מישט זיך חלום און וואָר. נאָר די ציטערנדיקע האַנט פון דער אַלטיטשקער, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין זיינער, האָט אים דערמאָנט אין דער ווירקלעכקייט. פאַר זיינע אויגן האָט דורכגעשוועבט זיין גאַנץ לעבן, יענע טעג, ווען ער איז געכאַפּט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, וועלכע האָט אים געמאַטערט ער זאָל אַרויסגעבן זיינע חברים. זיין געוויסן איז געבליבן ריין. אָבער מיט וואָס פאַר א נס לעבט ער? צי האָט ער רעכט צו אָטעמען און צו געניסן פון דעם זומער, וואָס איז ווי אַ ווייסער חלום?

די קליינע מאַרי־העלען האָט זיך הילכיק צעלאַכט. קלאָדס בליק איז געפאַלן אויף איר אַ ביסל צעמישט. ער האָט דערזען עמאַן, וועלכע האָט מיט אירע שיינע הענט פאַרשטעלט די אייגעלעך פון דער קליינער זי זאָל טרעפן ווער דאָס איז. די פּיצלעך הענטלעך האָבן זיך געקלאַמערט אין די

לאַנגע געפּלאָכטענע פֿינגער. זי האָט אויסגעשריען „עמאַ“! און האָט גע־קוועלט פֿון פֿרייד. די באָבעשי האָט אַרויסגעלאָזט קלאָדם האַנט און גע־בליבן זיצן שטיל. עמאַ איז צוגעלאָפֿן צו איר, זי ווילד אַרומגעכאַפּט און געקושט אין קאָפּ. זי האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פֿאָר, צוגעוואָרפֿן קלאָדן אַ ליבלעכן שמייכל און אַוועק צו זיך אין הויז. זי איז געווען גראַ־ציעז און יום־טובדיק געקליידט. זי האָט געטראָגן אַ ווייסע בלוזקע מיט שוואַרצע קליינע אַרבעסלעך, וואָס אירע ברייטע אַרבל, פֿאַרצויגן מיט שוואַרצע סאַמעטלעך ביי די הענט, האָבן אויסגעזען ווי פֿליגל.

די אַלטיטשקע, דערפֿילנדיק, אַז עמאַ איז שוין ווייט אַוועק, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ נענטער צו קלאָדן און אים אַ פֿרעג געטאָן:

— זי איז שיין מיין עמאַ?

פֿאַרשעמט ווי אַ יונגער בחור האָט ער געמורמלט:

— שיין און ליכטיק ווי די וועלט, באָבעשי.

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט צו גיין, גענומען איר האַנט צו געזעגענען זיך. די אַלטיטשקע האָט אים געעצהט ער זאָל גיין אויפֿן באַל זען ווי עמאַ טאַנצט. זי, די באָבעשי, וועט אויך דאָרט זיין.

ביים באַל זענען געווען פֿאַרזאַמלט יונג און אַלט. די יוגנט האָט געשטיפֿט אַרום די טישלעך ביי גלעזער וויין. קלאָד האָט זיך באַגריסט מיט אַלע איינוווינער פֿון דאָרף.

דעם באַל האָט געעפֿנט עמאַ מיט פֿיערן, און נאָך זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַ כאָפּטע יונגען מיט מיידן. די מוזיק האָט אָנגעהויבן פֿון אַ וואַלס און איבערגעגאַנגען אין אַ מיש־מאַש פֿון טאַנץ־מעלאָדיעס. די טענצער האָבן זיך געטוישט מיט די טענצערקעס. עמאַ איז אַרויס פֿון קרייז, אָנ־געכאַפּט די בלינדע באָבע און זיך געלאָזט אין טאַנץ, האַלטנדיק זי פֿעסט אין די אָרעמס. דער פֿאַרזאַמלטער עולם האָט געקלאַפּט מיט די הענט צום טאַקט.

ווען עמאַ האָט אַוועקגעזעצט די באָבען אויף איר פּלאַץ, האָט זיך איר פּאָטער אָנגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

אין דעם ברען פֿון דער שמחה האָט אַ שיכורער בחור אַ רוף געטאָן:

— וואָס וויל דאָ דער פּאַריזער?

קלאָדן האָט פֿאַרדריקט דאָס האַרץ. ער האָט אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט און אומבאַמערקט אַרויס פֿון זאַל. ער איז שוין געווען נאָענט

פון זיין הויז, ווען ער האָט דערהערט ווי עמעצער רופט אים מיט אַ שטיקנדיק קול. עמאַ איז געלאָפן ווי אַ ווילדע, מיט צעצונדענע אויגן און צעפלאָשעטע האָר. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן קלאָדן אין די אָרעמס, ווי אַ מאַמע איר אָפּגעפונען קינד, און נישט געקאָנט אַרויסריידן קיין וואָרט. אירע דינע פינגער האָבן זיך געקלאַמערט אין זיין ברוסט און זי האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אויף זיינע אַקסלען. ער וואָלט זיך געווונטשן, אַז די מינוט זאָל זיך ציען אַן אייביקייט.

עמאַ האָט אויפגעהויבן איר צאַרטע האַנט און אַ פיר געטאָן איבער זיין געזיכט. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך אומקערן. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום טאַנץ־לאָקאַל, האָט די מוזיק שוין נישט געשפּילט. עמאַ האָט גענומען קלאָדן אונטערן אָרעם און אַ טריומפירנדיקע אַריין אין זאַל. זי האָט אויסגעזען אַזוי שיין, אַז אַלע האָבן זי באַוואונדערט. זיי האָבן זיך צעגעזעצט צום טיש, וו עס האָט זיך געפונען די גאַנצע פאַמיליע עספּינאָס. אַלע האָבן קלאָדן באַגריסט און די בלינדע באָבעשי האָט אים געדריקט די האַנט, ווי אַן אייגענעם.

דער מער פון דאָרף האָט איינגערוימט דעם אָרקעסטער אויפצושפּילן אַ לאָקאַלן מאָטיוו צו באַגריסן דעם גאַסט. פאָרלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין טאַנץ.

עס זיינען צוגעקומען בחורים און איינגעלאַדן עמאַן צום טאַנץ. זי האָט אָפּגעזאָגט. אַלטע ווייבער האָבן זיך שטיל געסודעט און געוואָנדן זייערע בליקן אין דער ריכטונג צו עמאַן. עס איז אויך צוגעקומען דער בחור פיער גאַטיער, העפלעך באַגריסט זיך מיט דער גאַנצער פאַמיליע און פאַרנייגט זיך פאַר עמאַן. קלאָד האָט באַוואונדערט זיין שיינקייט. הויך, פעסט־געבויט מיט פעסטע מענערישע שטריכן, דיקע סענסועלע ליפּן און גוטע לאַכנדיקע אויגן. ער איז געבליבן שטיין באַליידיקט, ווען עמאַ האָט אים דערקלערט, אַז היינט טאַנצט זי נישט. קלאָד האָט געפּרוווט בעטן זי זאָל עס טאָן פאַר אים. ער וויל זי זען טאַנצן. זי איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט.

קלאָד האָט זיך שוין לאַנג געהאַט געזעגנט מיט דער פאַמיליע עספּינאָס און דורך זייטיקע וועגלעך, האַרט ביים וואַלד, געבלאָנקעט אין דער ריכטונג פון זיין הויז. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער געפינט זיך אין אַ ליכטיק אויסגע־

חלומט לאַנד. אָבער דאָס האַרץ איז אים געווען פאַרקלעמט. עס איז ביי אים געווען איצט אַ געמיש פון שטורעם און נעפּל. אויף דעם האָריזאָנט שימערט אַ ליכטיקער רעגנבויגן. אַלץ זינגט אין אים און ער הערט זיך צו צום אייגענעם ניגון. זיין לעבן איז ווי אַ שיף, וואָס בענקט נאָך אַ ברעג און ער וויל, אַז זי זאָל קיין מאָל נישט אָנקומען.

קלאָד איז פאַמעלעך אַריין אין זיין הויז, געוואָלט זיין אַליין, כּדי צו קאָנען טראַכטן וועגן עמאַן.

דאָס פירהויז איז געווען אָפן, און דאָס פענצטער אויך. אַ שפּעט־נאַכטיקער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט דער טיר. קלאָד האָט זיך פאַר־האַלטן ביי דער שוועל. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט געזען דורכשוועבן אַ שאָטן. ער איז אַ וויילע געבליבן שטיין שטיל, דערנאָך אַ רוף געטאָן ווי פון שלאָף: „עמאַ"! — זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום און אַ שפּריז געטאָן אין צווייטן צימער אַריין. אַ פּאָר ליכטיקע הענט האָבן אים אַרומגענומען.

— עמאַ — האָט קלאָד קוים אַרויסגערעדט, — עמאַ, נאָך וואָס ביסטו געקומען?

עמאַ האָט געשוויגן און שטום אים געקוקט אין די אויגן אַריין. זיי זיינען געשטאַנען נישט וויט פון אָפענעם פענצטער. אין דרויסן איז געווען שטיל און רואיק. בלויז פון צייט צו צייט האָט אַן עפּל זיך אָפּגעריסן פון אַ צווייג און מיט אַ שאָרך דורך די בלעטער געפאַלן אויף דער ערד.

— עמאַ, ס'איז מיר אַזוי גוט לעבן דיר. כ'וואָלט געמוזט אויפרייסן מיין ברוסט, דו זאָלסט קאָנען זען מיין פאַרוואונדעט האַרץ. די נאַכט וועט זיין צו־קורץ, כ'זאָל דיר קאָנען דערציילן וועגן מיין לעבן.

ער האָט גערעדט שנעל און אָן אַ סדר וועגן דעם, וואָס זי האָט שוין געוווּסט, וואָס ער האָט איר שוין דערציילט.

— עמאַ, פאַרשטיי מיך גוט, דו ביסט יונג און שיין. כ'וויל זיין פאַר דיר אַן אייביקער פריינד. מיין גליק וועט זיין, ווען כ'וועל דיך זען אַ גליק־לעכע מיט דיינס גליקן.

קלאָד האָט לאַנג גערעדט. עמאַ האָט געשוויגן. זי האָט געהערט און נישט געהערט. עס האָט שוין אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, ווען עמאַ האָט זיך אַ הויב געטאָן ווי אַ קראַנקער, וועמען דער פיבער פאַרלאָזט אים. אירע אויגן זיינען געווען גרוים, צעעפנט, איר געזיכט בלאַס. זי האָט מיט אָפּ־געזיפצט.

זי איז פֿאַרשוווּנדן מיטן בלויען פֿאַרטאָג. די עפּל, וועלכע זיינען געפֿאַלן אין סאָד אונטער קלאָדס פֿענצטער, האָבן זיך שטיל איינגעהערט אין אירע טריט.

פֿאַמעלעך האָט קלאָד געבלאָנקעט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג.

נאָענט פֿון דאָרף האָט ער אָנגעטראָפֿן דעם בחור פֿיער גאָטיער. זיי האָבן זיך פֿריינטלעך באַגריסט. פֿיער האָט פֿאַרגעלייגט אים באַגלייטן. פֿון יענעם טאָג־אָן איז פֿיער געוואָרן קלאָדס פֿריינד. כאָטש ער האָט געװוּסט אויף וויפֿל עמאַ פֿאַרגעטערט אים, און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר...

די וואָלקנס אויפֿן הימל זיינען פֿול געוואָרן מיט בין־השמשות. אין מערב האָט דער טאָג זיך געזעגנט, געגומען לעשן זיינע פֿאַרבן. קלאָדס חלומות האָבן געשליעט ווי פֿייערן, צעצונדענע אויף די בערג.

ביינאַכט איז עמאַ געקומען צו אים געקליידעט אין ווייסן, ווי אַ כלה צו דער חופּה. זי האָט שטיל געזאָגט:

— כ'האָב דעם לשון פֿאַרלוירן לעבן דיר, ווייל כ'האָב דיך ליב. וואָס זיינען דען קלאַנגען און רייד? כ'בעט דיך: רעד נישט אַצינד. כ'וויל זיין דיין געליבטע און קינד.

עמאַ האָט אים פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט איר צאַרטער האַנט.

ביידע האָבן לאַנג געשוויגן און צוגעהערט זיך צום רעגן, וואָס האָט געקלאַפּט אין די שויבן. די טראָפּנס האָבן זיך געקייקלט איינער נאָכן צווייטן.

דער הימל, שווער באַלאָדן מיט וואָלקנס, האָט איינגעהילט דעם אָרום, ווי מיט דיקע שוואַרצע טיכער, און זיין צער האָט געטריפֿט איבער די סעדער באַרג־אַראָפּ צו דער צעברויזטער אָזערע.

יענעם פֿרימאָרגן איז קלאָד שפּעט אויפֿגעשטאַנען און דעם ערשטן וויזיט אָפּגעגעבן פֿיער גאָטיערן.

אויפֿן וועג צוריק צו זיין פּאַנסיאָן זיינען די פֿעלדער שוין געווען אָפּגעקאָסעט. די פּויערים האָבן זיך געאיילט אַראָפּצופֿירן דאָס היי, איידער עס קומען אָן פֿרישע רעגנס. ביים טויער פֿון אַריינגאַנג, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין גרינס, האָט ער פּלוצלונג דערזען די ערשטע רויט־וועריקדיקע טרויבן־בלעטער — אַ סימן פֿון אָנקומענדיקן האַרבסט.

אַ נייער פֿרימאָרגן גייט אויף

פֿון דער זייט איז פּאַריז און פֿון דער צווייטער זייט איז פּאַריז. די סען טיילט פֿאָנאַנדער איין פּאַריז פֿון דעם צווייטן, זי פֿאַרבינדט זיי אָבער אויך דורך אַ גרעסערער צאָל בריקן — עלטערע און נייערע — וואָס איין ברעג סען האָט אַריבערגעוואָרפֿן צום צווייטן ברעג.

טרעפֿט, אַז מען לאָזט זיך אַרויס אויף אַ שפּאַצירגאַנג אויף איין ברעג סען און די אויגן שיקן אַוועק זייערע בלאָנדזשענדיקע בליקן אַהין, צום צווייטן ברעג און נאָך ווייטער. ווי קוקט דאָרטן אויס פּאַריז? פֿון דער ווייטנס קוקן אויס די שורעמס פֿון דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ, אי העכער, אי נידעריקער — עס ווענדט זיך אין דער לופֿט, צי איז זי געדיכט, פֿאַרנעפּלט, אָדער צי איז זי לויטער, דורכזיכטיק.

לאַנג בלאָנדזשען קאָן דער בליק, באַלד וועט ער אָנשפּאַרן אין דער געגנט פֿון דער נאָטר־דאַם־קירך, זיך באַגעגענען מיט די חוזק־שמייכלען פֿון די שדים, פֿון די טייוולאָגימלעך און פֿון די כלערליי בת־ליצנים, וואָס טרייבן זייערע ווילדע שטיק אויף די געזימסן, אויפֿן דאַך און אין די וואַנט־פֿאַרטיפֿונגען פֿון דער דאָזיקער אין טיפֿן מיטלעלטער פֿאַרפֿלאַנצטער גרויסער קירך. פֿון דאָרט וועט ער זיך פֿאַרקירעווען אַ ביסל אויף רעכטס, זיך אָנשטויסן אָן די הויכע פּלאַטאַנען־ביימער, וואָס וואַקסן ביים ברעג סען. באַלד וועט ער צוקומען שוין צום פּאָן־נעף, דאָס הייסט צו דער נייער בריק, וועלכע איז אין דער אמתן די עלטסטע פֿון אַלע בריקן, וואָס פּאַריז פֿאַרמאָגט. יאָ, זי איז בפֿירוש די עלטסטע בריק פֿון אַלע.

אין איינעם פֿון די פּאַריזער שמאָלע און פּיצטערע געסלעך, וואָס דערמאָנען אין פֿריערדיקע יאָרהונדערטער וווינט די פֿאַמיליע פּערלשטיין.

פֿאַראַן זיינען אין דער דאָזיקער פֿאַמיליע אַ טאַטע, אַ מאַמע און אַ זון. דער טאַטע איז אַ שניידער, אַ פֿאַסאָניער, וואָס נעמט אַרויס שטיקאַרבעט ביי אַ שניידער־אונטערנעמער, וואָס איז אייגנטלעך שוין גאָר קיין שניידער נישט, נאָר דורך און דורך אונטערנעמער. פֿרוי פּערלשטיין

העלפֿט צו איר מאַן בײַ דער אַרבעט: זי איז אַ האַנט־נייערין, איר מאַן איז אַ פּרעסער און זײַער זון אַ מאַשין־נייער. פֿיל מאָל אין טאָג מוז פֿרוי פּערלשטיין אַוועקוואַרפֿן, אַזוי צו זאָגן, איר „האַנט“ און מיט בײדע הענט זיך נעמען צו דער באַלעבאַטישקייט: ראָמען, קאָכן. חוץ דעם דאַרף זי נאָך לויפֿן צו די אַרבעט־געבער, ברענגען און אָפּטראָגן אַרבעט, כּדי די „האַנט“ אירע זאָל האָבן וואָס צו טאָן, איר מאַן — וואָס צו פּרעסן און איר זון מישעל — וואָס צו נייען אויף דער מאַשין. שווערע פּעק שלעפּט זי אויף אירע פּלייצעס, און איר מאַן פּרעסט כּסדר, הערט נישט אויף צו פּרעסן, און איר זון, מישעל, דער אַכצן־יעריקער בחור, זיצט בײַ דער מאַשין און יאָגט זי און יאָגט זי, גלײַך ער וואָלט זיך געהאַט געוועט, ווער וועמען וועט אַריבעריאָגן.

אַזוי פֿירט זיך אין דער משפּחה פּערלשטיין טאָג איין, טאָג אויס. די מאַשין לויפֿט, ווי עס וואָלט אין איר אַרײַן אַ רוח; טאַטע, מאַמע און זון יאָגן זי נאָך. אין דער אמתן אָבער יאָגן זײ נאָך זײערע אײגענע געדאַנקען, אין וועלכע זײ פֿאַרפּלאָנטערן זיך אָפּט און ווײסן נישט ווו איין און ווו אויס.

די נאַכט קומט אַרײַן צו די פּערלשטײנס אַ שפּעטע, אַ פֿאַרמאַטערטע. די מאַשין שווײַגט. קײנער יאָגט זי נישט מער. פֿון דער גאַס רײַסן זיך פֿון צײַט צו צײַט אַרײַן אין דער מידער שטוב סיגנאַלן, געשרײען, אויסרופֿן. שווער צו ווײסן, וואָס זײ מײנען, און צי מײנען זײ בכלל עפּעס. אָבער נישט דער דרויסנדיקער ליאַרם נעמט צו בײַ דער מאַמען דעם שלאָף, נאָר איר אײגענער ליאַרם, דער טומל, וואָס קומט פֿון איר אײגענעם האַרץ. ער לאָזט זי נישט רוען און אײַנליגן.

פֿרוי פּערלשטײן טראַכט פֿון איר אײנציקן זון, וואָס איז איר פֿאַרבליבן פֿון די דרײַ קינדער אירע. אכצן יאָר איז ער אַלט. אַ וויל קינד, שטיל, רואיק. שוין צו שטיל, שוין צו רואיק... אײַנגעטלעך פֿעלט אים גאָרנישט אין געזונט. אַ בחורל ווי אַלע בחורים, ווען זײ זײַנען געזונט. זי דערמאָנט זיך וואָס פֿאַר אַ פֿעיק קינד איר מישעל איז געווען פֿאַר דער מלחמה, דער ערשטער איז ער געווען אין זײַן קלאַס. זײַן פֿראַנצויזיש רעדן האָבן אַלע באַוווּנדערט. אין רעכענען איז נישט געווען נאָך אַ צווײטער צו אים אין זײַן עלטער. אַזוי האָבן מענטשן געזאָגט. זי ווײסט נישט, זי האָט קײנמאָל אַריטמעטיק קײן סך נישט געלערנט. נישט געווען ווען און ווו. לײַדט זי טאַקע איצט דערפֿון. עס קומט אויס, אַז מען דאַרף באַרעכענען

די אַרבעט, פאַרפלאָנטערט זי זיך און ווייסט נישט ווו זי האַלט. אָבער ער? אַ מזיק איז ער געווען אין רעכענען, אַן אייזערנעם קאָפּ געהאַט.

ער איז איר פאַרבליבן אַן אָפּגעראַטעוועטער, אַן אויסגעווייטער, גלייך זי וואָלט אים אויף דער לאָטעריע געוווּנען. אָבער ער איז נישט אַזוי ווי אַלע? עפּעס וואָס פעלט אים, כאָטש אָנזען, זעט מען אויף אים גאָרנישט אָן? נאָר פאַרוואָס איז ער אַזאַ מאָדנער? פאַרוואָס איז ער אַזאַ טרויעריקער? די דאָקטוירים זאָגן, אַז ער איז אַ מעלאַנכאָליקער, מעלאַנכאָליש איז מסתמא נאָך מער ווי אומעטיק, נאָך מער ווי טרויעריק... מעלאַנכאָליש איז עפּעס אַזוינס, וואָס גריזשעט דעם יסוד פון דעם מענטשנס לעבן, יעדן טאָג אַ ביסל, יעדע שעה אַ פּיצעלע, ביז מען בלייבט הענגען אין דער לופטן און אפילו שרייען האָט מען אויך קיין כוח נישט.

הענט און פיס נעמען איר אָפּ. אפשר איז שוין טאַקע געווען דער מאָמענט ווען איר מישעל קאָן שוין אפילו נישט שרייען? זי וויל אים אויפוועקן. זי וויל אים עפּעס פרעגן, זי וויל וויסן צי ער קאָן באַוועגן מיט דער צונג, אָבער זי כאַפּט זיך, אַז זי גופא איז פּלוצלונג ווי שטום געוואָרן. אַ קאַלטער שווייס שלאָגט איר ארויס אויפן פּנים.

פאַר דער מלחמה האָט זי געהאַט דריי קינדער. דער עלטסטער זון אירער, זשוליען, איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן. אַן ערובניק האָבן זיי פון אים געהאַט געמאַכט, דערנאָך האָבן זיי אים דערשאָסן צוגלייך מיט די איבעריקע ערובניקעס. איר טעכטערל, חנהלע, איז דערטרונקען געוואָרן. וואָס פאַר אַ שיין, געראָטן קינד דאָס איז געווען! מען האָט געפּרוווט זיך ראַטעווען פון די דייטשן. אַ פינצטערע נאַכט. אַ טייכל האָט מען געדאַרפט אַריבערגיין. דאָס מאָל צוריק קיין פאַריז. דאָס וואַסער פון דעם טייכל איז געווען צו טיף פאַר חנהלען. זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער מאַמעס אָרעמס. נישטאָ מער חנהלע! און איצט די מעלאַנכאָליע... וואָס איז אַזוינס מעלאַנכאָליע? פאַרוואָס קאָנען די דאָקטוירים איר נישט זאָגן ווי מען קאָן זי בייקומען? פאַרוואָס קאָן מישעל זיצן אַ גאַנצן טאָג ביי דער מאַשין און אַרבעטן ממש ווי אַ טייוול, אַזוי, אַז קיינער וואָלט אים נישט געקאָנט דעריאָגן, און ווי נאָר ער הערט אויף צו אַרבעטן — ווייסט ער שוין נישט מער ווי ער איז אין דער וועלט? זיין פּנים קאָרטשעט זיך איין, טיפע קנייטשן באַדעקן זיין שטערן און עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרקריכן אין זיך גופא. אין זיינע אויגן פאַר-

קלייבט זיך אַ פּחד און ער פּאַקעט כּסדר מיט די הענט, ווי ער וואָלט עמעצן געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך.

פרוי פערלשטיין ווייסט נישט וואָס איז איז. מעלאַנכאָליע איז נישט קיין ענטפער. מרה־שחורה איז אויך נישט קיין ענטפער. זי וועט פּשוט מיט געוואַלט אים אַרויסשלעפּן פון שטוב, זאָל ער שרייען „איך האָב מורא! איך האָב מורא!" זי וועט אים געבן פאַרשטיין, אַז ס'איז נישטאָ פאַרוואָס און פאַר וועמען מורא צו האָבן. נישטאָ מער קיין דייטשן. נישטאָ מער קיין ערובניקעס און נישטאָ מער קיין דעמאַרקאַציע־ליניע מיט אירע טייכן און טייכלעך. אמת, זשיליען און חנהלע זיינען פאַרשוווּנדן אויף אייביק, אָבער ער, מישעל, לעבט דאָך — די דייטשן אויף צו להכעיס. זאָל ער זיי מיט זיין מורא קיין נחת נישט אָנטאָן. אויב מעלאַנכאָליש, זאָלן זיי זיין מעלאַנכאָליש! זיי קומט דאָס! זאָלן זיי מורא האָבן פאַר אים! פאַר מישעלן! פאַר איר! די פּראָפעסאָרן ווייסן נישט וואָס זיי ריידן, ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן... מאָרגן אין דער פרי, נאָך איידער ער וועט זיך זעצן צו דער מאַשין, וועט זי אים דאָס אַלץ דער־קלערן, און מאָרגן אין אָוונט וועלן זיי אַלע דריי גיין אין קינאָ. זי וועט אויסזוכן אַ שיינעם פילם אויף אַוועני שאַנז עליזעי מאַקע, וועט קאָסטן אַ פּאָר פראַנק מער, מילא, דער עיקר עס זאָל זיין אַ פריילעכער פילם, מען זאָל קאָנען לאַכן.

אָבער זי דערמאָנט זיך באַלד, אַז זי האָט דאָס שוין געטאָן מיט צוויי חדשים צוריק. מיט גרויס מי האָט זיך איר איינגעגעבן אים אַריינ־צוזעצן אין טאַקסי און אים פאַרפירן אין אַ קינאָ אויף אַוועני שאַנז עלי־זעי. מער זאָלן זיך אַזעלכע אָוונטן נישט איבערחזרן. מען האָט אים אין מיטן פילם פון זאָל אַרויסגעטראָגן אַ געחלשטן און לאַנג, זייער לאַנג, האָט מען אים אין האָל געמינטערט. נישט אַנדערש, אַז די מעלאַנכאָליע איז טאַקע אַ זייער שווערע קרענק...

זי וואַרפט אַ קוק אויף משהן, וואָס ליגט לעבן איר אין דעם ברייטן פּראָוונצווישן בעט.

— יאָ — איז ער מיט איר מסכּים, אַרויסלאָזנדיק בעת מעשה אַ שווערן זיפץ — זייער אַ שווערע קרענק...

ווי אַזוי האָט ער געטראָפן אירע מחשבות? נישט אַנדערש, אַז ער האָט מיט איר דורכגעמאַכט דעם אייגענעם וועג אין דער פינצטערניש.

איצט נעמט משה איבער דעם פּחדעם פון די געדאַנקען:

— אָט וואָס אַן אומגליק אונדז האָט געטראָפן! — רופט ער זיך אָן צו זיין ווייב.

— אָט וואָס פאַר אַן אומגליק אונדז האָט געטראָפן! — ענטפערט זי אים וואָרט ביי וואָרט.

משה טראַכט, אַז זיין אייגן לעבן האָט נישט קיין ווערט, אויב אים זאָל זיך נישט איינגעבן זיין זון אַרויסצוראַטעווען פון די נעגל פון דער מעלאַנכאָליע. אויף דעם האָרעוועט ער טאָג איין, טאָג אויס, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זאָל ער נאָר אָנקלייבן נאָך אַ ביסל געלט, וועט ער זיין זון פירן צו דעם גרעסטן פון אַלע פּראָפעסאָרן. ער וועט קיין געלט נישט זשאַלעווען. ער וועט זאָגן צום גרעסטן פון אַלע פּראָפעסאָרן: „דריי קינדער האָב איך פאַר דער מלחמה געהאַט, צוויי זין און איין מיידעלע. דער עלטסטער זון מיינער איז דערשאָסן געוואָרן ווי אַן ערוב־ניק, ער איז ערוב געווען פאַר מיר, פאַר אייך הער פּראָפעסאָר אפילו אויך, ער איז ערוב געווען פאַר דער גאַנצער וועלט. איז ער מער נישטאָ. ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל ערוב זיין פאַר אונדז. מיין מיידעלע איז דער־טרונקען געוואָרן. געבליבן איז מיר אָט דער איינער מישעל. פאַרוואָס, פרעג איך אייך, פאַרוואָס זאָל ער פאַלן אַ קרבן ביי דער מעלאַנכאָליע? פאַר־וואָס?“

אַזוי וועט ער זיך אויסטענהן מיטן גרעסטן פון אַלע פּראָפעסאָרן. ער וועט אים אויסדערציילן זיין גאַנץ לעבן, די יסורים, וואָס ער איז אויסגע־שטאַנען אין דעם געפאַנגען־לאַגער: דרייפאַכע יסורים, ווי אַ געפאַנגענער, ווי אַ פראַנצויזישער געפאַנגענער און ווי אַ פראַנצויזיש־יידישער געפאַנ־גענער. און דערנאָך, ווי ער איז צוריקגעקומען אַהיים, און זיין היים מער נישט געפונען. זיין פאַמיליע האָט זיך געהאַט געראַטעוועט אויף „יענער זייט“, האָט זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן אויף בוידעמער, אין פעלדער און וועלדער; מען האָט זיי געכאַפּט. ווי אַזוי איז זיין פרוי געלונגען צו אַנט־לויפן פון לאַגער? עד היום איז ער דאָס נישט דערגאַנגען, הגם זי האָט אים אַן אַ שיעור מאָל וועגן דעם דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן. נישט בלויז: פאַר אים איז דאָס אַ סוד, נאָר אפילו פאַר איר אויך; אויך זי זוכט נאָך אַלץ אַ וועג, ווי אַזוי אין געדאַנק זיך צו דערשלאָגן צו דעם אָנהייב פון דער דאָזיקער אַוואַנטורע אירער. אָבער דאָס אַלץ איז ווי פאַרטונקלט געוואָרן דורך זיין זונס מרה־שחורה. ער האָט מורא פאַר דעם

וואָס איז געווען, גלייך ווי דאָס אַלץ וואָלט נאָך געהאַלטן אין „ווערן“, געהאַלטן אין „זיין“.

און די געדאַנקען פּויזן ווייטער, מידע, פאַרפּלאָנטערטע, פאַרביטערטע. דער זייגער שלאָגט פיר. אָקערשט ערשט האָט ער געשלאָגן דריי. הייסט עס, אַז די צייט פאַרגייט גיך?

דער זייגער שלאָגט פינף... דער זייגער שלאָגט זעקס...

בייטאָג איז יעדע מינוט אַ שאָד. דער גרעסטער פון אַלע פּראָפעסאָרן נעמט אַ סך געלט, און צו האָבן אַ „סך געלט“ איז ביי משהן נאָך זייער ווייט. וואָס קאָן מען שוין מ׳שטיינס געזאָגט אויסאַרבעטן מיט די צען פינגער, בפרט נאָך, אַז זיין ווייב, די „האַנט“ זיינע, ליידט לעצטנס גאָר שטאַרק פון רעמאַטעס? די רעמאַטעס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר רעכטער האַנט. פונדעסטוועגן וויל זי זיך נישט אונטערגעבן, וויל נישט אַרויסלאָזן די נאָדל פון דער האַנט. דערווייל פרעסט זיך די מרה־שחורה אַלץ מער און מער איין אין איר קינדס לייב־און־לעבן, זיינע אויגן ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרגלאָזט, דער שרעק זיינער וואַקסט...

— איך וועל מאָרגן אַראָפּגיין אין גאַס — רעדט משה ווי צו זיך אַליין — אויסזוכן עפּעס אַ מיידל, וואָס זאָל דיר צוהעלפן צו דער אַרבעט.

פרוי פערלשטיין שווייגט. דער זייגער נישטערט עפּעס מיט זיין טיקטאַק אין איר פאַרעקשנטער שווייגעניש. מען דאַרף אים זאָגן משהן, טראַכט זי זיך, אַז ער זאָל נישט גיין זוכן קיין מיידל צו דער אַרבעט. זי קרעכצט נישט איבער איר: רעמאַטעס...

אויף דער אַרבעטער־בירזשע ביי דער מעטראָ סענטיע האַלט מען זיך אין איין שטופּן.

— וואָס דאַרפט איר? אַ „האַנט“? אפשר דאַרפט איר גאָר אַ מאַשינער?

— איך בין אַליין אַ מאַשינער.

— און איך בין אַ פּרעסער.

— איך זוך אַ האַנט־נייערין

די עלטערע פרוי, צו וועלכער משה האָט זיך געוואָנדן, האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם: זי האָט אַ טאָכטער, וואָס זוכט אַרבעט. ער איז תיכף מסכים געווען, האָט איר אויפגעשריבן דעם אַדרעס זיינעם אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און איז געגאַנגען אַהיים.

* *
*

פרוי פּערלשטיין איז געזעסן ביים טיש און האָט קוים, קוים געצויגן די נאָדל-שטער. ס'האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר. אַ מיידל איז אַריינגעקומען מיט אַ שטיקל צייטונג-פּאַפּיר אין דער האַנט.

— דאָ איז דער שניידער-וואַרשטאַט פּערלשטיין?

— איר זייט עס די האַנט-נייערין?

— יאָ, יאָ. איר האָט מיין מאַמען געגעבן אייער אַדרעס — האָט דאָס מיידל באַוויזן משהן דאָס שטיקל פּאַפּיר.

— געווים האָב איך אייער מוטער געגעבן אַ ריכטיקן אַדרעס — האָט משה געפּרווט זיך אַ וויצל טאָן.

פרוי פּערלשטיין האָט איר אונטערגעטראָגן אַ בענקל:

— זיצט, פריילן, זיצט.

זי האָט איר תוך כדי דיבור געגעבן אַ „פּאָטשעווקע" צו באַגייען.

מישעל האָט נישט אויפגעהערט צו יאָגן די מאַשין. אפשר נאָך מיט מער האַסטיקייט ווי פריער, ווי עמעץ וואָלט אים געטריבן אַלץ ווייטער און ווייטער פון זיך גופא און פון אַלעמען.

דער פרילינג האָט אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט זיינע שענסטע טעג. די זון איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין פּערלשטיינס וואַרשטאַט. צו פּאַלעטן איז זי געקומען, פּאַר איינוועגס אויך צו די פּערלשטיינס. און צו מישעלן האָט זי פאַרבייגייענדיק עפּעס אַ שושקע געטאָן אין אויער: גיב נאָר אַ קוק אויף זיך! האָסט שוין געזען אַמאָל דיינע אייגענע אויגן? פּאַלעטע האָט יענעם טאָג אַריינגעקוקט אין זיי. זי האָט אין זיי באַהאַלטן אַ ליכטיק שמייכעלע. אַזאַ פלינק און לאַכנדיק מיידל ווי פּאַלעט קען נייען נעט, איינגייען אַרבל, אויסשטעפּן קאָלנער-קלאַפּעס, צונייען טאַשמעס אויף די זשאַקעטן און צו גלייכער צייט אַכטונג געבן, איר שמייכל זאָל נישט פאַרלוירן גיין.

איין פרימאָרגן איז פּאַלעט געקומען גאָר פרי צו דער אַרבעט, אַזוי אַז זי האָט קיינעם אין דעם וואַרשטאַט נאָך נישט געטראָפן. זי האָט

בריט געעפנט דאָס פענצטער און האָט אויף דער פענצטער־ראַם אויפגעהאָנגען אַ קליין שפּיגעלע. דאָס שפּיגעלע האָט צונויפגעכאַפּט אַ סך זונשטראַלן פון הימל און האָט זיי אַלע פונאַנדערגעשפּרייט אויף מישעלס פאַרשטויבטער ניי־מאַשין. איז דאָס געווען אַן איבערראַשונג! ווי נאָר מישעל האָט זיך געזעצט ביי דער מאַשין און האָט זי אַ לאָז געטאָן אין גאַנג, האָבן די זונשטראַלן אים געטראָפן גלייך אין די אויגן אַריין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פאַלעטן און האָט זיך צעשמייכלט. איר שמייכל איז דאָס געווען. ער האָט איר צוריקגעגעבן איר פּקדון, און האָט אַ פאַרשעמטער, צוריק אַרונטערגעלאָזט די אויגן. אין מישעלן האָבן זיך אָנגעהויבן צו וועבן שטיקלעך געדאַנקען, וואָס ער האָט נאָכנישט רעכט פאַרשטאַנען דעם פּירוש זייערן, אָבער פילן האָט ער געפילט בחוש, אַז עפּעס וואָס וועט זיך דאָ שוין אויסוועבן, עפּעס אַזוינס, וואָס וועט זיין אַ פרייד אין זיין האַרצן.

מישעלס מאַמע האָט אויפגעכאַפּט איר זונס שמייכעלע מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט. זעקס יאָר האָט זי אויף דעם געוואַרט. און אָט איז עס ענדלעך געקומען. זי האָט קוים, קוים זיך אויפגעהויבן פון שטול און, שטיצנדיק זיך אויף די אָרעמס פון איר מאַן, זיך צוגעשלעפּט צום שלאָפצימער, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דעם פאָרהאַנג, כדי צו נעמען די טראָפּנס צו שטאַרקן דאָס האַרץ.

פון דער מינוט אָן האָט מער נישט געקענט זיין קיין רייד פאַר פרוי פערלשטיין זי זאָל זיך נעמען צוריק צו דער אַרבעט. איר זונס שמייכעלע, וואָס האָט אָקערשט אַ שפּראָץ געטאָן אויף זיין מרה־שחורהדיקן פּנים, האָט ווי אָפּגענומען ביי איר די הענט און די פיס. זי האָט געמוזט זיך לייגן אין בעט אַריין. אַ גליקלעכע קראַנקע איז זי געווען. דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט סכנת־נפשות און איר פּנים האָט בעת מעשה געשיינט פאַר שמחה. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מיט איר טוט זיך: ווי אַזוי פאָרט זיך ווייטיק מיט גליק? אָבער זי פילט שוין, אַז דער ענטפער וועט קומען. אפשר וועט פאַלעט געבן דעם ענטפער.

פאַלעט איז געווען אַ „האַנט“ ביי פערלשטיינען, אָבער איצט, אַז פרוי פערלשטיין איז געלעגן אַ קראַנקע, איז זי געוואָרן אַ מיטגליד פון דער משפחה. קיינער האָט זי נישט געבעטן זיך צו פאַרנעמען מיט דער באַלעבאַטישקייט. ווי קען מען דאָס אָבער צוזען? ווער וועט אויפרוימען די שטוב? ווער וועט קאָכן עסן? ווער וועט דער קראַנקער פרוי פערלשטיין דערלאַנגען די רפואות צום בעט?

פֿאַלעט האָט פֿרייוויליק אַרויסגענומען אויף זיך דעם גאַנצן עול פֿון דער באַלעבאַטישקייט. און געטראָגן האָט זי דעם דאָזיקן עול מיט אַזאַ לײַכטקייט, אַזוי נאַטירלעך און אַזוי געשיקט, אַז זי אַליין האָט עס גאָר־נישט געמערקט.

אַ וואַרעמע היימישקייט האָט זי מיט איטלעכער באַוועגונג אַרײַנגע־טראָגן אין דער פֿאַמיליע פֿערלשטיין, ביים טאַטן, ביי דער מאַמען און ביים זון. מישעלן דוכט זיך, אַז ער דראַפּעט זיך אויף אַ באַרג. נאָך אַ טראָט, נאָך אַ טראָט, און ער וועט זיך געפֿינען אויף זיין שפּיץ.

ביינאַכט האָט פֿאַלעטס געשטאַלט זיך צו אים דערנענטערט אַ שטראַלנדיקע, אַ פֿרייגדלעכע, אַ חברישע. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָ, אין דער פֿינצטערניש, זעט ער זי בעסער ווי ביי טאָג, אין וואַרשטאַט. דאָ צווינגט אים קיינער נישט אַרונטערצולאָזן די אויגן איטלעכער מאָל, ווען זי כאַפּט אַ קוק אויף אים, דאָ, אין דער שטילקייט, איז איר געלעכטער העלער, קלאָרער.

ליגט מישעל מיט אָפֿענע אויגן און קוקט זיך צו צו פֿאַלעטס גיין און שטיין. קיין איין באַוועגונג אירע גייט נישט פֿאַרלוירן פֿאַר זיין בליק. און ער קען זיך גאָרנישט אָפּוואונדערן פֿון דער גראַציעזער פֿיינקייט אירער, פֿון אירע פֿעדער־שוואַרצע האָר, פֿון אירע הימל־בלויע אויגן, פֿון אירע לענג־לעך־געשניטענע אויגן־לעכער און פֿון דער תמימות פֿון איר בליק. איז דאָס לעבן צו איר אַזוי גוט געוועזן, אַז זי גלויבט אַלעמען און האָט פֿאַר גאָרנישט קיין מורא?

מישעל מאַכט צו די אויגן. ער פּרוּווט איינשלאָפֿן. דער שלאָף אָבער קומט נישט. ער דרייט זיך פֿון איין זייט אויף דער צווייטער. ער באַמיט זיך צו טראַכטן פֿון דער מאַמען זיינער. ער ווייסט, אַז זי שלאָפֿט אויך נישט. ער האָט רחמנות אויף דער מאַמען. וואָלט ער זיך נישט געשעמט, וואָלט ער איצט אַרייַנגעגאַנגען אין דער מאַמעס שלאָפֿצימער און ער וואָלט זי געטרייסט: מאַמעשי, איך בין שוין געזונט! דו זעסט? פֿון זיך אַליין בין איך געזונט געוואָרן. אָן דאָקטוירים, אָן רפֿואות, דאַרפֿסטו מאַ־מעשי, אויך געזונט ווערן. זע, מאַמעשי; מיר האָבן ביידע מער נישט מורא. קום, מאַמעשי, מיר וועלן גיין אין קינאָ. אַלע מכשולים זיינען צו־גענומען געוואָרן פֿון די וועגן. מיר זיינען פֿריי.

און אָט באַווייזט זיך פֿאַלעט.

— מישעל, — זאָגט זי צו אים. און איר שטים איז אַזאַ זאַנפֿטע, אַזאַ שטילע, אַזאַ רואיקע.

— איך האָב מורא געהאַט — באַקלאָגט זיך מישעל פאַר איר — איך האָב אַזוי שטאַרק מורא געהאַט...

— פאַר וועמען האָסטו מורא געהאַט, מישעל, טייערער?

ער איז ווי פאַרוואונדערט. צום ערשטן מאָל זינט ער קען זי, האָט זי אים געדוצט.

איך ווייס נישט פאַר וועמען איך האָב מורא געהאַט. גוט וואָס דו ביסט געקומען, אַנישט וואָלט איך פאַר שרעק אפשר דערוואָרגן געוואָרן...

— באַרואיק זיך מישעל. דאַרפסט זיך פאַר קיינעם נישט שרעקן. איך בין מיט דיר, מיט דיר...

*   *
*

אויף צומאָרגנס איז מישעל געווען אַן אַנדער מענטש. ער האָט מער נישט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, ווען פּאָלעט האָט אים אָנגעקוקט, ער האָט זיך אויך נישט מער באַגנוגנט מיט אַ „יאָ" און מיט אַ „ניין", ווען מען האָט אים עפּעס וואָס געפרעגט, נאָר געענטפערט מיט אַ פולן מויל. אמת, די צונג האָט זיך נאָך ביי אים אַ ביסל געפּלאָנטערט און טיילמאָל איז ער געבליבן שטיין אין מיטן זאַץ, גלייך ווי עמעץ וואָלט אים געהאַט אַרויס־געכאַפּט די וויכטיקסטע רייד פון מויל. ער איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן געהיילט. ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט אַראָפּגערעדט פון האַרצן גאָר זיין שרעק.

אין אָוונט האָבן זיינע עלטערן געמוזט גיין באַזוכן אַן אַלטן קראַנקן חבר זייערן. פּאָלעט האָט שנעל אַראָפּגענומען די מאַנטלען פון דעם לאַנגן שניידער־טיש, אויסגעשפּרייט אַ ווייסן טישטוך און זיי האָבן שוויגנדי־קערהייט זיך אַוועקגעזעצט עסן. קיין איין וואָרט האָבן זיי בעתן עסן נישט אויסגערעדט, נישט ער, נישט זי. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ביידע געקליבן כוח פאַר עפּעס זייער אַ וויכטיקער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וואָס זיי האָבן זיך געהאַט פאַרגענומען.

נאָכן עסן האָט מישעל פּלוצעם אָנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע. מיט אַ רואיקן מאָנאָטאָנעם קול האָט ער גערעדט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער לייענט אַ פרעמדע געשיכטע.

דעם אמת געזאָגט, איז די דאָזיקע געשיכטע טאַקע נישט געווען בלויז זיין אייגענע געשיכטע. ער האָט גערעדט פון דער מלחמה, פון די דייטשן, פון די וועגן און שאָסייען אין פראַנקרייך, וואָס זיינען געווען אָנ־

געפּיקעוועט מיט פּליטים, פון דעם טויט וואָס האָט געלויערט פון אַלע זייטן, און פון דעם פּחד פאַרן טויט. דער פּחד האָט יעדע רגע אָנגענומען אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אַנדער פּנים, און אין אים, אין מישעלן, איז ער פאַרקראָכן טיף אין לייב אַריין, זיך אויסגעמישט מיט זיין בלוט. גלייך נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער צוגעמאַכט זיינע אויגן און א שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

ס'האָט געגומען שאַריען אויף אַ נייעם טאָג, אַ זומערדיקן, אַ העלן.

טריט אויפן שניי

סילוויע האָט ליב געהאַט שניי, שניי־שטורעם, קעלט און פראָסט. זומערצייט האָט זי זיך אין ערגעץ נישט געקענט געפינען קיין אָרט. די היץ פלעגט זי מאַכן שלעפעריק און אָנגיסן אַ מין בלייערנע פוילקייט אין אירע גלידער.

דערפאַר אָבער ווינטער — לעב, ווען אַלע וועגן און שטעגן זיינען באַדעקט מיט שניי און דער פראָסט ברענט, סמאַליעט, ווען מען קען זיך גלישן, לויפן אויף סקי און זיך שליטלען — דעמלט פלעגט סילוויע זיך אויפכאַפן פון איר זומער־שלאָף און אויסגלייכן די גלידער.

זי פלעגט אָרגאַניזירן פאַר אַ גרופע סטודענטן, וואָס זיינען פונקט ווי זי געווען פאַרברענטע אָנהענגער פון שניי און פון פראָסט, עקסקורסיעס אין די אַלפן־בערג.

אייפן שפיץ באַרג פראַריאָן פונקט אַנטקעגן דעם מאָנבלאַן איז פאַראַן אַ האָטעל, וואָס אין אים קלייבן זיך צונויף אין די ווינטער־פעריען סטודענטן און סתם יונגטלעכע. ס'האָט זיך שוין תמיד געמאַכט אַזוי, אַז אין דעם דאָזיקן האָטעל האָבן געוווינט בלויז יונגטלעכע. מחמת דעם טאַקע איז אין דעם האָטעל כסדר געווען פריילעך און לעבעדיק.

דאָרט טאַקע האָט סילוויע זיך באַקאַנט מיטן באַרג־קלעטערער קלאָד.

קלאָד איז געווען אַ באַרג־קלעטערער. אָבער כאָטש דאָס קלעטערן אויף די בערג איז געווען אַזאַ פאַך ביי אים, האָט ער עס נישט באַטראַכט בלויז ווי אַ מלאכה, נאָר ווי קונסט, וואָס פאָדערט סיי אינספּיראַציע סיי אַ גוטע טעכניק. ער האָט ליב געהאַט די בערג סכנות־נפשות, מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן.

דאָס גופא איז פאַר סילוויע שוין געווען גענוג, זי זאָל זיך אין אים פאַרליבן, בפרט נאָך, אַז קלאָד איז נישט געווען ווי אַלע אַנדערע באַרג־קלעטערער, וואָס וויסן נאָר צו שווייגן. אמת, קלאָד האָט אויך געקענט דעם סוד פון שווייגן, אָבער זיין שווייגן איז געווען נישט אַזאַ ווי ביי אַנ־

דערע באַרג־קלעטערער. דאָס איז געווען אַ מין באַרײדעוודיק שווייגן אין קעגנזאַץ צו דער שטומער און פאַרעקשנטער שווייגעניש פון זײַנע פאַר־חברים.

קלאַד לעבט נישט מער. בײַנאַכט חלומט זיך איר: אַ באַרג, אויפן שפּיץ באַרג שטייט קלאַד ווי אַ ספינקס אַרומגערינגלט פון הימל און פון שניי... אַ פּרעגצייכן. וואָס פאַר אַ באַדייט האָט דער מענטש אין אָט דעם ווײַסן אַרום? ווער ווייסט? זי, סילוויע, ווייסט נאָר, אַז זי האָט קלאָדן ליב. זי ווייסט נישט פאַרוואָס? זי ווייסט נישט ווי אַזוי. זי האָט אים ליב, הגם ער איז געווען אַזוי פאַרשידן פון איר, און אפשר דווקא דערפאַר האָט זי אים ליב געהאַט, ווײַל ער איז געווען אַנדערש ווי זי, אַזוי לחלוטין אַנ־דערש, אַז זי האָט אים כמעט נישט געקענט פאַרשטיין.

סילוויע פאַרטיפט זיך פונדאָסניי אין דער שטילקייט, אין דער טאָפּל־מער שטילקייט, וואָרעם עס איז נאַכט און קלאַד געפינט זיך ערגעץ ווײַט, ווײַט, אָפּגעטיילט פון איר מיט אַ טיפן אָפּגרונט אָדער מיט אַ באַרג אַ הויכן, כאָטש איר דאַכט זיך, אַז זי פילט זײַן אָטעם און די שווייגעניש זײַנע לאָזט זיך אַראָפּ צו איר פון דעם הויכן באַרג און שושקעט זיך מיט איר. דאָס אַלץ איז אַזוי נישט ווירקלעך, אַזוי נישט ממשותדיק, ווי אַ מעשהלע, וואָס קלאַד האָט אויסגעטראַכט. סילוויע באַמיט זיך ווײַטער צו שפּינען דעם פאָדעם פון קלאָדס נישטפאַרענדיקט מעשהלע; דער פאָ־דעם רײַסט זיך איבער אַלע רגע. ס'איז אַ שוואַכער פאָדעם און ס'איז זייער שווער אים צו שפּינען, אפשר האָט עס אויך נישט קיין זינען אים ווײַטער צו שפּינען, וואָרעם דאָס מעשהלע גופא איז דאָך אויך נישט מער ווי אַ חלום אין אַ חלום.

און דאָך ערגעץ־ווו אין די בערג, פאַראיאַרן, האָט איר חלום גע־דויערט עטלעכע חדשים. דער שאָטן פון דעם חלום גייט איר נאָך אויף שריט און טריט, אָדער... זי גייט אים נאָך.

וואָס מער זי טראַכט פון קלאָדן, אַלץ מער פאַרזינקט זי אין זיך גופא, זי דערקייקלט זיך אַזש ביז צו איר קינדהייט, כאָטש דעמלט, ווען זי איז אַ קינד געווען, האָט זי פון קלאָדס עקזיסטענץ נאָך נישט געוווסט.

מאָדנע, ווי איר אייגענע קינדהייט און דער דערוואַקסענער קלאַד באַגעגענען זיך אין חלום, ווי זיי גיבן זיך די הענט, ווי דער טויט וואָלט באַרנישט עקזיסטירט אויף דער וועלט. די קינדהייט אירע איז עפּעס אַזוינס, וואָס הערט גאָר קיין מאָל נישט אויף, אייביק ציט זי זיך...

פאַראיאַרן איז דאָס געשען: קלאַד.

אין דער דאָזיקער געשעעניש באַמיט זיך סילוויע איינצושטעלן אַ „פריער“ און אַ „שפּעטער“; זאָל איר באַגעגעניש מיט קלאָדן זיך נישט אויסמישן מיט זיין טויט! זי באַמיט זיך צו צוימען אירע געדאַנקען, כדי איינער דעם צווייטן זאָל נישט פאַרלויפן דעם וועג און כדי קלאָדס געשטאַלט זאָל זיך אויסשיילן ווי געהעריק...

פון דעם ערשטן אויגנבליק, ווי זי האָט אים דערזען, האָט זיין הויכע געשטאַלט זי פאַרכישופט. דער דאָזיקער הויכער מוסקולירטער בחור מיט די ברייטע פּלייצעס איז איר פאָרגעקומען, ווי ער וואָלט געווען די פאַרקערפּערונג פון מענלעכקייט. און אַלע זיינע באַוועגונגען און זשעסטן האָט געשטעקט זייער פיל קינדישקייט, זייער פיל הילפלאָזיקייט. זיין גוף איז געווען צו גרויס, צו שטאַרק פאַר אים, ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געגאַנגען אָנגעטאָן אין קליידער, וואָס זיינען נישט געמאַכט געוואָרן אויף זיין מאָס. פון איטלעכן וואָרט, וואָס ער פלעגט אַרויסברענגען אויף זיינע ליפּן, פלעגט ער רויט ווערן, אַרונטערלאָזן די אויגן אַ פאַרשעמטער און אַנטשוויגן ווערן.

קען זיין, אַז דאָס איז געשען צוליב איר, צוליב איר אויסטערלישער שיינקייט. סילוויע ווייסט, אַז זי איז אַ שיינע ביז גאָר. מען האָט עס איר אַזוי פיל מאָל געזאָגט, אַז אַלע גלידער אירע האָבן דעם דאָזיקן סוד געוווסט; אַפילו זאַכן זייטיקע זיינען דערפון געוווּר געוואָרן: נישטאָ קיין שפּיגל, אין וועלכן זי האָט נישט ווען אַריינגעקוקט, נישטאָ קיין טייכל, וואָס זאָל נישט האָבן אָפּגעשפּיגלט איר בילד.

אָבער הווקא ווייל זי האָט געוווסט, האָט איר שיינקייט זי נישט געקענט מער איבעראַשן. ליבער וואָלט שוין געווען, ווען זי וואָלט זי אַנטדעקט יעדע רגע פון דאָסניי, דעמלט וואָלט די פרייד געווען אַ יונגע, אַ נייע.

אָבער אייגנטלעך אינטערעסירט איר איצטער בלויז קלאָדס געשטאַלט, די טעג און נעכט, וואָס זי האָט מיט אים פאַרבראַכט.

געקומען איז סילוויע אין דעם דאָזיקן האָטעל מיט אַ געהיימער שפּאַנונג: אַזאַ בלויער און טיפער הימל! אַזאַ ים מיט שניי, וו קיין איין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן! און קלאָד, וואָס האָט אין איין קלעטערן אין דעם דאָזיקן ווייסן שניי, אין איין קלעטערן צו דעם דאָזיקן בלויען הימל.

סילוויע ווייסט, אַז אַנדערשווו, אין פּאַריז אַ שטייגער, וואָלט קלאָד, נישט געקוקט אויף זיין מענלעכן אויסזען, קיין מאָל נישט געהאַט צוגע־צויגן איר אויפמערקזאַמקייט. זי וואָלט אים אפשר גאָרנישט באַמערקט און אויב אַפילו יאָ, וואָלט זי אפשר אים גאָר אויסגעלאַכט דערפאַר, וואָס ער איז אַזאַ גרויסער, אַזאַ שטאַרקער, און דערנאָך וואָלט זי ווייטער גע־גאַנגען איר וועג, גלייך ווי זי וואָלט אים קיין מאָל נישט געהאַט באַגעגנט. דאָ אָבער, אין די בערג... ניין, דאָ האָט זי זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט, אָבער אָן הוזק. איר געלעכטער איז געווען, ווי אַ מין אַרויספאָדערונג צו דעם קאַמף, וואָס פירט זיך פון אייביק אָן צווישן מאַן און פרוי, אַ קאַמף, וואָס איז דער אָנהייב און דער סוף פון יעדער עכטער, פון יעדער גרויסער ליבע, אַ פאַרמעסט צו זיגן און באַזיגט צו ווערן צו גלייכער צייט.

סילוויע האָט געזיגט. סילוויע איז באַזיגט געוואָרן דורך דעם דאָ־זיקן באַרג־קלעטערער.

באַגינען פלעגט ער זי אָננעמען ביי דער האַנט און פירן אין די בערג אַריין. צוליב דעם מוז מען זיך פאַרלאָזן, אויב מען וויל נישט פאַרזאַמען דעם אויפגאַנג פון דער זון, וואָס קומט אָן פון יענער זייט באַרג. אויפן שפּיץ באַרג דאַרף פאָרקומען די באַגעגעניש מיט דער זון. אָבער ביז וואָס און ווען שטייט שוין די זון הויך אין הימל. פלעגט מאַקע יעדן באַגינען די אַנטוישונג זיין אַ גרויסע. אָבער דאָס האָט כלל נישט געשטערט זיך צו פרייען איבער דעם וועטגעיעג מיט דער זון. יעדן באַגינען איז סילוויע געווען אַנטוישט, יעדן באַגינען איז די פרייד אירע געווען אַ גרויסע.

דערנאָך פלעגן זיי ביידע זיך פאַרקלייבן אין דעם באַראַק אויפן שפּיץ באַרג אָדער פלעגן גלייך נעמען קלעטערן צוריק באַרג־אַראָפּ, כדי צו דעריאָגן באַצייטנס דעם זונאונטערגאַנג. און סילוויע פלעגט ווידער זיין אַנטוישט, וואָס די זון איז אינצווישן אונטערגעגאַנגען, אָבער זי פלעגט זיך ווידער פרייען מיט דער ווייטער נאַכט.

וואָס פלעגן זיי רעדן, קלאָד און זי, אין די בערג? זי קען איצט בשום אופן נישט יענע רייד צוריקכאַפּן; אַפילו אין די עכאָס זייערע קען זי זיך איצט נישט דערמאָנען. אייניצלנע אָפּגעריסענע ווערטער. זי וואָלט זיי מאַקע געדאַרפט צונויפקלייבן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין. דערויף איז זי, סילוויע, דאָך געבליבן, כדי זי זאָל קענען טראַכטן פון קלאָדן, זי זאָל טראַכטן פון די נעכט, פון דעם שניי און פון דער ליבע.

ווען זי פּרוּוון איצט אַרויסגיין אין דער נאַכט. סיי ווי קען זי דאָך נישט איינשלאָפן. זי וועט זיך דערקלייבן צו יענעם באַרג, וווּ ער איז פאַראיאָרן אומגעקומען. אַ שניי־לאַווינע האָט אים פאַרשאָטן. צוויי וואָכן האָט געדויערט ביז מען האָט זיין קערפּער געפונען. צוויי וואָכן לאַנג האָט סילוויע געוואַרט אויף קלאָדס קערפּער און ווען מען האָט זיין קערפּער געבראַכט אין האָטעל, האָט זי נישט געוויינט, ווייל איר האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט געפונען נישט דעם ריכטיקן קערפּער, כאָטש דער טויטער קלאָד איז דאָך געווען אַזוי שטאַרק ענלעך צו דעם לעבעדיקן, צו איר גע־ליבטן קלאָד.

ווען זי אַרויסגיין אין דער נאַכט, סילוויע, אין שניי, אין טיפן שניי, און וועט זיך באַמיען אויפצווזוכן זיינע טריט, הגם דאָס איז אַן אומזין, וואָרעם קלאָדס שפּורן זיינען שוין לאַנג פאַרשאָטן געוואָרן.

וואָלט זי קלאָדן נישט געפאָלגט, וואָלט זי מיט אים אין איינעם אומ־געקומען. זי האָט זיך פון אים געלאָזט איבעררעדן. „אַ שניי־שטורעם וועט געווים אויסברעכן, איך ווייס, איך האָב שוין מיינע סימנים. היינט וועסטו מיט מיר נישט מיטגיין. דיר זאָג איך עס. ס'איז אַ סכנה היינט צו קלעטערן אויפן באַרג. ס'איז אַפילו פאַר מיר אויך אַ סכנה. היינט וועסטו מיט מיר נישט מיטגיין, סילוויע, טייערע מיינע".

* *
*

ווען זי איצט אַרויסגיין אין דער נאַכט, אין טיפן שניי, זי האָט נישט וואָס מורא צו האָבן.

אָבער איר טויט וועט דאָך אים, קלאָדן גאָרנישט געבן. ווען זי וועט זיין טויט, וועט דאָך שוין דעמלט מער גאָרנישט זיין אויף דער וועלט... וואָרעם זי איז אַלץ: זי איז דער שניי, זי איז דער זונאויפגאַנג און דער זונאונטערגאַנג. פאַר איר איז גאָרנישט נישט געווען און נאָך איר וועט גאָרנישט נישט זיין, נישט קלאָד, נישט סילוויע, נישט דאָס לעבן און אַפילו נישט דער טויט.

איז אפשר זאָל זי זיך נאָך באַקלערן כל זמן עס איז נאָך צייט...

* *
*

אָבער סילוויע האָט געקלערט נאָר וועגן קלאָדן, אַלע אַנדערע געדאַנ־קען האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך.

און זי איז אַרויס אין דער נאַכט, אַרויס אין דעם טיפן שניי. מיט זיכערע טריט אַוועק צום באַרג, צו קלאָדס באַרג און געקלעטערט אויף אים אַלץ העכער און העכער.

אַ „קאָזע“

אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין פּוילן, האָט אַמאָל געוווינט אַ ייד מיטן צונאָמען יאָסל שלעגער, מיט אַ ווייב און פינף קינדער. די הילצערנע כאַלופּע מיטן שטרויענעם דאַך האָט ביים טייך, פון איין זייט, און דער שאָסיי — פון דער צווייטער זייט.

דאָס דאָרף איז געלעגן איינגעהילט אין סעדער אין די זומער־צייטן, און פאַרשאָטן מיט שניי אין די ווינטערן, די לאַנגע.

צווישן די הונדערטער פויערישע פאַמיליעס האָבן געוווינט און געלעבט פינף יידישע פאַמיליעס מיט זייערע קינדער.

חיים בער, דער באַרימטער „קאָוואַל“, יענקל טשאַמבלאַק, דער שוסטער פון דער גאַנצער „פּאַראַפּיע“, מרדכי פּופּיק, דער תבואה־הענדלער, פייוול דער פערד־סוחר, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט פאַרהאַנדלען אויך אַ גנביש פערד און יאָסעלע־שלעגער, וואָס האָט געהאַט אַ סך מלאכות: אַ שדכן, אַ מעקלער, אַ שניידער און דערצו נאָך צוגעהאַנדלט מיט אַלעם, וואָס האָט זיך געלאָזט. דער דלות האָט זיך מיט אים זייער געחברט. געקענט האָט מען אים פאַר אַ בייזן, געשלאָגן האָט ער זיך מיט אַלעמען און אַמערסטנס מיטן... ווייב.

ער פלעגט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָבן פּראָצעסן, געקאָנט אַלע געזעצן און פלעגט איבערשפּאַרן די ריכטער. מען דערציילט, אַז עס זענען שטאָטישע מענטשן געקומען אין געריכט אַריין צו פאַרווײַלן זיך ביי יאָסעלע שלעגערס „ספּראַווע“. ער פלעגט שטענדיק געווינען, און קיין גראָשן נישט געהאַט דערפון, אָבער ביי דער לעצטער „ספּראַווע“, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּאַטש דעם עלטערן זשאַנדאַרם, האָט אים דאָס געריכט פאַרמשפּט אויף פופצן טעג תפיסה.

נאָך אַפּעלאַציעס און קאַסאַציעס, האָט ער געפּועלט, אַז ער זאָל קאָנען אָפּקומען די שטראָף אין דער תפיסה פון דער גמינע, דאָס הייסט, אין דער „קאָזע“. און אַזוי ווי ער האָט גוט געקענט דעם „וווּיט“, האָט

ער געפּועלט, אַז דאָס ווייב זאָל גיין אָפּזיצן פאַר אים. די לעצטע מינוט איז ער צוריקגעלאָפן מיט אַ געוואַלד: וואָס הייסט אַ ווייב וועט גיין אין תּפיסה? ווער וועט געבן די קליינע שוואַלבן אַ ביסל עסן, האַ?

„אָבער אין תּפיסה מוז מען דאָך איינזעצן" — האָט געטענהט דער „וויט". איז דאָך יאָסעלע שלעגער אַ קלוגער, שלאָגט ער פאַר צוויי קינדער פאַר איין מענטש, דאַכט זיך אָרנטלעך, האַ?...

גערעדט און געטאָן. מען האָט פאַרפּאַקט אין אַ גאָז־טיכל אַ ביסל זאַכן און אַוועקגעשיקט מיט אַ גרויסן קוויטש און פּופּצן מיט תּפיסה זייע־ וועלען, אַ ייִנגל שוין אין ניינטן יאָר, און אסתרקען, די שרייערקע, פון פינף יאָר. די מאַמע האָט פאַר חרפּה געוויינט און באַגלייט די קינדער, אָנ־ זאָגנדיק זיי זאָלן חס־וחלילה נישט עסן קיין טריפה.

די תּפיסה, ווי מען האָט גערופן די „קאָזע", איז געווען אין אַ גרוי־ סער געביידע צוזאַמען מיט דער קאַנצעלאַריע פון פּאַרנס, דער הויפּט־ שול פאַר ייִנגלעך, פון איין זייט, און פאַר מיידלעך, פון דער צווייטער זייט. די „קאָזע" איז געווען פון הינטן. די געביידע האָט זיך געפונען אין דעם הויפּט־דאָרף פון דער גמינע ביעלאַקי, דריי קילאָמעטער דורך וואַלד און פינף מיטן שאָסיי.

צו דער גמינע האָבן געהערט צען דערפער. פון דאָרטן פלעגט מען הערן די קירכן־גלאָקן בעת די זונטיקדיקע תּפילות. די גלאָקן פלעגן אויך קלינגען ביי אַ שׂרפה. אין יעדן פון די צען דערפער פלעגט בלויז ביים „סאָלטיס" זיין אַ קלענערער גלאָק. ווען ער האָט דערהערט קלינגען, פלעגט ער אויך קלינגען, צוזאַמענרופנדיק די פּויערים. דאָס איז געשען בלויז ביי אַזעלעכע פאַלן, ווי אַ גרויסע גנבה, אַ שׂרפה, אָדער אַ מלחמה.

דער גלאָק־קלינגער, דער אַלטער סטאַך, האָט שוין גוט געקענט זיין מלאכה און ביי יעדער געשעעניש פלעגט ער קלינגען אויף אַן אַנדער אופן. די פּויערים אַרום האָבן שוין גענוי דערקענט ווען עס איז אַ שׂרפה און ווען עס איז אַ גנבה.

טאַקע דער גלאָקן־קלינגער, דער אַלטער סטאַך, איז אויך געווען דער היטער פון דער „קאָזע". ער האָט דאָס געהאַט דעם גרויסן שליסל פון אייזערנעם טויער צום קליינעם הויפל, וווּ עס זענען געווען די צוויי קליינע פינצטערע קעמערלעך.

זיינוועלע מיט אסתרקען האָבן אים אָפּגעזוכט אין פעלד און דער־ לאַנגט אים דאָס פּאַפּירל. ער האָט זיך נישט געוווּנדערט, ווייל דער „וויט" האָט אים שוין אָנגעזאָגט. ער האָט געבראַכט אונטער די גרויסע וואָנצעס

נישט צופרידן געווען, וואָס ער וועט מוזן היטן צוויי מיילער אַנשטאָט איינס.

אין „קאָזע" אַריין זענען די קינדער געקומען ערשט פאַרנאַכט, ווען סטאַך האָט אַ היים געפירט אַ וואָגן היי.

עס איז די קינדער נישט היימלער געוואָרן, ווען סטאַך האָט פאַר־שלאָסן די אייזערנע פאָרטקע הינטער זיי און עפּעס אַ ברום געטון אָנ־ווייזנדיק אויף די קעמערלעך.

די קינדער האָבן זיך אָנגעקוקט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. אַ פויגל, וואָס איז אַרויס פון ערשטן קעמערל, האָט זיינוועלען ווי אויפגעוועקט פון שלאָף און ער האָט אויסגעשריען: „מיר וועלן נישט זיין אַליין". ער האָט געהאַט רעכט, ווייל די קינדער האָבן ביי זייער ערשטן באַזוך אין דער „קאָזע" אויסגעפונען פינף פויגל־נעסטן און צוויי מייז־נעסטן. זיי האָבן צוזאַמענגעשאַרט דאָס אַלטע צעריסענע שטרוי און זיך געלייגט שלאָפן.

מיטן טאָג צו גלייך האָבן זיי די פייגל אויפגעוועקט, און זיינוועלע האָט געגעבן צו דערקלערן אסתרקען יעדער מין פויגל, זיין אַרט שוויש־טשען, וואָס ער האָט זייער גוט באַכגעמאַכט, און גענומען איר דערציילן וונדער־מעשיות פון אַ וועלט מיט פייגל. זיינוועלע האָט גענוי געקאָנט די פייגל פון די אַרומיקע דערפער, סעדער און וועלדער, ער האָט געוווּסט ווען זיי קומען און ווען זיי פליען אַוועק אין די וואַרעמע לענדער. ער האָט גע־קענט די, וואָס בלייבן מיט זיי ווינטערן. זיינוועלע איז געווען אַ דאָרפיש יינגל, ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט אַלע געוויקסן און אַלע בעל־חיים פון דער געגענט. מעשיות האָט ער געקענט אָן אַ שיעור, דערפאַר האָבן אים די קינדער ליב געהאַט און פּלעגן אים פאָלגן. אסתרל האָט זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות און זיך געוווּנטשן זיי זאָלן געדויערן אַזוי לאַנג, ביז מען וועט עפענען די אייזערנע פאָרטקע.

דער אַלטער סטאַך, איידער ער איז געגאַנגען אין פעלד אַריין, האָט ער דורך די אייזערנע שטאַבעטן דערלאַנגט די קינדער אַ שטיק ראַזאָווע ברויט מיט אַ ווייס קעזל. ער האָט גוט געוווּסט, אַז עס זענען יידישע קינדער און מען קאָן זיי נישט געבן קיין טרפות. ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן דאָס נישט אויפעסן מיט אַמאָל, ווייל דאָס איז אַ פאָרציע אויפן גאַנצן טאָג.

זיינוועלע האָט ליב געהאַט צו פאַנטאַזירן. דאָס מאָל האָט ער אַזוי זיך פון אַ בוך אַרויסגערעדט צו אסתרקען: ווען ער וועט גרויס ווערן, וועט

ער שפּילן פֿאַר אַלע קינדער אַזעלכע אויסטערלישע קונצן, אַז אַלע וועלן אים ליב האָבן און אים געבן ברויט וויפֿל ער וועט נאָר וועלן, אַפּילו קוכן און קאַרמעלקעס. אסתּרקע האָט געקוואָלן און געפּאַטשט מיט די הענטלעך פֿאַר גרוים פֿרייד.

אַריינגייענדיק אין התלהבות, האָט זיינוועלע גענומען פֿאָרשטעלן פֿאַר זיין שוועסטערל צוגעטראַכטע שטיק און איז אַזוי אַריין אין זיין קאָמישער ראָל, אַז זי האָט שטאַרק געלאַכט, ביז דאָס געלעכטער האָט זיך דערקייקלט צו די קינדער, וואָס זענען געגאַנגען פֿון שול.

די קינדערישע נייגעריקייט האָט זיי שנעל צוגעצויגן צו דער „קאָזע“. זיי האָבן גענומען שרייען: „נאָר! נאָר!“, און זיינוועלע איז אַרוים מיט נייע אימפּראָוויזירטע שטיק, זינגענדיק און מאַכנדיק העוויות.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי די דאָרפֿישע קינדער פֿלעגן פֿאַרברענגען זייער גאַנצע פֿרייע צייט לעבן די שטאַכעטן פֿון דער „קאָזע“. זיינוול איז ביי זיי געוואָרן שטאַרק באַליבט, סיי מיט זיינע מעשׂיות פֿון די סעדער, וווּ ער פֿלעגט היטן, סיי פֿון די אַרומיקע וועלדער, וווּ די ביימער האָבן צו אים גערעדט און דערציילט זייערע סודות. אַפּילו די טייכן און די בלאָטיקע אָזיערעס האָבן פֿאַר אים אַנטדעקט די נעסטן פֿון די טייוואָלאָנים און לצים.

די קינדער פֿון דאָרף זענען ווי פֿאַרכישופֿט געוואָרן פֿון זיינע צויבער=מעשׂיות. ער פֿלעגט די זעלבע מעשׂה דערציילן אַלע מאָל אַנדערש, געשפּילט אויף אַ פֿויאַרקע, וואָס ער האָט אַליין אויסגעשניצט אין די לאַנגע שעהן היטער די „קאָזע“=ווענט.

סטאַך האָט פֿאַרגאַכט אָנגעטראָפֿן אַלע קינדער לעבן דער „קאָזע“. ער האָט גענומען ברומען און שרייען און אַליין פֿאַרגאַפֿט געוואָרן פֿון דעם געלעכטער, וואָס זיינוול האָט אַרויסגערופֿן ביי אַלעמען.

דער אַלטער סטאַך האָט אַ שמעק געטון טאַבאַק, אַרויסגענומען דעם גרויסן פֿאַרזשאַווערטן שליסל פֿון שטיוול און האָט אויפֿגעמאַכט דאָס טירל. זיינוועלע האָט פֿאָרגעזעצט זיין שפּילן נישט אַרויסגייענדיק פֿון הייפֿל. אסתּרקע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואַנט פֿון דער „קאָזע“ און צוגעקלאַפּט צום טאַקט זיינוועלעס חסידישע טענץ.

די קינדער האָבן זיך ביסלעכווייז אַריינגעגליטשט אינעווייניק און פֿאָרזיכטיק זיך דערנעענטערט צו זיינוועלען. זיינוול האָט געזונגען און געטאַנצט, אַראָפּגעצויגן זיין צעריסענעם כאַלאַטל און אָנגעטון עס אַ פּויערישן מיידל, זיין סאַמעט יידיש היטעלע אָנגעטון אַ צווייט פּויעריש מיידל

און זיין טלית־קטן מיט די לאַנגע ציצית אַ פּויעריש יינגל, אָנגעכאַפּט זיך ביי די הענט און געטאַנצט אין אַ ראָד. דאָס איז אַלעמען שטאַרק געפעלן געוואָרן.

ווען אַלע קינדער זענען זיך צעלאָפן, יעדערער צו זיך אַהיים שלאָפן, פלעגט נאָך לאַנג סטאַך שטיין ביי די אייזערנע שטאַכעטן, רעדן מיט זיינוועלען און אסתרקען. ער האָט זיי אַפילו אָנגעטרויט ווי אַזוי ער קלינגט אויף דעם גרויסן גלאָק, וועלכער איז געהאָנגען אויף יענער זייט „קאָזע“, בלויז דער שטריק איז געווען צוגעבונדן צו די „קאָזע“־שטאַכעטן.

זיינוועלע האָט אַזוי געוואָלט הערן די קלאַנגען פון דער נאָענט, אַז ביינאכט פלעגט ער חלומען, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ שרפה און דער אַלטער סטאַך קלינגט, קלינגט, קלינגט.

אויף שבת פלעגט די מאַמע שיקן מיט אַ יידיש יינגל פון דאָרף אַ טעפּל טשאָלנט, אַ ביסל זויערע יענגאַלקעס און אַ פלעשל שטשאווובאָרשטש. די מאַמע האָט אויך געשיקט פאַרבונדן אין אַ פאַטשיילע אַ פּאָר גראָשן, די קינדער זאָלן זיך עפּעס צוקויפן.

יענעם זונטיק האָט סטאַך געהאַלטן דעם טויער פאַרשלאָסן. ער האָט זיך געריכט אויף די זשאַנדאַרמען, וועלכע פלעגן דורכפאָרן יעדע צען טעג צו קאָנטראָלירן די גאַנצע פּאַראַפיע. דער נאָכמיטאָג איז געווען אַ היים־זוניקער און פון יענער זייט „קאָזע“, דאָרטן לעבן דער קירכע, איז פאָרגעקומען דער יערלעכער יום־טוב פון הייליקן „יוזעף“. עס זענען אַראָפּגעקומען פון שטאָט אַ סך קרעמער מיט זייערע אויסטערלישע שפּילצייג, און נאָך אַנדערע מיט קיכעלעך, צוקערלעך און אפילו סאָדע־וואַסער מיט רויטן סאָק.

דאָס אַלצדינג האָבן די קינדער, אסתרקע מיט זיינוועלען, געזען פון דער ווייטנס. דעם טאָג האָט זיינוועלע נישט געשפּילט, ער איז געווען שטאַרק אומעטיק און דער הונגער האָט אים צו פיל געמאָנט.

מיט אַמאָל האָט זיינוול דערזען סטאַכן אַ וואַקלענדיקן זיך, ווי אַ קאַטשקע, און שפּייענדיקן, ווי אַ קאַץ ניסט. ער האָט זיך איינגעשטעלט צו מאָנען ביי אים זייער פּאָרציע ברויט מיט צוואַרעך־קעז. דער אַלטער סטאַך האָט געלאַכט און גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין, ער איז געווען שיכור. זיינוול איז געפאַלן אויף אַ המצאה, צוגערופן דעם אַלטן סטאַך און געזאָגט: „זעסט, מיר האָבן געלט, קויף אונדז אויך אַ קיכל, דו ווילסט?“ סטאַך האָט דורך די שטאַכעטן גענומען די גראָשנס אין זיין פעסטער האַנט אַריין און ווידער גענומען לאַכן.

— איז וואָס, ווילט איר אַ קיכל? אפשר גאָר אַ הערינג מיט גע־בייטלט ברויט? — דער אַלטער האָט זיך אַזש פאַרהוסט פון לאַכן — אפשר גאָר אַ געגדזונעם פּופּיק מיט האַרטע אייער, אָדער גאָר אַ ווייערע אוגערקע מיט לעקער, צו פאַרבייסן מיט שאָקאָלאַד?

ער איז אַוועק, באַוויזן האָט ער זיך מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און עס האָט זיך געפילט פון אים דער בראָנפן. ער איז געשטאַנען האַרט ביי דעם „קאָזע"־טויער און גע־שאָלטן סתם אין דער וועלט אַריין. פּלוצלונג האָט זיינוועלע אַ רוף געטאָן: „היי, פּאַניע סטאַר!". דער אַלטער, מיט צעפּלאָשעטע אויגן און אויס־געשטשירעטע ציין, ווי ביי אַ הונט צום בייסן, האָט זיך צוגעהערט: „זעסט דאָרטן אין דער „קאָזע"־קאַמער האָבן מיר אין אַ נאָרע באַהאַלטן אַ ביסל געלט". דער שיכורער סטאַר האָט גענומען ברומען:

— גיב אַהער, איך דאַרף אויף אַ קאַפּעטשקע אָקאָוויט.

זיינוול איז אַריין אין „קאָזע"־קאַמער און איז נישט אַרויסגעקומען. דער אַלטער סטאַר האָט לאַנג געגראַבלט מיטן גרויסן שליסל, געעפנט די טיר און אַ שפּרונג געטאָן צו די קינדער. זיינוול האָט געפּרוווט פאַר־שטעלן די נאָרע, ווו עס געפינט זיך דער אוצר. דער אַלטער האָט מיט רציחה אַוועקגעריסן זיינוולען. די קינדער זענען אַרויסגעלאָפן פון דער „קאָזע".

זיי האָבן זיך געפונען אין דרויסן. זיינוול האָט פּלוצים דערזען דעם גרויסן שליסל אין דער טיר. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן, צוגעקלאַפּט דעם טויער, צוויי מאָל איבערגעדרייט דעם שליסל, גענומען אים צו זיך און איז אַוועק מיט אסתרקען.

די קינדער האָבן זיך געלאָזן צום טייכל, אַנצוטרינקען זיך. אסתרקע האָט דערווייל געפונען אַ ביסל שטשאַוו און גענומען גריזשען. זיינוול האָט געגעסן דעם שטשאַוו מיטביידע הענט.

די זון אַ רויטע, אַ צעגליטע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף יענער זייט בערעזעווע וואַלד.

די אָוונט־שטילקייט איבער די ווייטע לאַנקעס איז אויפגעריסן גע־וואָרן פון דעם גלאָקן־אַלאַרם. איבער אַלע וועגן און וועגעלעך זענען געלאָפן פּויערים, פּויערטעס, קינדער, צו דער „קאָזע". דער אַלטער סטאַר האָט אַלאַרמירט, אַז די געפאַנגענע זענען אַנטלאָפן. פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן, אַז עס זענען אַנטלאָפן קאַטאָרזשניקעס, גנבים, באַנ־דיטן...

דעם זעלבן אָוונט האָט מען געבראַכט אין קאַנצעלאַריע די צוויי קינדער, דערשראָקענע און בלאַסע. ס'איז געווען פאַרזאַמלט אַן המון פון פויערים, און אַלע ראַטמענער, אַלע סאָלטיסעס פון די אַרומיקע דערפער. דער שרייבער פון דער קאַנצעלאַריע האָט געהאַלטן אין איין שרייבן. דער „וויט" איז געזעסן אין דער מיטן און געטענהט אויף רעכטס און אויף לינקס. אַלע האָבן זיך געקאָכט.

אַ מחנה קינדער האָט זיך פאַרקליבן הינטער די פענצטער און גענומען שרייען:

— לאָמיר זיך שפּילן!

ווען זייגוואָל האָט דערזען די קינדער, זענען זיינע אויגן פול געוואָרן מיט פרייד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען טאַנצן, אונטערזינגענדיק אַ חסידישן ניגון.

דער אַלטער סטאַד האָט אים געוואָלט אָנכאַפּן, ווען דער שרייבער האָט אַ קלונג געטון מיטן גלעקל, אַז ס'זאָל שטיל ווערן. ער האָט פאַרגלייענט דעם אורטייל:

— אַזוי ווי אַ „קאָזע"-היטער טאָר נישט זיין שיכור און סטאַד האָט זיך אָנגעשיכורט, אַרויסגעטריבן די קינדער פון „קאָזע" און אויסגענאַרט זייערע פאָר גראָשן, ווערן די קינדער באַפרייט און סטאַד וועט אָפּזיצן די איבעריקע צייט אין „קאָזע".

דער אַלטער סטאַד האָט זיך לאַנג געקראַצט אין זיין טשופּרינע, ווייל ער האָט נישט געהאַט וועמען צו געבן דעם שליסל, וואָס האָט אים אַליין פאַרשלאָסן אין דער „קאָזע".

מיין טאַטנס קול

נעכטן איז יצחקס טאַטע געשטאָרבן, נעכטן אין אָוונט, פריייטיק־צו־נאַכטס. יצחק האָט נאָך זוכה געווען צו זען אים, קורץ פאַרן טויט, אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. געשטאָרבן איז ער אין ראָטשילדס מושב־זקנים.

אין אַ דערבייאיקן זאַל זיינען עטלעכע זקנים געזעסן ביי דער שבת־דיקער סעודה. זיי האָבן געזונגען זמירות: „יום זה מכובד מכל הימים כי בו שבת צור עולמים", „דער דאָזיקער טאָג איז בכבודיקער פון אַלע אַנדערע טעג, ווייל אין דעם האָט טאָג האָט דער באַשעפער פון אַלע וועלטן גערוט". דער טאַטע זיינער האָט געגוססט. איין רגע האָט זיך אים געדוכט, אַז זיין טאַטע זינגט, כאָרכלט אויס זיינע אַלטע פאַרמאַטערטע הייזעריקע זמירות.

גייענדיק איצט צום מושב־זקנים, פלאָנטערט זיך יצחקן אין קאָפּ דער זעלביקער זמר: „יום זה מכובד מכל הימים..." וואָס פאַר אַ טיפן טרויער זיין טאַטע פלעגט דאָס אַריינפלעכטן אין די ווערטער, וואָס דאַרפן גלאָריפיצירן דעם שבתדיקן טאָג!

אַ הערלעכער הארבסט־טאָג. דער הימל האָט זיך באַוויזן אין גאַר זיין בלויער פראַכט; קיין איין וואָלקנדל, טאַקע גאָר ווי לכבוד דעם דאָזיקן „יום מכובד"; נאָר יצחקן איז געווען אַזוי טרויעריק, אַז ער האָט געמוזט זיך שטאַרק אָנשטרענגען, כדי זיך נישט צו צעכליפּען אויף דער גאַס, ווי אַ קליין קינד. זיין טאַטע איז געשטאָרבן אַ באַיאָרגטער, אַ באַלאָדענער מיט צרות און פּיין, אין אַ מושב־זקנים, אין דער פרעמד, כמעט אַ פאַרגעסענער פון זיינע אייגענע קינדער, פון יצחקן גופא. האַלב פאַראַליזירט איז ער געווען די לעצטע יאָרן. ס'איז קיין אַנדער עצה נישט געווען ווי אים אָפּצוגעבן אַהין. דאָרט האָט ער דאָך ווי נישט ווי געהאַט זיין עסן צו דער צייט, זיין בעט, זיין רו.

פינף מענטשן זיינען געקומען אַ קוק טאָן אויפֿן טויטן טאַטן, איידער מען וועט אים אַריינלייגן אין דעם ארון.

יצחק קוקט אָן זיין שוועסטער פֿון דער זייט, גלייך ער וואָלט זיך געשעמט איר צו קוקן גלייך אין פּנים אַריין. ער שעמט זיך פֿאַרן טויטן טאַטן. דעם טאַטנס באַוווסטזיין איז טאַקע אויסגעלאָשן, אָבער די טויזנט קנייטשן אויף זיין איינגעשרומפּענעם פּנים זאָגן עדות אויף אַ לעבן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון לויטער קאַנוווּלסיעס. טאַטע און קינדער האָבן זיך קיינמאָל נישט פֿאַרשטאַנען. ס'איז קיין מאָל נישט געקומען צו אַן אויסמענהן זיך.

יצחק האָט נישט געדאַרפֿט לאָזן די שנאה זיך באַזעצן אין זיין האַרצן; ער האָט געזאָלט פֿאַרשטיין, אַז נישט ער — זיין פֿאַריאָגטער, געפּלאָגטער טאַטע — שרייט, נאָר די צרות שרייען אַרויס פֿון אים; ער האָט געזאָלט פֿאַרשטיין, אַז די קללות וואָס זיין טאַטע פֿאַרטיילט מיט אַ פֿול מויל זיין ווייב און זיינע קינדער, זיינען אין דער אמתן געצילט אין אים גופא. איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן. דאָס אַלץ איז שוין פֿאַרגאַנגענהייט. אויך זיין אָרעמער טאַטע איז — פֿאַרגאַנגענהייט. זיין שוועסטער רייזל מיט איר גאַנצער פֿאַמיליע, וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן און ס'איז פֿון זיי קיין זכר נישט געבליבן — געהערן אויך צו דער זעלביקער פֿאַרגאַנגענהייט; טאָ זאָל זשע די שנאה, וואָס טליעט אין זיין האַרצן, אויך פֿאַרשווינדן, עס זאָל פֿון איר קיין בלאַסע שפּור אַפֿילו נישט איבערבלייבן!

דאָס האָט באַדייט יצחקס פֿאַרשעמטער בליק אויף זיין שוועסטער גיטלען. אַ מין בקשה איז דאָס געווען, זי זאָל, פּונקט ווי ער, אָפּווישן דעם האַס צום טאַטן, צו דער טרויעריקער פֿאַרגאַנגענהייט; סיי ווי וועט דאָך פֿון אים באַלד ווערן שטויב און אַש, סיי ווי... יאָ: שטויב און אַש ווערן אַלע טאַטעס, סיי אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע ווייבער און זייערע קינדער ליב געהאַט און האָבן זיי קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, סיי אַזעלכע, וואָס האָבן געטריבן, געיאָגט פֿון זיך און האָבן דאָס לעבן פֿון זייערע אייגענע געמאַכט פֿאַר אַ גיהנום.

— אַזוי האָט ער געלעבט — זאָגט יצחק — און אַזוי איז ער געשטאָרבן!

מער צו זיך אַליין האָט דאָס יצחק געזאָגט ווי צו זיין שוועסטער, און ער האָט זיך פֿאַרטראַכט איבער דעם וואָרט „אַזוי“.

— ווי — „אַזוי“?

ווידער איז זיין טאַטנס קול אויפגעקומען אין זיין זכרון; די פאַר־גאַנגענהייט איז אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך לעבן מוטן טאַטן.

דעם טאַטנס קול: „יום זה מכובד מכל הימים...“

דעם טאַטנס קול:

— דו, בערל, קום נאָר אַהער! ברענג מיר... דערלאַנג מיר... אַזאַ יאָר אויף דיר ווי דו האָסט היינט געאַרבעט...

דאָס איז נאָך געווען דעמלט, ווען ער איז געווען אַ ייד אַ פאַבריקאַנט. משטיינס געזאָגט, אַ פאַבריקאַנט אויף דער סמאָטשע־גאַס, מיט דריטהאַלבן אַרבעטער און מיט צוויי צעבראָכענע מאַשינען.

ווען ביילים איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער נישט שטאַרק געזידלט זיינע אַרבעטער, וואָס האָבן לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש זיך געמאַכט אַ שטיקל יום־טוב. ער האָט בלויז געבורטשעט:

— ביילים איז פריי? זייער שיין, זייער פיין, אָבער ער וועט געוויס נישט קומען מיר העלפן אויספאַרטיקן די באַשטעלונג, וואָס איך האָב.

נאָך אַנדערש האָט זיין קול געקלונגען ביים אויסברוך פון דער ער־שטער וועלט־מלחמה.

— וויי געשריען! וואָס וועט איצטער זיין? וואָס וועט פון אונדז ווערן? אַ מלחמה האָט זיך זיי פאַרוואָלט, און ליידן ווילן מיר... מען וועט שיסן, מען וועט אויסהרגענען אַ וועלט... זאָלן יידן זאָגן תהילים... אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים...

נאָך פאַרצווייפלטער איז זיין קול געווען, ווען ער האָט האַסטיק פאַר־פאַקט זיין בינטל אָרעמקייט:

— יצחק, גיטקע, רייזקע, שלום... וואָס פלאָנטערט איר זיך מיר אונטער די פיס? ווער האָט אייך געבעטן צו אַלדי שוואַרצע יאָר רירן דאָס פעקל פון אָרט? ווער?

דעם אַ זעץ אין די זייטן, דעם אַ פּאַטש, דעם דריטן אַ בריק, פונקען האָבן אַזש געשפריצט, און אַלעמען צוזאַמען:

— פאַרברענט זאָלט איר ווערן אויף אַן אָרט! די ערשטע קויל זאָל אייך טרעפן!

די גאַנצע משפחה האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דאָרף, צום זיידן, אין אַ הילצערנער כאַלופּע, וואָס האָט געהאַלטן אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן. דעם טאַטנס קללות האָבן זיך געשאָטן פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער

נאכט אריין. די מאמע האט געהאלטן אין איין וויינען, נישט אזוי צוליב דעם טאטנס קללות, וואס האבן זיך געשאטן אויף איר קאפ, ווי צוליב די מוראדיקע קלעפ, וואס די קינדער פלעגן ארייננכאפן ביי יעדער געלעגנ-הייט, סתם אזוי, אן קיין שום גרונט.

דארט, ביי דעם זיידן וועלוול און ביי דער באבען ברײנע, האט יצחק — ער דערמאנט זיך עס גלייך דאס וואלט ערשט נעכטן געשען — אנגעהויבן דעם טאטן פיינט צו האבן. דער טאטע האט אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי א מין פורעניות, אן אנשיקעניש פון גאט.

דער טאטע האט זיין שעלטן אפילו אין דעם הייליקן טאג שבת נישט אפגעשטעלט. „יום זה...": א פאטש, א זעץ, א בריק; „...מכובד מכל הימים":

— קענסט נישט איינזיצן אויף אן ארט, קענסט נישט, וואס? נא דיר פארן דרייען זיך...

אדער:

— מכשפה איינע, אויסגעריסן זאלסטו ווערן;

דאס מאל האט דער טאטע זיך נישט באגנוגנט מיטן שילטן זיין ווייב; ער האט זי געשלאגן מיט נישט ווייניקער רציחה, ווי שכורע פויע-רים שלאגן זייערע ווייבער. יצחקס מאמע איז אבער נישט געווען אזוי שטארק ווי א פויערטע און איז געפאלן אין חלשות; מען האט זי קוים אפגעמינטערט.

— אוי מיינע צרות, ווי איידל זי איז געווארן... אין חלשות פאלט זי... נישט געדאכט זאל זי ווערן!

די שנאה צום טאטן האט זיך פונאנדערגעפלאקערט אין יצחקס הארצן. אבער נאך מער ווי דעם טאטנס פויסטן האט ער פיינט באקומען דעם טאטנס קול. ער האט געטרייסט זיין מאמען:

— וויין נישט, וויין נישט, מאמעשי. דו וועסט זען, מאמעשי, דער טאטע וועט באלד שטום ווערן... איך ווייס א מיטל ווי דעם טאטן שטום צו מאכן...

— חלילה, חלילה, מיין קינדן, מען טאר אזוינס נישט זאגן אויף א טאטן, מען טאר נישט. כבוד אב...

— אויף אזא טאטן אויך נישט?

— ניין, מיין קינד, אויף קיין טאטן טאר מען קיין שלעכטס נישט רעדן.

— דער טאַטע האָט דאָך דיך געשלאָגן.
— מעי מאָר נישט ריידן קיין שלעכטס אויף אַ טאַטן.
— אויף אַ שלעכטן טאַטן אויך נישט, מאַמעשי?
— ער איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, מיין קינד, ווי די צרות אונדזערע זיינען שלעכט.
— זיינען דען פאַראַן גוטע צרות אויך?
— נאַרעלע וואָס דו ביסט... עס זיינען נישטאָ קיין גוטע צרות, נאָר....
— נאָר וואָס?
— צרות צו צרות זיינען נישט גלייך.

נאָך יענעם שמועס מיט דער מאַמען איז אין זיין שנאה צום טאַטן פאָרגעקומען אַן ענדערונג. נישט אַזוי דעם טאַטן האָט ער פיינט געהאַט, ווי זיינע צרות, זיין פאַרביטערונג.

מיט דער צייט האָט זיך דעם טאַטנס רוגזא ווי געשפּאָלטן: קעגן דער דרויסנדיקער וועלט און קעגן זיך גופא.

אין איינעם אַ טאָג איז צוגעקומען אין שטוב נאָך אַן עסער; די מאַמע האָט „אויסגעקינדלט" אַ נייעם בן־זכר. ישראל־שבתי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן. דער טאַטע איז געווען אויסער זיך פאַר כעס. ער האָט שיר שיר נישט איבערגעקערט די קויקע מיטן אָקערשט געבוירענעם בפּשל. ער האָט געשריען, אַז ער וועט אַרויסוואַרפן דאָס ווייב מיט איר „ממזר" פאַר די קעץ.

אַכט טעג שפּעטער, ביים ברית מילה, האָט אַ מנין יידן געמוזט פאַרקריכן הינטער די בעטן, ווייל די דייטשן זיינען דעם טאָג געגאַנגען פון שטוב צו שטוב כאַפּן מענטשן צו דער אַרבעט.

דער טאַטע האָט געקרעכצט און געשאָלטן דעם טאָג ווען ער איז געבוירן געוואָרן. ער האָט אויסגעלאָזט זיין כעס אויף זיך אַליין, אויף זיין גורל.

יצחק דערמאָנט זיך אַפילו, ווי דער טאַטע האָט געוויינט. דאָס איז געווען, ווען ער האָט זיין גאַנצע פאַמיליע אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, ווייל אַלע חוץ אים אַליין, זיינען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס.

געבעכדיק איז געווען דעם טאַטנס קול, בעת ער פלעגט פירן ביינאַכט אַ קעלבל צום שוחט. ער פלעגט זיך דעמלט אויסטענהן מיט זיין קעלבל ווי מיט אַ לעבעדיקן מענטשן:

— זעסט? — פּלעגט ער צו דעם זאָגן — בײנאַכט מוז איך דיך פירן. קײנער זאָל נישט זען, קײנער זאָל נישט הערן, װאָרעם די מענטשן זײנען רשעים, זײ קענען מיך נאָך פאַרמסרן! זעסט, װאָס פאַר אַ פינצ־טערע װעלט אונדז בײדן איז באַשערט? נאָר גײ, האָב צו גאָט טענות! איך בעט דיר, זאָל דיר נאָר נישט אײנפאַלן אַ בלעקע צו טאָן... װאָרעם דעמלט װעלן מיר בײדע זײן פאַרלױרן...

דאָס קעלבל האָט משמעות מיטגעפילט דעם טאַטן און האָט נישט געבלעקעט.

און װי האָט דעם טאַטנס הײזעריקער קול געציטערט, װען ער האָט יצחקן אױפגעװעקט אין מיטן דער נאַכט און אים געהײסן גײן אױף די פעלדער גנבענען אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ בינטל מערן אָדער אַ קעפּל קרױט, כדי די פרעסערס זײנע, װי ער פלעגט אָנרופן זײנע קינדער, זאָלן אים נישט אַרונטערפרעסן דעם קאָפּ!

װען די קינדער האָבן געפּאָקט און געמאָזלט און אין שטוב איז נישט געװען קײן גראָשן אַפילו צו רופן אַ דאָקטער — דעמלט האָט דעם טאַטנס שטים שױן גאָרנישט געװוסט צו װעמען און אױף װעמען צו שרײען... די געשרײען האָבן אים געשטיקט, געװאָרגן אין האַלדז.

יצחק דערמאָנט זיך די „לכו נרננה׳ס״ פון די פרײטיק־צו־נאַכטס בײ קבלת שבת: „לאָמיר זינגען״... איז דעם טאַטן אַזױ גוט געגאַנגען ער זאָל זינגען, ער זאָל זיך פרײען? מיט װאָס? מיט דער פּושקע געלער זאַמד, װו עס האָבן געשטעקט צװײ געלע ליכטלעך? מיטן קױלעטש פאָשלאַדנער מעל, װאָס אײדער דער טאַטע מאַכט אױף אים קידוש װערט ער פון די הונגעריקע אױגן אײנגעשלונגען? סײ װי קומט יעדן אָן אַ כזית די גרױס! װאָס פאַר אַ „לכו נרננה״ איז דאָס? װאָס פאַר אַ געזאַנג? װאָס פאַר אַ שמחה?

און זײן קול צו שלוש סעודות, װאָס מען דאַרף פאַרװען מיט שמחה, מיט זאָרגלאָזיקײט, מיט דבקות? האָט ער דען צוליב דער ביסל קאַלטער שטשאַװיע, װאָס איז איבערגעבליבן פון פרײטיק, געמעגט זאָגן אַזאַ גרױסן ליגן, אַז „...ד׳ רועי לא אחסר״ (װען גאָט איז מײן פאַסטעך, פעלט מיר גאָרנישט?) מעג מען זאָגן ליגן פאַר גאָט? מעג ער משה יאָסל, אַרױס־ברענגען פאַרן מויל די װערטער, װאָס מען זאָגט צו שלוש סעודות: „...דשמת בשמן ראשי כוסי רויה״ (דו האָסט געזאַלבט מיט אײל מײן קאָפּ און מײן כוס איז פול מיט זעטיקונג)? װי האָט ער פאַרט זיך דער־

וועגט צו זאָגן, אַז „אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי..." (גוטס און גנאד יאָגן מיך נאָך מיין גאַנצן לעבן לאַנג)? וואָס פאַרא גוטס, וואָס פאַר אַ גנאד האָט אים דען נאָכגעיאָגט? ער, וואָס דער שלים-שלימזל האָט אים נישט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן זינט ער איז געבוירן געוואָרן, גייט זיך באַרימען פאַר גאָט, אַז אים פעלט גאָרנישט, אַז ער באָדט זיך ממש אין גוטס און אין גליק... ווי זאָל די שטים נישט ציטערן ביי אים, ווי זאָל די צונג זיינע זיך נישט פּלאָנטערן ביי אַזאַ ליגן?

זיין צונג האָט זיך געפּלאָנטערט ביז נאָך מעריב. מסתמא איז דאָ אויך געווען אַן אַנדער סיבה, וואָס דער שבת קודש גייט אַוועק און פאַר אים פונקט ווי פאַר די רשעים אין גהינום הויבט זיך אָן פון דאָס ניי אַ וואָך פון יסורים, פון קללות און פון חרמות?

מילד און ווייך פלעגט זיין טאַטנס שטים ווערן נאָך ביינאַכט אין די סעדער, וואָס ער פלעגט אָפּדינגען. עטלעכע זומערן האָט יצחק פאַרבראַכט מיטן טאַטן אין די סעדער. ער פלעגט העלפן היטן דעם טאַטנס סאָד פאַר גנבים. אַ ווערעמקייט צעגיסט זיך אין זיין האַרצן, ווען ער דערמאָנט זיך אין יענע נעכט. געווים פלעגט ער מורא האָבן פאַר די גנבים אַ סך מער ווי זיי פאַר אים, געווים פלעגט ביי אַ שאָרך וואָס ער פלעגט פאַרנעמען, זיין הערצל קלאַפּן סכנות נפשות; עס האָט אים אָבער פאָרט הנאה געטאָן, וואָס דער טאַטע פאַרלאָזט זיך אויף אים ווי אויף אַ גרויסן. אַ וועכטער איז ער געווען. אַ גרויסן שטעקן האָט ער געהאַט, אַ הונט פלעגט אים באַגלייטן.

— היינט איז אַ רואיקע נאַכט. לייג זיך צו אַ ביסל, יצחק.

— ניין, טאַטע. איך בין גאָרנישט פאַרמאַטערט. איך בין גענוג געשלאָפן נאָך מיטאָג. איך וועל בלייבן וואך.

— ס'איז נישט נויטיק, יצחק, איך וועל אויף זיין. דו מעגסט גיין זיך לייגן. איך זע שוין: היינטיקע נאַכט וועט זיין רואיק.

צאַרט איז געווען דעם טאַטנס שטים, אָן אַ סימן פון כעס, גלייך ער וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געקענט דאָס קול אויפהייבן. ווער וואָלט דאָס געגלויבט, דער טאַטע זאָל קענען אַזוי ווייך זיין?

יצחקן האָט זיך בעת מעשה געגלוסט צו וויינען. ער האָט אין דער רגע כמעט ווי ליב באַקומען דעם טאַטן. ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער צוגעגאַנגען צום טאַטן און אים אַ קוש געטאָן. ער איז געווען צעטומלט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז מיט דעם דאָזיקן בייזן יידן געשען.

און פּלוצלונג:

— וואָס שטייסטו ווי אַ לייטענער גולם מיט פאַרגלאָצטע אויגן? גיי צום פּלויט! ריר זיך אַ ביסל...

דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער קול, אַבי ער האָט געמיינט...

נאָכן אַרונטערנעמען די אויבסט פון די ביימער, פאַר ימים נוראים, פלעגט דעם טאַטנס קול זיך ווידער פאַרפינצטערן. ער פלעגט אויף ס'ניי זיך נעמען צום שילטן, ביי טאָג, ביינאַכט, אָן אויפהער. דער הונגער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין שטוב. צו פאַרדינען איז נישט געווען וווּ, האָט מען געמוזט זיך באַגנוגענען מיט די פּאָר שוועמלעך, וואָס מען פלעגט צונויפקלייבן אין וואַלד; האָלץ איז נישט געווען פאַרוואָס צו קויפן, פלעגט מען מוזן טריקענען די שישקעס פון די נאָדל־ביימער.

דער טאַטע האָט געהאָרעוועט פון קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט מיטגעהאָלפן, און דאָך האָט נישט געקלעקט קיין חלה אויף אַ מוציא.

דער אָרעמער, בייזער טאַטע פלעגט אומגעדולדיק שטעלן איין פראַגע נאָך דער צווייטער:

— פאַרוואָס האָט דאָס קראַנקע קיעלע, וואָס איך האָב אויסגעפּאַשעט, אויסגעצויגן די קאָפּיטעס?

— פאַרוואָס איז דער פּרייז אויף די געגנדז אַזוי שטאַרק געפאַלן, אַז איך האָב געמוזט צוריקפירן די געשאָכטענע געגנדז פון שטאָט? כאָטש נעם און עס זיי אַלע איינער אַליין אויף!...

— פאַרוואָס רעגנט דורך מיין שטרויענעם דאַך אַריין, אַז עס פעלן אוים באַליעס און שיסלען און די בעטן ווערן פּיטש־נאַס?...

— פאַרוואָס זאָלן ידווקא די פערד, וואָס איך קויף, זיין געגנבעטע? מען וועט מיך צום סוף אין טורמע אַריינזעצן!...

— געוואַלד געשריען. פאַרוואָס? פאַרוואָס?

ווער וועט זיך אונטערנעמען אים צו ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגעס?

זיינע פּלייצעס האָבן זיך אַלץ מער און מער אויסגעקרימט, אַזוי אַז צום סוף האָט זיין צעבראָכענער גוף אויסגעזען ווי אַ פראַגעצייכן.

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פלעגט דער ווינט נאָכמאַכן דעם טאַטנס קול; דער ווינט איז אויך געווען אַזאַ בייזער און אַזאַ גיפטיקער, בעת ער האָט געריסן די לאָדנס פון די פענצטער, בעת ער האָט געמאָנט — מען

וייסט נישט וואָס, מען ווייסט נישט פאַרוואָס. ביידנס קולות פלעגן זיך אויסמישן. דער טאַטע האָט זיך געביייזערט אויף דער זאַוויערוכע, אויך דער ווינט — זעט אויס — איז געווען ברוגז מיטן טאַטן; ביידע האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער גרימצאָרן אויף די אָרעמע קינדער, וואָס האָבן געציטערט און געטרייסלט זיך פאַר שרעק און פאַר קעלט.

די דאָזיקע ווינטער-נעכט זיינען יצחקן אַריין אין די ביינער, און ער היום, ווען ער דערמאָנט זיך אָן זיי, גייט אים דורך אַ סקרוך דורך אַלע אברים.

יצחק קוקט אָן דעם טאַטנס געלן איינגעשרומפּענעם פּנים; נישטאָ מער וועמען פיינט צו האָבן! ווען אַ טאַטע שטאַרבט, שטאַרבט אויך אָפּ אַלץ, וואָס מען האָט פיינט געהאַט אין אים און אַרום אים: שטאַרבט אָפּ די היים די אַלטע, שטאַרבן אָפּ די קללות, קיין זאַך האָט נישט מער קיין זיגען, קיין ווערט.

די זכרונות אָבער לעבן. יצחק דערמאָנט זיך אַ טאָג, ווען אסתר איז אַזוי קראַנק געווען און דער טאַטע האָט מיט אַ קלאָניצע איר געוואָלט שפּאַלטן דעם קאָפּ, ווייל זי האָט זיך דערוועגט צו בעטן אַ שטיקל צוקער. [illegible]ון באַלד דערנאָך איז ער אַרויסגעלאָפן פון שטוב גלייך אַ שלאַנג וואָלט [illegible] אַ בים געטאָן. דאָס האָט אים זיין אייגן קול אַ שטיק נשמה אויסגע[illegible]ן. ער איז געלאָפן אין שטאָט אַריין ברענגען אַ לויט צוקער פאַר דער קראַנקער אסתרל.

דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר ימים-נוראים. ראש-השנה איז דער טאַטע געגאַנגען אַ מהלך פון דריי וויאָרסט אין שטאָט אין שול אַריין; יצחק האָט אים אונטערגעטראָגן דעם טלית. דער טאַטע האָט דעם גאַנצן וועג געקרעכצט:

— איי טאַטע-פאָטער! איי, טאַטע-פאָטער אין הימל!

דאָס איז געווען אַ מין צוגרייטונג צום „אבינו מלכנו“, אַן אַריינפיר אין דער בקשה, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם רבונו של עולם, ער זאָל אַזוי גוט זיין און אים באַוויליקן אַ גוט יאָר; ער זאָל אָפּשאַפן פון אים אַלע „גזרות קשות“, ער זאָל צעשטערן די געדאַנקען פון משה יאָסלס שונא-אים, ער זאָל דערוויטעדן פון אים מלחמה, הונגער, מגפות און פורעניות מכל המינים.

אַן אונטערטעניק קול האָט דער טאַטע דעמלט געהאַט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ געטרייען אונטערטאַן פון דעם מלך מלכי המלכים. ער האָט

געוויינט און געבעטן; ער האָט צוגעזאָגט דעם רבונו של עולם, אַז ער וועט שוין זיין פרום און גוט, אַבי ער זאָל אים נאָר אַריינשרייבן אין זיין „ספר זכיות“, אין זיין „ספר פרנסה וכלכלה“, אין זיין „ספר גאולה וישועה“. און אין זיין „ספר מחילה וסליחה“. וואָס אַרט דאָס דעם רבונו של עולם, אַז ער וועט דעם געפייניקטן משה יאָסלען אַריינשרייבן אין דעם ספר פון די ברכות? משה יאָסל זאָגט אים צו, אַז ער וועט שוין מער קיין איין קללה נישט אַרויסברענגען אויף זיינע ליפּן, נישט קעגן ווייב, נישט קעגן די קינדער, נישט קעגן קיין מענטשן. און טאָמער הלילה וועט ער זיך אַמאָל פאַרגעסן און וועט אַ שילט טאָן, וועט ער דערמיט מיינען נישט קיין שלעכטס. טאָ זאָל שוין גאָט מאַקע אים ענטפערן און ער זאָל אים נישט אַוועקשיקן פון זיך מיט ליידיקע הענט!

געקומען צוריק אין שטוב, האָט דער טאַטע תיכף פאַרגעסן, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם רבונו של עולם, פאַרגעסן דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט מיט אים געמאַכט אין שול. און ער האָט ווידער געשאָלטן. די געוווינהייט איז אין דעם שולדיק געווען, אָבער אויך די... צרות.

היינט פאַרשטייט שוין יצחק פון וואנען דעם טאַטנס קללות האָבן זיך גענומען. דעמלט אָבער האָט ער דאָס נישט פאַרשטאַנען, ער איז געווען פול מיט תרעומות אויף זיין טאַטן, וואָס אפילו ראש־השנה האָט ער א האַרץ צו שילטן זיין אָרעם ווייב און זיינע אייגענע עלנטע קינדער, וואָס זיינען אפשר געווען נאָך מער פאַרלאָזן ווי אמתע יתומים.

דערפאַר אָבער איז יום־כפור געווען א טאָג, ווען דער טאַטע האָט צו רו געלאָזט זיין משפחה. שוין ערב יום־כפור האָט דער טאַטע אויפגע־הערט צו שילטן. פאַרקערט, ער האָט גאָר געבענטשט זיינע קינדער, ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף יצחקס קאָפּ, אויף רייזלס קעפּל, ער האָט זיי געבענטשט ווי דער מנהג איז.

צו כל נדרי האָבן אַלע יידן פון דאָרף זיך צונויפגעקליבן אין פנחסעס כאַלופּע, וואָס איז געווען א קאַפּעלע געררוימער ווי די איבעריקע כאַטעס. דאָס געוויין פון די יידן און פון די יידענעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין פירהויז, האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין געשריי פון תחנונים. און דאָך האָט יצחק אַרויסגעהערט דעם טאַטנס קול, דעם טאַטנס געוויין: „על חטא שחטאנו לפניך באונס או ברצון“..., איבער געוואַלד און נישט איבער געוואַלד. יאָ, געזינדיקט האָט דער טאַטע מער איבער געוואַלד ווי

נישט איבער געוואַלד. זיין אָרעמקייט האָט אים געצוווּנגען דערצו; זיין נויט האָט אים געטריבן צו דער „שנאת חנם", צו דער „טפּשות פּח", צו דעם נאַרישן שילטן. יצחק האָט דאָס שוין דעמלט פֿאַרשטאַנען. דערפֿאַר האָט ער אים מוחל געווען אַלץ.

האָט אים אויך גאָט מוחל געווען זיינע חטאים?

אויף יעדן פֿאַל האָט דער טאַטע צום נייעם יאָר זיך קנאַפּ וואָס געענדערט ווייל זיין מזל האָט זיך נישט געענדערט. און אַזוי יאָר־איין יאָר־איים. נאָך יעדן יום כּפּור פֿלעגט די קריגעריי מיטן זיידן, מיט דער באָבען, מיטן פֿעטער און מיט דער מומען זיך פֿאַרשטאַרקן:

— די האָסט דאָס געזאָגט... זי האָט יענץ געזאָגט...

— ווער האָט געזאָגט? ביסט א מיאוסער ליגנער... ביסט א גנב...

— און דו ביסט נאָך ערגער ווי א גנב...

— און דו ביסט א קאַטאָרזשניק...

— איך וועל דיר באַלד געבן א קאַטאָרזשניק, וועסטו האָבן צו געדענקען דיין גאַנץ לעבן לאַנג.

— ווער האָט פֿאַר דיר מורא? געזען עפּעס?

איז אַזוי אָן אַ סוף און אָן אַן עק.

א קול פֿול מיט רציחה, מיט גיפֿט, מיט אומגליק. דעם טאַטנס קול האָט באַהערשט יצחקס קינדהייט. אין דעם טאָן פֿון דעם טאַטנס שטים האָט יצחק זיך אויסגעלערנט צו באַמערקן יעדע ענדערונג, וואָס פֿלעגט פֿאָרקומען צום שלעכטן אין דעם טאַטנס געשעפֿטן, אין דעם וועטער, אין אַלץ... ער האָט אפֿילו נישט געדאַרפֿט אים אָנקוקן, כּדי צו וויסן וואָס און ווען, כּדי צו פֿאַרשטיין, אז איצט איז די מינוט ער זאָל וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פֿון דעם טאַטנס אויגן.

משה יאָסל און זיין משפּחה האָבן סוף כּל סוף זיך אַרויסגעקליבן פֿון דאָרף אין שטאָט אַריין. יצחק איז אָנגעקומען פֿאַר א לערניינגל ביי א לאַטוטניק אין וואַרשע, אויף דער סמאָטשע־גאַס. דאָ האָט ער געקריגן צו שפּירן דעם טעם פֿון א פֿרעמדער שטים:

— איטשע! דעם מיסטקיבל האָסטו שוין אַרויסגעטראָגן?

— איטשע! דו האָסט נאָך אַלץ נישט אויסגעקערט די שטוב? איטשע, איטשע...

און די ביידע שטימען, דעם טאַטנס און דעם לאַטוטניקס, האָבן זיך אויסגעמישט אין זיין געהער. די צווייטע האָט פֿאַרענדיקט צו פֿאַרסמען זיין בלוט, וואָס די ערשטע האָט נישט באַוויזן צו טאָן.

באַלד האָט בײַ יצחקן זיך באַוויזן אַ נײַע שטים, אַן אײגענע. יצחק האָט געזונגען און האָט זיך געוואונדערט, פון וואַנען עס נעמט זיך בײַ אים דאָס זינגען. משה יאָסל האָט אין יצחקס שײנעם קולכל באַלד דערטאַפּט אַ נײַעם מקור פון פּרנסה. דאָס צוועלף־יעריקע ייִנגל האָט פון דעמלט אָן „גאַסטראָלירט“ אין דעם שענק מיט זײַן אײנציקן נומער, דער „קידוש“, פאַר אַ כאַפּטע ווילע יונגען און כאַנטעס.

משה יאָסל האָט עמיגרירט קײן פראַנקרײַך. אויף עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנדער איז דעם טאַטנס קול פאַרשוויגן געוואָרן. יצחק איז איצט געווען דער דערנערער פון דער מאַמען; די איבעריקע קינדער זײַנען זיך צעגאַנגען, איטלעכער וווּהין די אויגן האָבן אים געטראָגן.

און אָט האָט פון העלער הויט דער טאַטע זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ מאַן און אַ טאַטע, און האָט אַ טײל פון דער משפּחה זײַנער אַראָפּגענומען קײן פּאַריז. ווידער האָט יצחק פאַרנומען דעם טאַטנס שטים:

— מאַרשאַן ד׳האַבי, שמאַטע־הענדלער.

יצחק האָט שוין געוווינט באַזונדער און ער פלעגט הערן דעם טאַטנס קול נאָר פון צײַט צו צײַט. ער האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין אַ וועלט פון אַנדערע שטימען, פון גאָר אַנדערע קולות.

אַזוי איז דאָס לעבן געגאַנגען ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה.

און נאָכדעם:

אין אַ קלײנעם דאָרף אין דרום־פראַנקרײַך האָט משה יאָסלס משפּחה זיך באַזעצט. דער טאַטע איז שוין געווען דעמלט אַ צעבראָכענער ייִד, זײַן שטים האָט געציטערט. פון צײַט צו צײַט האָט ער נאָך געפּרוווּט אַ שלײדער טאָן אַ קללה סתם אין דער וועלט אַרײַן, אָבער זי האָט שוין מער קײן טעם נישט געהאַט.

איצט איז יצחק געשטאַנען בײַ זײַן טויטן־בעט. טרערן האָבן זיך געקײַקלט פון די אויגן און עפּעס אַ שטים — דעם טאַטנס, צי זײַן אײגענע אפשר — האָט זיך ווידער פונאַנדערגעזונגען אין אים: „יום זה מכובד מכל הימים כי בו שבת צור עולמים“.

דער פּאָרטרעט פֿון מײַן מאַמען

אײף די װענט פֿון דער בילדער-גאַלעריע זענען געהאַנגען א סך פּאָרטרעטן, פּײזאַזשן און שטיללעבנס, נאָר אײן בילד, האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן שטח פֿון מײַן ראיה: דער פּאָרטרעט פֿון מײַן מאַמען.

ער האָט אױסגעפֿילט אַלע זאַלן פֿון דער בילדער-גאַלעריע; זײַן בליק האָט מיך באַגלײט, האָט מיך געפֿירט פֿון אײן בילד צום אַנדערן. און בײַ יעדן נײַעם בילד, בײַ װעלכן כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט, איז בולטער געװאָרן א געװיסער שטריך פֿון זײַן פּנים, האָב איך אַנטדעקט עפּעס נײַס, נאָך א שטריך פֿון גוטסקײט, נאָך א שטריך פֿון מסירת-נפֿש, נאָך א געדאַנק, נאָך א גרוס פֿון דורות פֿאַרגאַנגענע און נאָך א דערמונטערונג פֿון דורות נאָך נישט געבױרענע.

און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מײַן מאַמעס פּאָרטרעט פֿילט זיך נישט הײמיש צװישן אָט די אַלע בילדער, װאָס געהערן צו א װילדפֿרעמדער װעלט, צו אַ װעלט, װאָס האָט צו איר, צו מײַן מאַמען, קײן שום שײַכות נישט. ער האָט זיך װי געבעטן רחמים, מען זאָל אים פֿון דאָרט אַרױסנעמען; ער האָט װי געהאַלטן אין אײן טענהן: „װי קום איך, א ייִדישע פֿרױ, אין מײַן שװאַרצן, אַלטמאָדישן קלײד, צװישן אָט די אַלע עלעגאַנטע דאַמען, װאָס גײען אױסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, צװישן די דעקאָלטירטע דאַמען, מיט די נאַקעטע אָרעמס און מיט די לילית-פּנימער? װאָס פֿאַר א שײַכות האָב איך מיט די דאָזיקע זוניקע לאַנדשאַפֿטן, װאָס שפּרודלען מיט פֿרײד? װי קום איך צו די מיט כל-טוב באַלאָדענע טישן? װי קום איך אַהער, איך, אַן עלטערע ייִדישע פֿרױ מיט א געזיכט א דורכגעאַקערטס פֿון צער און פֿון יסורים?“

מײַן מאַמעס פּאָרטרעט האָט אױפֿגעהױבן א מידע אַדערדיקע האַנט און זיך פֿאַרשטעלט די אױגן, װי בײַם ליכט-בענטשן: „לכּבֿוד גאָט, לכּבֿוד אונדזער געבאָט, לכּבֿוד דעם ליבן שבת קודש, װאָס גאָט

האָט אונדז געגעבן און האָט אונדז געבאָטן די ליבע מצווה, אַז איך זאָל מקיים זיין און זי זאָל זיין געוויגן אַזוי ווי כל תרי״ג מצוות פון כל ישראל אמן, כן יהי רצון!“. שנירלעך טרערן ווי פּערל זענען אַראָפּגערונען פון מיין מאַמעס אויגן און זיך אָפּגעשטעלט אין די צוויי ליפּן־ווינקעלער, גלייך זיי וואלטן געהאַט בדעה זיך צונויפצוטרעפן מיט מיין מאַמעס תחינה.

און פּלוצלונג דערזע איך, ווי מיין מאַמעס פּאָרטרעט גייט אַרויס פון דער ראַם, און פּאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט, שלייכט ער זיך אַוועק ערגעץ ווייט אין קליינע יידישע שטעטלעך אין פּוילן. אַ פּשוטע יידישע מאַמע, מיט קינדערלעך אַרום, וואָס זי דאַרף דערנערן. אין דער היים איז אַ דחקות, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען, נאָר זי ווייסט, אז מען טאָר נישט זינדיקן. דער עיקר איז: בטחון... וואָס זי בייט אויס אַלעמאָל אויף אַ שטיקל ברויט און אויף אַ פּאָר קאַרטאָפל.

די לילית־פּנימער אין דער גאַלעריע קוקן נאָך מיין מאַמען מיט דערשטוינטע בליקן, באַמיען זיך צו דערגיין וואָס עס איז דער מער מיט דעם דאָזיקן אויסטערלישן פּאָרטרעט.

נאָר איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך צו באַזינען, האָב איך שוין געהאַט ארונטערגעריסן דאָס בילד פון דער וואַנט און בין געלאָפן מיט דעם צו דער טיר. דאָס האַרץ האָט אין מיר געשלאָגן סכנות־נפשות, די קני האָבן זיך געבויגן, ס׳איז מיר אַזוי שווער געווען, גלייך איך וואָלט געטראָגן ווער ווייסט וואָסער משא אויף די פּלייצעס.

די נאַכט אין תפיסה־קעמערל האָב איך זיך נישט געפילט איינזאם. געוויס האָט מען דאָס בילד פון מיר געהאַט צוגענומען. דאָס איז דאָך געווען א בפירושע גנבה! אָבער דעם אקט פון דער דאָזיקער גנבה האָט מען ביי מיר נישט געקענט צונעמען. ער איז ביי מיר געבליבן אויך אין דער תפיסה און זיך איבערגעחזרט אַלע רגע אָן שום חרפה פון מיין זייט.

איך בין איינגעשלאָפן אַ רואיקער א גליקלעכער, אַן אויסגעלייזטער פון אַלע קוואַלן וואָס האָבן מיך יאָרנלאַנג געהאַט געפּייניקט. איך בין געווען צופרידן מיט מיין גורל.

און איך ווייס נאָך אַלץ נישט, צי דאָס איז געשען אויף דער וואר. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך אַפילו געשראָקן צו דערגיין דאָס דאָזיקע רעטעניש. איך האָב עפּעס מורא געהאַט פאַרן אמת.

צווײ מענטשן

(סקיצע)

טויזנטער פֿאָר פֿיס האָבן געטראָטן איבערן ברוק צום לאַנגזאַמען טאַקט פֿון שאָפּענס טרויער־מאַרש. ס'איז געווען אַ שײנער, זוניקער האַרבסט־טאָג. די בײמער, בלומען און דאָס גראָז פֿונעם פּאַרק, דורך וועלכן די לוויה האָט זיך געצויגן, האָבן זיך געטובלט אין זון. אין עק גאַס איז געשטאַנען אַ בנין דעקאָרירט אין שוואַרצן. די באַגלײטער פֿון פּאַולס קערפּער האָבן נישט געקוקט צום פּאַרק, וואָס איז פֿאַרגאָסן געווען מיט זון. זײערע בליקן זענען געווענדעט געווען צום שוואַרצן טויער, פֿון וואַנען מען האָט אַרויסגעטראָגן דעם ארון פֿון פֿאַרשטאָרבענעם חבר.

די לוויה האָט זיך געצויגן איבער עטלעכע בולוואַרן און האָט פֿאַרשטאָפּט די אַרומיקע געסלעך. אין דעם האַרבסט־טאָג איז געווען טרויער און זון.

איך בין געגאַנגען און האָב געטראַכט וועגן דעם אָוונט, ווען איך האָב באַשטימט זיך צו טרעפֿן מיט פּאַולן, כדי מיט אים איבערצושמועסן עפּעס אַ פּאַרטײ־ענין. געדוכט האָט זיך מיר, אַז דאָס איז שוין אַ לאַנג־פֿאַרגאַנגענע זאַך, אָבער אין דער אמתן האָבן יענעם אָוונט פֿון דער לוויה אָפּגעטײלט נישט מער ווי עטלעכע טעג.

פֿאַרוואָס זשע איז דאָס שווער זיך פֿאָרצושטעלן? די עטלעכע טעג זענען פֿאַרבײ ווי אין אַ געדיכטן, שוואַרצן וואָלקן. פּאַול איז צום אָפּגערעדטן אָרט נישט געקומען. איך האָב געוואַרט, געוואַרט און אַ מידער פֿון וואַרטן, האָב איך אַרויסגענומען פֿון קעשענע די צײטונג און אויף דער ערשטער זײט האָב איך פּלוצים איבערגעלײענט די טרויעריקע ידיעה.

איך האָב לכתחילה גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? טויט? ווי אַזוי? מיט אײן טאָג צוריק האָב איך זיך אָפּגערעדט צו טרעפֿן מיט אים.

און דאָך איז עס געווען אמת.

איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער און אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען וואָס, אייגנטלעך, איז דאָ פֿאָרגעקומען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיין נישט קומען צום אָפּגערעדטן אָרט — ער, וואָס איז תמיד אַזוי פּינקט־לעך און האָט נאָך קיינמאָל קיין זאַך נישט פֿאַרפֿעלט — האָט גאָר קיין שייכות נישט מיטן טויט.

איך וויל דאָ אָבער דערציילן פֿון נאָך אַ פֿאַל, דערציילן וועגן אַ קליי־נער פּאַסירונג וואָס האָט געטראָפֿן אינעם זעלבן טאָג.

ס'איז אַזוי געווען: די הויז־וועכטערין האָט זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז דער אַלטער „גאָרנישט" — אַזוי פֿלעגט זי אים רופֿן — איז שוין עטלעכע טעג נישט אַרויסגעגאַנגען אויף די שטיגן. איז זי אַוועקגעלאָפֿן און געמאָלדן עס דער פּאָליציי. אין אַזאַ פֿאַל פֿירט זיך, אַז עס מוזן בייזיין נאָך צוויי עדות. איינער פֿון די צוויי עדות בין איך געווען.

מיר הייבן זיך אויף צום זעקסטן שטאָק און קלאַפּן אָן אין דער טיר. קיינער ענטפֿערט נישט. מען קלאַפּט אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל — ס'בלייבט נישט מער, ווי אויפֿצוברעכן די טיר.

אַריינקומענדיק, דערלאַנגט אונדז אַ שלאָג אַ ווילדער ריח. אונדזער אומגעריכטער באַזוך האָט איבערגעשראָקן די מייז, וואָס האָבן זיך גע־פּאָרעט אַרום עסנוואַרג אויפֿן טיש. דאָס שמוציקע בעטל איז געווען צע־דודערט. מיר קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן. און עס פֿאַלט מיין בליק אויף אַ פּאָר שיך, וואָס קוקן קרום אַרויס פֿון אונטערן בעטל.

דאָס איז ער, דער „אַלטער גאָרנישט", געלעגן אַוועקגעוואָרפֿן פֿאַר די מייז, וואָס האָבן געטאַנצט אַרום אים.

ביים פֿאַלמעסן דעם טויטן קערפּער איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז שוין עטלעכע טעג, ווי ער איז אַזוי געלעגן טויט. נאָכזוכנדיק אין זיינע פּאַפּירן, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער רופֿט זיך פֿראַנסואַ דיוואַל. דאָס איז אַלץ.

אויף זיין לוויה האָט קיין מוזיק נישט געשפּילט. קיין קרענץ האָט אים קיינער נישט נאָכגעטראָגן. און דאָך איז ער איצט געווען עפּעס מער ווי אַ „גאָרנישט". צוויי מענטשן זענען נויטיק געווען, בכדי אים אַרונטערצוטראָגן, אַ שטיק ערד האָט מען געמוזט קריגן, כדי ערגעץ־ווו צו באַהאַלטן אים — נישט מער און נישט ווייניקער ערד ווי אַנדערע.

אין אָוונט, נאָכדעם, ווי ער איז שוין דאָרט נישט געלעגן, האָב איך שטילערהייט, קיינער זאָל נישט זען און הערן, באַטראַכטן דאָס פאַרבליבענע קעמערל און האָב מיט אַ פאַרשטיקט קול געזונגען דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד, דאָס טרויער־ליד.

צוויי מענטשן האָב איך פאַרלוירן אין איין טאָג: דעם גרויסן רע־וואָלוציאָנער פאַול און דעם „אַלטן גאָרנישט“ פראַנסואַ דיוואַל.

דער לײדיקער קאָנווערט

צען, אָדער צוועלף שטיגן דאַרף מען אַרונטערגיין און — מען איז אויף די גאַסן פון פּאַריז. לאַנגע, לאַנגע גאַסן. אומעטום קאָכט, רוישט. אַלצדינג שווינדלט אין אַ קאַראַהאָד. און מען ווייסט נישט, צי זאָל מען לויפן, אָדער גיין לאַנגזאַם.

מענדל האָט געמוזט פאַרגיכערן זײַן טראָט, נישט אַזוי צוליבן געדראַנג, וואָרעם ער איז אַרײַנגעקומען אין אַ ווײניק־באַלעבטער געגנט, נאָר צוליב דער מורא צו בלײַבן שטיין. ער וועט דאָך מוזן עפּעס באַשליסן.

ס'איז שוין געווען נאַכט און מענדל האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ לאַמטערן. ער האָט אויפגעזוכט דאָס צעקנײטשטע שטיקל פּאַפּיר מיטן אַדרעס, וואָס אַ קרוב האָט אים מיטגעגעבן פון בערלין. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם ערשטן פאַרבײַגײער און יענער האָט אים געוויזן, וווּ ער האָט צו גיין.

שפּעטער איז ער געקראָכן אויף טונקלע שטיגן און האָט אײַנגעאָטעמט דעם ריח פון בית־הכסאות מיט אויפגעריסענע טירלעך. ער האָט פאַרנומען פון ערגעץ דאָס קוויטשענדיקע קול פון אַ ייִדענע, אַ לאַנגער, טונקעלער קאָרידאָר. מענדל שטייט מיט האַרצקלאַפּעניש. ער וואָלט כאָטש געוווסט, אין וועלכער טיר אָנצוקלאַפּן. אַ רעכטע ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, אַ צעטומלטער, ביז אין דער טונקלקייט האָט זיך פּלוצים אַרײַנגעשניטן אַ שמאָל פּאַסיקל שײַן. ס'האָט זיך געעפנט אַ טיר און אַ מיידל מיט אַ קרוג אין דער האַנט איז אויסגעוואַקסן לעבן מענדלען. זי גייט שעפּן וואַסער — האָט ער געטראַכט — ווי רבקה פון חומש. יענע איז אָבער געגאַנגען צום ברונעם און די דאָ גייט שעפּן וואַסער פון יענעם וואַסער־קראַן, פון וואַנען דער אוויר נעמט זיך...

— האַ, לייזער? — ער איז אַוועקגעפאָרן, זייער ווייט איז ער שוין!...

מענדל האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דער קרוב איז געשטאָרבן. אַ רעכטע ווײַלע זענען בײדע געשטאַנען און האָבן געשוויגן. דורך דער טיר האָט

זיך אַלץ געטראָגן דאָס קול פון דער יידענע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שעלטן. אַ קינד האָט געוויינט.

און דאָס מיידל האָט אַלץ געקוקט אויף מענדלען, עפּעס אין פאַרלעגנהייט און ווי דערשראָקן.

אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָר האָט מענדלס פּנים אויסגעקוקט נאָך מאָגערער ווי געוויינלעך. זיינע העל-גרינע אויגן האָבן געפינטלט נאָך מער צעטראָגענער, ווי שטענדיק. זיין רויטער, שויבערדיקער קאָפּ האָט, דוכט זיך, געברענט.

מיט אַן אומגעשיקטער האַנט-באַוועגונג האָט אים דאָס מיידל פאַרבעטן אין שטוב אַריין. ער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און איז איר נאָכגעגאַנגען. אויף דער גאַז-מאַשינקע האָט זי אַרויפגעשטעלט אַ קענדל וואַסער און אין אַ ווייסע אַרום איז שוין געשטאַנען אויפן טיש טיי און ברויט מיט פּוטער. מענדל איז געווען גענוג אויסגעהונגערט. ער האָט דעריבער געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און זיין פּנים האָט געשמייכלט.

העניע, דאָס מיידל, איז געווען פול מיט ענערגיע. ביי טאָג האָט זי געאַרבעט, ביינאַכט איז זי געווען פאַרנומען אין דער אָרגאַניזאַציע און אין דער צווישנצייט האָט זי נאָך באַוויזן צו רוימען, צו קאָכן און צו האַלטן אין אָרדענונג די אָרעמע באַלעבאַטישקייט. יענעם אָוונט איז זי, פאַרשטייט זיך, אויך געווען פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַציע-ענינים.

האָט זי אים געזאָגט, אַז זי אַנטשולדיקט זיך, ווייל זי דאַרף באַלד אוועקגיין — מען וואַרט אויף איר. האָט ער זי מיטבאַגלייט. אויפן וועג האָט זי אים אָנגערציילט וועגן די טויזנט און איין וואונדער פון פּאַריז. דער עיקר איז אָבער געווען פאַר איר די גרויליגע אַרבעט אין די פּאַריזער יידישע אַרבעטער-קרייזן. געוויס האָט דאָס אַלץ זייער אינטערעסירט מענדלען. אָבער אים האָט איצט געמאַטערט דער געדאַנק: וווּ וועט ער שלאָפן די היינטיקע נאַכט?... שוין די דריטע נאַכט, אַז ער איז נישט געשלאָפן אויף קיין מענטשלעך געלעגער.

דער קלוב איז געווען פול מיט אַרבעטער, דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט געאַרבעט. מענדל האָט געלייענט אויפשריפטן אויף די ווענט, די פּלאַקאַטן, די לאָזונגען, אַריינגעקוקט אין דער וואַנט-צייטונג, באַטראַכט די אַריינגעקומענע חברים.

העניע איז פאַר דער צייט נישט איינגעשטאַנען אויף קיין אָרט. אין קלוב האָט זי זיך געפילט פרייער ווי ביי זיך אין דער היים, דעם האָט זי צוגעוואָרפן אַ שמייכל, פון יענעם האָט זי עפּעס געמאָנט, דעם דריטן

האָט זי האַלב־לאַכנדיק, האַלב־ערנסט, פּשוט אָפּגעזידלט, מיט אַ פּערטן איז זי אַוועק אין אַ ווינקל און האָט דאָרט אַריינגערעדט אין אים אַזוי לאַנג, ביז זיין קאָפּ, וואָס האָט פריער געשאָקלט אויף „ניין“, האָט ביס־לעכווייז איינגעשטימט אויף „יאָ“.

— מענדל! — האָט זי אים פּלוצים אַ רוף געטאָן — קומט נאָר אַהער! זייט באַקאַנט מיט דעם חבר.

דער חבר האָט געהייסן בערל. ער איז געווען אַ קלייענער אין וווקס און אַ פלינקער אין די באַוועגונגען.

— דער חבר איז היינט געקומען, ער וועט מוזן היינטיקע נאַכט נעכ־טיקן ביי דיר! — האָט העניע געזאָגט.

בערל האָט געענטפערט מיט עפּעס אַ ברום, וואָס האָט באַדייט אַזוי גוט ווי: איך. מיין עפּעס! אָפּגעמאַכט! ווי דען אַנדערש?

און מענדל האָט אָנגעהויבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון פּאַריז: ווי געגעסן — נישט געשלאָפן, ווי געטאָגט — נישט גענעכטיקט, געגנבעט אַ ביסל שלאָף, געכאַפּט אַ ביס אין מויל און ווייטער געלאָפן. געשלונגען פּראָקלאַמאַציעס, פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, פאַרלעזונגען. מענדל איז גע־וואָרן אַ פּאַריזער יידישער אַרבעטער — אָן אַרבעט, אָן אַ היים. מענדל האָט געוווּסט, אַז נאָך דער קאַפּיטאַליסטישער אומאָרדענונג, מוז קומען די סאָציאַליסטישע אָרדענונג און אַז די אומאָרדענונג אין זיין אייגענעם לעבן איז אַ פּראָדוקט פונעם אַלגעמיינעם כאָאָס; דערפאַר האָט אים וועגן זיך אַליין קנאַפּ וואָס געקימערט. אַלע זיינע געדאַנקען האָט ער אָפּגעגעבן דער באַוועגונג.

זיינע טעג זענען געווען געגליכן צו די פּאַריזער גאַסן: פאַרשמייעטע, פאַריאָגטע. אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג... ס'איז אַוועק איין יאָר, אַ צווייטס. נאָכן דריטן יאָר האָט מען שוין אויף צו ציילן. פרילינג, זומער, האַרבסט. שטענדיק אַ נישט־דערשלאָפענער, אַ הונגעריקער. דער סאָציאַלער קאַמף האָט זיין אייגענעם קאַלענדאַר, און מענדל האָט געלעבט און געאָטעמט מיט דער אַרבעטער־זאַך.

די אָרגאַניזאַציע איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און מענדל איז דורך איר און מיט איר געוואָרן אַלץ חשובער און אָנגעזעענער. ער אַליין איז געוואָרן אַ טייל פון דער אָרגאַניזאַציע. זיין קאָפּ האָט כסדר צוגעטראַכט נייע פּלענער, גערוימט דעם לאָקאַל, צעשטעלט אין דער ביב־ליאָטעק די ביכער אויף די פּאָליצעס, ער איז אַרומגעלאָפן פון איינעם צום צווייטן:

— חבר, מען דאַרף דאָס! חבר, מען דאַרף יענץ!

וועןזשע וועט ער פאַרט שלאָפן? ווען וועט ער עסן? אַזעלכע פראַגן האָט ער מורא געהאַט זיך צו שטעלן, ווייל ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו ענטפערן אויף זיי. איבעריקנס, איז ער דאָך געווען יונג, און אַ יונגער מענטש קען אין אַ נויטפאַל לעבן אויך מיט אימפּעט.

און מענדל האָט טאַקע דער עיקר געלעבט מיטן אימפּעט און מיט... מוזיק.

מוזיק איז געווען דער איינציקער תענוג, וואָס ער האָט זיך פון צייט צו צייט דערלויבט. אַדורכפאָרן מיט די פינגער אויף דער גיטאַרע עם זאָלן זיך אַ שאָט טאָן טענער, פריילעכע, האַפּערדיקע, דערפון האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט אָפּזאָגן. די חברה איז געווען פאַרגאַפט פון זיין שפּילן און האָט זיך כסדר געבעטן:

— נאָך, מענדל! שפּיל נאָך!

אָדער:

—שפּיל דעם ניגון! שפּיל יענעם ניגון!

העניע פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט מענדלען. איר בליק פלעגט אויסדריקן פיל מער ווי דאָס געוויינלעכע געפיל פון חברישקייט און פריינדלעכער צוגעלאָזנקייט. זי איז אָבער געווען קאַרג אין ווערטער. נישטאָ קיין צייט צו שמועסן. יעדער טאָג, וועלכן מען לאָזט איבער אויפן באַראָט פון קאַפּיטאַליזם, איז אַ פאַרלוירענער פאַרן אַרבעטער. קעמפן מוז מען, קעמפן, אָן אויפהער.

מענדל האָט פון העניעס בליקן געשפּונען צאַרטע חלומות און פון איר האַסטיקן האַנטדרוק זענען אים פאַרבליבן נאָכטראַכטונגען אויף שעהן לאַנג. ער האָט מיט איר בכלל נישט גערעדט וועגן דעם. ער איז דאָך נישט קיין סענטימענטאַל בחורל. אַן אויסגעפּרוטער און פאַרהאַרטעוועטער קעמפער איז ער. האָט ער דען צייט זיך אָפּצוגעבן מיט פערזענלעכע און עגאָיסטישע סענטימענטן? יעדעס מאָל פלעגט ער זיך אַליין אָפּשרצן:

— אוי, מענדל, ס'וואָלט געפּאַסט זאָלסט געבוירן ווערן מיט פופציק יאָר שפּעטער, ווען מענטשן וועלן זיך קענען פאַרגינען אָפּצוגעבן זייער פרייע צייט דער ליבע. דעמלט, ווען דער סאָציאַליזם וועט שוין האָבן טריומפירט אויף דער גאַנצער וועלט.

ער פלעגט פאַרבייסן די ליפּן און אַ שטופּ טאָן זיין מאָגערן קערפּער פאָרויס.

— מען דאַרף אָננעמען סאַנקציעס! — פּלעגט ער זיך וויצלען.
דאָס קליינע אומעטיקע פּלעמל פון בענקשאַפט אין זיינע אויגן האָט געציטערט מיט באַגער.

ציטנוויין האָט זיך אים געדוכט, אַז העניע באַמערקט אים גאָרנישט, אַז זי זעט אין אים נאָר דעם חבר; שטענדיק איז זי אַרומגערינגלט פון אַ באַנדע בחורים. דער נעמט איר אָן פאַר אַ האַנט, יענער וואַרפט איר צו אַ שמייכל; און בערלס אויגן, ווען העניע גייט צו אים צו, באַקומען גאָר אַן אַנדער אָפּשיין. אַ העלער גלאַנץ וויגט זיך אין זיי. בערל איז שוין אַזוי אויך געגוג אומגעלומפּערט אין זיינע באַוועגונגען, נאָר ווען העניע שטייט פאַר אים, ווייס ער שוין אינגאַנצן נישט ווו זיך אַהינצוטאָן. ער שמייכלט פאַרלעגן און רייבט זיך כסדר די נאָז.

אויף אַזוינס האָט זיך מענדל אינגאַנצן נישט געריכט — ער האָט דערטאַפּט ביי זיך אַ געפיל פון אייפערזוכט. ווי אַ וווּנד איז דאָס געפיל געוואַקסן אין אַלע זיינע אברים.

— הע, מענדל, מיט דיר זאָל אַזוינס טרעפן? — האָט ער זיך שטי־לערהייט געבייזערט.

אָבער עס האָט מיט אים געטראָפן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט גענומען נאָכקוקן זיינע קליידער און האָט באַמערקט לאַטעס, לעבער און פלעקן אויף דער מאַרינאַרקע, אויף די הויזן. ער האָט אָנ־געהויבן צו שעמען זיך מיט זיין הילוך, איבערהויפּט דעמלט, ווען העניע איז געווען. זי האָט זיך טאַקע אויך נישט געפּוצט, אָבער אַלץ, וואָס זי האָט געטראָגן, איז געווען אויסגעפּוצט, ציכטיק, ריין.

— הער נאָר, קאָפּ! אָרעמער קאָפּ, דו, נאַרישער קאָפּ איינער — ווער קלאָר!...

פון יענעם אָוונט הייבט זיך אָן מענדלס באַרג־אַרויף. גאָר אינגיכן איז ער געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער, אַ רעפערענט, אַ מיטאַרבעטער אין דער צייטונג. איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו האַלטן אַ רעפעראַט איבערן לעבן און שאַפן פון מאַקסים גאָרקי. העניע איז געזעסן און האָט זיך צוגעהערט. אַ נייעם מענדלען, האָט זיך איר געדוכט, זעט זי, אַ באַ־גאַבטן און קלוגן מענטש. ביז יענעם אָוונט איז עפּעס מענדל געווען אַ טייל פונעם גרויען אַרום און האָט זיך עפּעס קנאַפּ־וואָס אויסגעטיילט פון די איבעריקע חברים. ער איז פּלוצים אויסגעוואָקסן. מיט שפּאָרע באַוועגונגען

האָט ער אַקצעפּטירט זיינע אויספירן. זיין שטים איז געווען געמאָסטן, קלאָר און האָט דאָך וויברירט מיט אַ דינעם ציטער.

נאָכן רעפעראַט האָט זי איבערגעלאָזט אַלע אירע באַקאַנטע און איז אַוועק מיט מענדלען. לענגאויס דער סען זענען זיי געגאַנגען. די אַרו־מיקע שטילקייט, די צעשמירטע פייערן, וואָס האָבן זיך געוויגט אין דער סען, דער רעגלמעסיקער טראָט זייערער — דאָס אַלץ האָט אויפגעלייגט צו נאָענטקייט און פאַרטרויליכקייט. אַ שיכור איז פאַרבייגעגאַנגען אין אַ זיג־זאַג און געפרעדט צו זיך: „איך האָב ליב, דערפאַר טרינק איך, אָבער שיכור בין איך קיינמאָל נישט. וואָס פאַרשטייען זיי, די שיכורים, פון ווין און פרוי"...

אַ גראַמאָפאָן האָט ערגעץ איינגעחזרט דעם רעפריין פון אַ שלאַגער און ס'איז געווען אַ רחמנות אי אויפן גראַמאָפאָן, אי אויפן שיכור. מענדל האָט געטראַכט וועגן גאָרקים העלדן, געטראַכט וועגן זיך, וועגן אייגענעם לעבן...

אין העניעס בליק איז געווען די גאַנצע פאַרשטענדעניש פאַר זיינע געדאַנקען, ווי זי וואָלט זיך די גאַנצע צייט אומבאַמערקט צוגעהערט צו זיי.

זי האָט אים גוט פאַרשטאַנען, העניע. זי האָט פאַרוואָרפן אַ האַנט אויף זיין אַקסל און ער האָט איר דערציילט זכרונות. זי האָט זיך צוגע־הערט און האָט געשוויגן. די וויטיקדיקע זכרונות פונעם מענטשן, וואָס איז איצט געגאַנגען מיט איר, זענען איר פאַרגעקומען ווי אייגענע. זיי זענען זיך צונויפגעוואַקסן מיט אירע געפילן. ס'האָט זיך איר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז זי קען אים שוין פון לאַנג.

עפּעס וואָס האָט זיך געענדערט אין ביידנס לעבן. מענדל איז זי גע־לאָפן אַפּוואַרטן ביים וואַרשטאַט נאָך דער אַרבעט. גיך, גיך פלעגט ער לויפן. דאָס ווייסע שטעקעלע פונעם פּאָליציאַנט הייסט אָפּוואַרטן, אָבער ווי קאָן ער וואַרטן, אַז דער זייגער איז שוין באַלד זיבן און ער האָט נאָך אַזוי פיל גאַסן און געסלעך אַדורכצושניידן ביזן טויער פונעם פאַבריקל, ווו העניע אַרבעט. ער טאָר נישט פאַרשפּעטיקן. זיין לעבן האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען: ליבע.

ער האָט נאָך אַלץ געלעבט אין דחקות, נויט און הונגער, אַלץ געביטן זיינע אַרבעטס=פּלעצער, ווי זיינע געלעגערס, געפּרוווט ווערן אַ שניידער, אַ בייטלמאַכער, אַ פּרעסער, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אָרעמען פאַך — מוזיק=לערער.

און אָט איז ער אַ לערער פון מוזיק. בעלנים זענען פאַראַן אַ סך, אָבער קיינער פון זיי איז נישט בכוח צו צאָלן פאַר דער לעקציע. ער לערנט שפּילן גיטאַרע און אין זיין מאָגן שפּילט דער הונגער. ער הונגערט בייטאָג, לויפנדיק אויף די לעקציעס, ער הונגערט ביינאַכט אויפן האַרטן געלעגער, וואָכן און מאָנאַטן זענען אַוועק אין הונגער און ער האָט אַלץ געלייקנט פאַר העניען, וואָס פלעגט נישט מיד ווערן אים איבערצופרעגן און נישט גלייבן אים, אַז ער האָט שוין געגעסן.

אָבער נאָך שווערער איז געווען, ווען אויך העניע האָט פאַרלוירן די אַרבעט.

איין מאָל האָט מענדל אַרומגעטראָגן ביי זיך געלט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געהאַט איינגעקאַסירט פאַר בילעטן. ער האָט עס פאַרשטעקט, ווי אַלעמאָל, אין דער לינקער קעשענע. אָפּרעכענען האָט ער זיך געזאָלט אין עטלעכע טעג אַרום. ער האָט גאָרנישט געטראַכט, אַז ער האָט געלט ביי זיך. אין אַ קאָנווערט איז עס געלעגן, אין אַ צוגעקלעפּטן קאָנווערט. געזעלשאַפטלעך געלט — עקזיסטירט נישט, ס'איז הייליק, מען טאָר עס נישט אָנרירן, מען טאָר וועגן דעם נישט טראַכטן.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט געעקבערט דער הונגער. יעדע וויטרינע פון אַ בעקעריי האָט מיאוס געווונקען צו אים. אַחוץ דעם — דער געדאַנק, אַז היינט וואַרפט מען העניען אַרויס אויף דער גאַס. מילא ער איז שוין געוווינט, אָבער זי איז דאָך אַ מיידל. ווי קאָן ער דאָס דערלאָזן? מאָרגן, צום ביישפּיל, דאַרף ער באַקומען געלט פאַר אַ לעקציע. מען האָט אים אויף זיכער צוגעזאָגט. און אויסער דעם — קאָן ער דאָך אויך היינט מאָרגן געפינען אַרבעט און אָפּגעבן דאָס געלט דאַרף ער ערשט אין אַ וואָך אַרום.

אין דעם טאָג האָט ער אַליין געגעסן און האָט אויך געקויפט עסן פאַר העניען, ער האָט אויך באַצאָלט דירה=געלט.

אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען אַ מאַניפעסטאַציע פון אַרבעטסלאָזע. ברויט און אַרבעט האָבן זיי געפאָדערט. ער איז געווען צווישן די מאַני=

פעסטאַנט, אָבער געשריען האָט ער נישט. געשריען האָבן פאַר אים אַנ־דערע און די קלעפּ פאַר אַלעמען האָט ער איינקאַסירט. ער איז נישט אַנטלאָפן, ווען עס איז אָנגעפאָרן פּאָליציי און גרויסע אויטאָמאָבילן. ער האָט זיך געלאָזט שלאָגן און טרעטן. „אַלץ איינס — האָט ער גע־טראַכט — דאָס געלט קאָן איר איך צוריק נישט אָפּגעבן, דער אומגליק־לעכסטער מענטש אויף דער וועלט בין איך"...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט די פראַנצויזישע גרענעץ־וואַך אויס־געוויזן אויף דער צווייטער זייט אַ מענטש. אין דער האַנט האָט ער פאַר־קראַמפּט געהאַלטן אַ ליידיקן, צעקנייטשטן קאָנווערט...

אינהאַלט

זייט:

אַ באַגעגעניש מיט אַ הונט 5
אין שפּיטאָל 12
און איין ציגל פון דער וואַגשאָל האָט איבערגעוויגן... 18
דער זעצער צבי 33
דאָס קראַנקע יינגעלע 38
אין אַן אויסגעטראַכטן וואַלד 52
חיימקע 70
אין איינעם אַ זומער 77
אַ נייער פרימאָרגן גייט אויף 92
טריט אויפן שניי 103
אַ „קאָזע“ 109
מיין טאַטנס קול 116
דער פּאָרטרעט פון מיין מאַמען 128
צוויי מענטשן 130
דער לייזיקער קאָנווערט 133